BOSTON PUBLIC LIBRARY

3 9999 08714 883 7

58336 1952
Oct 3



משה העס

משה העם

רוים און ירושלים

איבערזעצונג אין אפהאנדלונג וועגען

משה העס, זיין לעבען, זיין ווירקונג און זיין פילאזאפיע

פון

ד ר. נ ח מ ן ס י ר ק י ן

מאקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יארק.
424 GRAND ST.
NEW YORK

אידישער פערלאג
פיר ליטעראטור
און וויסענשאפט.
MAX N. MAISEL
PUBLISHER

COPYRIGHT

MAX N. MAISEL, PUBLISHER

1916.

* DS135
.G33H58

פאָררעדע

דאָס בעריהמטע ווערק פון משה העס, „רוים און ירושלים", ווערט דאָ איבערזעצט צום ערשטען מאָל אין אידיש. די איבערזעצונג איז אַ פאָלשטענדיגע און נעמט אַריין די בריעף, דעם עפּילאָג, די נאָטען און די אָנמערקונגען. נאָר פון נאָטע 7 זיינען אַרויסגעלאָזען געוואָרען די איינינגע זייטען, וועלכע בעציהען זיך אויף ביאָלאָגישע און כעמישע אונטערזוכונגען.

אין מיין איינלייטונג „מאָזעס העס, זיין לעבען, ווירקען און פילאָזאָפיע", ווערט געגעבען די ביאָגראַפיע פון מאָזעס העס און די קריטישע דאַרשטעלונג פון זיין פילאָזאָפיע בכלל און זיין אויפפאַסונג פון יודענטום בפרט. דעם ביאָגראַפישען מאַטעריאַל וועגען מאָזעס העס האָט צום ערשטען צוזאַמענגעשטעלט תיאָדאָר ז ל אָ צ י ס ט י אין זיין אָבהאַנדלונג וועגען מאָזעס העס (בערלין 1905). די ביאָגראַפיע איז דערגענצט געוואָרען דורך נייע מאַטעריאַלען פון מאַרקס' בריעפוועקסעל מיט ענגעלס און פון בעריכטען פון אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכע מאָזעס העס ווערט דערמאָנט. די פאָרשונג וועגען מאָזעס העס'ס ביאָגראַפיע קען מען אָבער נאָך ניט בעטראַכטען אַלס אָבגעשלאָסען. דער פערזוך דאַרצושטעלען מאָזעס העס אַלס דעם ערשטען סאָציאַליסט-ציוניסט און אַלס דעם בעגרינדער פון דער סאָציאַליסטישער אויפפאַסונג פון יודענטום, איז דאָ צום ערשטען מאָל אונטערנומען געוואָרען.

דר. נחמן סירקין.

פעברואַר 1916, נויאָרק.

אינהאַלט

מאָזעס העס, זיין לעבען, זיין ווירקען און זיין פילאָזאָפיע,
פון דר. נ. סירקין 7

פאָרוואָרט 67

בריעף.

ערשטער בריעף 72

די צוריקקעהרונג אהיים. — די אידישע פרויען. — אַ קוואַל פון דער אידישער געשיכטס־רעליגיאָן. — פאַמיליען־ליעבע. — מאַטער דאָלאָראָזאַ.

צווייטער בריעף 73

גערדאַנקען וועגען טויט און אויפערשטעהונג. — פאַמיליען־קברים. — פערוואַנדטע נשמות. — די אידישע און די אינ־דישע הייליגע. — שאָפּענהויער. — אחרית הימים. — דער שבת פון דער געשיכטע.

דריטער בריעף 76

אונשטערבליכקייט. — רבי יוחנן. — רמבן. — משיחיות.— פאַטער אונזער. — סאָלידאַריטעט. — פראַנקרייך'ס רוף און דער רעאַקציאָנערער געשריי.

פיערטער בריעף 79

דער דייטשער אידען־האַס. — פאַטריאָטישע ראָמאַנטיקער און פילאָזאָפירענדע בוכהענדלער. — אַטטאַ וויגאַנד. — בערטאָלד אויערבאַך. — מאָלעשאָט. — דר. גאָלאָוואַרדין. — די רע־פאָרם און די אידישע נעז. — אַ פאָטאָגראַפישער פּאָרטרעט. העברעאישע תפלות. — פאַטריאָטיזם. — מיין גראָספאַטער. די מאַמע רחל. — נאַציאָנאַלער טרויער.

פינפטער בריעף 86

צוריקבליק. — געשעהעניסען פון דמשק. — אַ שמערץ־גע־שריי. — ממזר בלבול. — העפּ העפּ. — פלוכט אין פראַנק־רייך. — אַ דייטשער עהרליכער מאַן. — גערמאַנישע פאַ־טריאָטען. — זשעפערסאָן. — פאַטערלענדער און מלכים. — וואו עס איז גוט, דאָרט איז דאָס פאַטערלאַנד. — דאָס אי־דישע אינקאָגניטאָ. — די רעליגיאָן פון טויט.— טראָג הויך דיין פּאָהן, מיין פאָלק.

זעקסטער בריעף 92

די אוידעלע פערטרעטער פון דעם דייטשען גייסט. — פאַ־
טריאָטישע אידען. — דער היסטאָריקער גרעץ. — מערסיער.
הערבסט און פריהלינג פון דער וועלט־געשיכטע. — שבתי
צבי. — חסידים. — נאַטור־רעליגיאָן און געשיכטס־רע־
ליגיאָן. — די אידישע מוטער. — וויקטאָר הוגא. — בערנע.
ברוך איטציק.

זיעבענטער בריעף 99

דער רעפאָרם־שווינדעל און די קריטיקלאָזע רעאַקציאָן. —
לוטער און מענדעלסאָן. — דער שליסעל צו דער רעליגיאָן
פון דער צוקונפט. — די דריי עפּאָכען פון אידישען געזעץ.
— דער וויעדער־אויפבוי פון דער אידישער מלוכת.

אכטער בריעף 107

ניי אויפבליהענדע אידישע ליטעראַטור. — לוצאטא, ראַ־
פּאָפּאָרט, פראנקעל, קראָכמאל. — זאַקס און היינע וועגען
יהודה הלוי. — מענדעלסאָן און די נייטאָדישע. — שאר.
— סעקטירער אָהן סעקטען. — סאלוואדאָר. — רעליגיאָנס־
צוגויפמישער און פריימוירער. — הירש. — די כלומרשטע
מיסיאָן פון אידען אין גלות.

ניינטער בריעף 117

אַ דילעמא. — הייליגע געשיכטע פון דער מענשהייט. —
אונזערע בונדעס־גענאָסען. — איינהייט פון מענשען־גע־
שלעכט. — ראסען און פאָלקס־טיפּען. — אָרגאַניזם פון דער
מענשהייט. — אָרגאַן פון ליעבע.

צעהנטער בריעף 123

אַ אַנדערעס דילעמא. — ערפאַהרונגס־וויסענשאפטען, פי־
לאָזאָפיע און רעליגיאָן. — פאָרטשריט און קרייזלויף. —
שבת. — די ענטשטעהונג פון קאסמישען, אָרגאַנישען און
סאָציאַלען לעבען. — די מאָראַלישע נויטווענדיגקייט אָדער
די הייליגקייט. — עפּאָכען פון דער סאָציאַלער ענטוויק־
לונגס־געשיכטע : פּאָרהיסטאָרישע צייטען, געבורטס צווי־
טען און געבורטס־וועהען, עפּאָכע פון רייפקייט.

עלפטער בריעף 134

דאָס רעגענערירטע יודענטום און דער קרבנות־קולט. — צוויי
טויזענד יעהריגעס זיפצען נאָך אַ נייער ליכט־שעפּפונג פאַר
ציון. — פּאַטריאָטישע שירים און תפלות. — אַן אַלטע לע־
גענדע. — צייכען פון צייט. — די צייט פון דער צוריק־
קעהרונג דערנעהנט זיך. — די אָריענטאַלישע פראַגע און
די אידען. — בעגייסטערטער אויפרוף פון אַ פראנצויז.

צוועלפטער בריעף 148

דער אָנהויב פון סוף. — סאָלידאַריטעט פון די אידען. —
פילאַנטראָפּישע אילוזיאָנען. — די סאָציאַלע מלוכה פון די
חיות. — די הייבאַמען פון דעם פאָרטשריט. — די טרייע
בעשיצער פון דעם הייליגען קבר און דער אידישער נאַציאָ־
נאַליטעט. — ירושלים. — די לעצטע קאַטאַסטראָפע.

עפּילאָג.

1. גריכען און אידען 163
2. קריסטוס און ספּינאָזאַ 169
3. די גענעטישע וועלטאַנשויאונג 189
4. דער לעצטער אַנטאַגאָניזם 196
5. די לעצטע ראַסען־הערשאַפט 204
6. אַ שטיק געשיכטע 207

נאָטען.

נאָטע 1 212
נאָטע 2 213
נאָטע 3 216
נאָטע 4 218
נאָטע 5 219
נאָטע 6 222
נאָטע 7 224
נאָטע 8 225
נאָטע 9 227
נאָטע 10 230
נאָך אַ וואָרט פון פּערפאַסער 233

מאָזעס העס, זיין לעבען, זיין ווירקען און זיין פילאָזאָפיע.

1

עס איז קיינמאָל אפשר גיט געווען אזוי נויטיג אויפצולעבען דאָס בילד פון מ אָ ז ע ס ה ע ס, דעם גרויסען אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסט, דעם געניאַלען אידישען געשיכטס־פילאָזאָף און דעם אָנזאָגער פון דער אידישער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, ווי אין דער איצטיגער צייט. מאָזעס העס און זיין ווערק איז דורכאויס נאָך ניט געוואָרען אַ היסטאָרישער עפּיזאָד, אַן ערשיינונג פון דער פערגאַנגענהייט, אַ ליטעראַרישע ערינערונג. די נאַציאָנאַלע און ליטעראַרישע שעפּפונג פון מאָזעס העס שטעהט אין טיעפער און אינוועניגער שיכות מיט אונזער געגענוואַרט און איהרע פּראָבלעמען, מיט די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם, פון יודענטום און אידישען פאָלק.

מאָזעס העס איז געווען איינע פון די בעדייטענדסטע אינטערנאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע פיגורען אין פאָריגען יאָהרהונדערט, אָבער ער איז זיכער געווען דער ערשטער און גרעסטער רעוואָלוציאָנערער דענקער און פּאָליטיקער פון אידישען פאָלק אין דער מאָדערנער צייט. זיין פילאָזאָפיע און בעזונדער׳ס זיין געשיכטס־פילאָזאָפיע, וועלכע איז דער יסוד פון זיין סאָציאַליזם, איז ניט פערעלטעט און ניט פערגעסען געוואָרען, נאָר איז אפשר קיינמאָל ניט דערקענט און פערשטאַנען געוואָרען אין איהר גאַנצער ברייטקייט און טיעפקייט. זיין סיסטעמאַטישעם פילאָזאָפישעם ווערק האָט העס ניט אבגעשלאָסען, פיעל וויינינגער איידער מארקס זיין סיסטעמאַטישעס עקאָנאָמישעס ווערק. ער האָט אָבער בעפרוכטעט דעם סאָציאַליזם מיט אַ טיעפען קולטורעל־גייסטיגען אינהאַלט און האָט בערייכערט זיין אינוועגדיגען מאָראַלישען ווערט. די געשיכטס־פילאָזאָפיע, אויף וועלכע דער סאָציאַליזם ווערט אויפגעבויט, איז פון מאָזעס העס פערשטאַנען געוואָרען אין ענגסטען צוזאמענהאנג מיט דער גאנצער ענטוויקלונג פון דער וועלט, בשעת דער עקאָנאָמיש־מאַטעריאַליסטישער סאָציאַליזם יויל שטעלען וואָס ענגער די גרענעצען פון דעם סאָציאַליסטישען געדאַנקען.

שעפּפעריש און אָריגינעל איז געווען העס אויף דעם געביט

פון יודענטום. זיין פילאָזאָפיע פון יודענטום הויבט ערשט יעצט אָן פערשטאַנען און אַנערקענט צו ווערען, און זיין ציוניסטישע נבואה איז פיעל רייכער אין איהר הערלאַישען און אוניווערסעלען תוכן, איידער די ציוניסטישע ליטעראַטור און בעוועגונג. דאָס יודענטום אַלס א קולטור־אידעע, אַלס א בעזונדערע פאַרשטעלונג פון גאָט, וועלט, געשיכטע און לעבען, איז ווידער אויפגעוואַכט אין דעם בעוואוסטזיין פון אונזער דור און זוכט זיך אַנצוטאָן אין די בגדי מלכות פון פילאָזאָפישע בעגריפען און היסטאָרישע בעגעהרונגען. דער אויפגעלעבטער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער ווילען פון אידישען פאָלק איז דורכגעוועבט און דורכגעפלאָכטען מיט יענע אַלע פילאָזאָ־פישע, רעליגיעזע און קולטורעלע אידעען און שטימונגען, וועלכע זיינען בעהאַלטען און פערבאָרגען אין דעם גייסטעס־אוצר פון יו־דענטום. אידישע סאָציאַליסטען־פילאָזאָפען דערהויבען דעם אמת פון יודענטום מיט מאַיעסטעטישער אויסשליעסליכקייט צו דעם בע־האַלטענעם סוד פון דער אמת'ער פילאָזאָפיע און די מאָראַל־נבואה פון יודענטום צו דעם קולטור־יסוד פון דער צוקינפטיגער סאָציאַליס־טישער מענשהייט. דער אמת פון יודענטום ווערט יעצט דערקענט אַלס די טענדענץ צו א נייער סאָציאַלער מאָראַל און לעבענס־פּליכט, צו היסטאָרישער ערלעזונג און היסטאָרישען הערלאַיזם, צו מענש־הייטס־ווילען און צוקונפטס־האָפנונג. אין דער אידישער נאַציאָ־נאַל־פּאָליטישער רענעסאַנס, אין סאָציאַליסטישען ציוניזם, וויל לע־בעדיג ווערען א נייעס קולטור־יודענטום, וועלכעס ראַנגעלט זיך פאַר זיינע היסטאָרישע פאָרמען.

איז דאָס יודענטום באמת דער לייכטענדער מאָרגענשטערן, וועלכער שטעהט פאַר דעם טאָג־אָנברוך פון דער סאָציאַליסטישער מענשהייט? קען דאָס יודענטום ווערען די צוקינפטיגע רעליגיאָן פון סאָציאַליזם? דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון אונזער צייט, וואָס דערפון הענגט אָב די צוקונפט פון יודענטום און דערמיט אויך די צוקונפט פון אידישען פאָלק. איידער דער מאָדערנער אידי־שער געדאַנקען וועט זיך אָננעהמען גבורה צו זוכען די תשובה אויף דאָס פּראָבלעם און אפילו גאָר שטעלען דאָס פּראָבלעם אין זיין גאַנצער ערנסטקייט, אין זיין גאַנצער גרויסקייט, מוז ווידער אויפגעלעבט ווערען דאָס בילד פון מאָזעס העס. וואָרום העס האָט דער ערשטער ענטדעקט דעם בעהאַלטענעם תוכן פון יודענטום, דעם

צוזאמענהאנג צווישען דער אידישער תורה־נבואה און דעם שעפ־פערישען גייסט פון דער מענשליכער געשיכטע בכלל. וואָרום מאַ־זעס העם איז ניט נאָר דער בעגרינדער פון ציוניזם, נאָר ער איז דער ענטדעקער פון דעם סאָציאַליסטישען אינהאַלט פון יודענטום, דער אויפלעבער פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער ערלעזונגס־אידעע, וואָס איהר פּראַקטישע קאָנסעקווענץ איז די פּאָליטישע ווידערגעבורט פון דעם אידישען עם־הפלאות. דאָס ווערק פון מאָזעס העס „רוים און ירושלים", וועלכעס איז געשריעבען געוואָרען מיט אַ האַלבען יאהרהונדערט פריהער, איז ניט געווען דער אויסדרוק פון יענער צייט, נאָר עס איז דער נבואה׳דיגער אָנזאָג פון אונזער געגענווארט און איהרע פּראָבלעמען.

אָבער נאָך אַ גאַנץ בעזונדערען ווערט און אינטערעס בעקומט מאָזעס העס און זיין ווערק אין דעם איצטיגען היסטאָרישען מאָ־מענט, אין דער איבערגאַנגס־עפּאָכע פון דער צייט, אין די חבלי לידה פון דער נייער וועלט. אזוי ווי העס וואָלט פאָראויסגעזעהען דיעזע וועלט־קאַטאַסטראָפע, דעם וועלט־קריעג, וועלכער איז דער פורכטבארער פּראָלאָג צו דער וועלט־רעוואָלוציאָן. פורכטבאר פלא־קערט יעצט די בלוט־רויטע פייער־פלאַם פון אידישען גלות אויף דער גאַנצער ערד, און דאָס אויביגע פאָלק שטעהט יעצט אפשר פאר זיין לעצטער היסטאָרישער ענטשיידונג. אָבער צום ערשטען מאָל איז דער פרייער רצון פון אידישען פאָלק געוואָרען דער ענט־שיידענדער כח איבער זיין שיקזאל און צוקונפט. די גאַנצע וועלט שטעהט פאר דער עפּאָכע פון איבערבוי און בענייאונג, די היסטאָ־ריש אונטערדריקטע פעלקער הויבען זיך אויף פון זייער שטויב צו נייעם נאַציאָנאַלען לעבען, די וועלטמאכט ווערט פאנאנדערגע־טיילט צווישען די פעלקער אויף אַן אנדער אופן, אין דעם אָריענט און ארץ ישראל געהט אויף די זון פון היסטאָרישער ווידערגע־בורט. די דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע כחות פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט דערוואַכען צום גרויסען ענטשיי־דענדען קאַמפף מיט די רעאַקציאָנערע קרעפטען פון דער אַלטער אָרדנונג. אויך פאר דאָס אידישע פאָלק שלאָגט די ענטשיידענדע היסטאָרישע שטונדע פון ערוואַכונג און ווידערגעבורט. אין דער אויפלעבונג פון מאָזעס העס׳עס בילד, אין זיין פילאָזאָפיע, זיין אויפפאַסונג פון יודענטום און זיין בשורה צו דעם אידישען פאָלק,

וועט אונזער צייט שעפּפען נייעם מוט און נייעם גלויבען און זיך דערהויבען צו גרעסערער קראַפט און טיעפערער זעלבסט־ערקענטניס.

2

ווי זעלבסטשטענדיג און אָריגינעל מאָזעס העס איז געווען, איז ער דאָך געווען אַ קינד פון זיין צייט, אַ פּראָדוקט פון זיין סביבה, אָבוואָהל ער האָט פאָראויס געאיילט פאר זיין צייט און איז געשטאַנען אין העפטיגען קאַמפּף מיט זיין אידישער סביבה. כדי צו פערשטעהן העס, מוזען מיר פערשטעהן די אידישע סביבה, דאָס דייטשע יודענטום אין דער צייט פון מאָזעס העס.

דאָס דייטשע יודענטום אין דער ערשטער העלפט פון נייני־צעהנטען יאהרהונדערט האָט שוין געהאט אַ גאַנץ אַנדערעס אויס־זעהען, איידער דאָס יודענטום אין מיטעלאַלטער און אפילו אין אַכטצעהנטען יאהרהונדערט. עס איז געוואָרען שטאַרק סאָציאַל און עקאָנאָמיש און האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן די דייטשע קולטור. אויף פּאָליטיש זיינען אידען געוואָרען פאַקטיש גלייכבערעכטיגט און פריי, אָבוואָהל דאָס געזעץ האָט זיי די גלייכבערעכטיגונג נאָך ניט בעוויליגט. אין מענדעלסאָן'ס צייטען האָבען אידען אין דייטש־לאַנד נאָך ניט געהאט קיין וואָהנרעכט אין גאַנצען לאַנד, זיינען גע־ווען סאָציאַל אונטערדריקט און האָבען אויף עקאָנאָמיש געלעבט נאָך אין אָרעמע פערהעלטניסען. אלס אַ פּאָלק פון האַנדעל און פערמיטלונג זיינען די מערב־אייראָפּעאישע אידען אין אכטצעהנטען יאהרהונדערט, אזוי ווי אין גאַנצען מיטעלאַלטער, געווען אפילו אין עקאָנאָמיש העכער שטעהענדער קלאַס־פּאָלק, אָבער צו גרויסען עקאָנאָמישען רייכטום און סאָציאַלער מאַכט האָבען זיי זיך ניט געקענט אויפהויבען.

אַנדערש איז עס געוואָרען אין דעם אָנהויב פון דעם נייני־צעהנטען יאהרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די אינדוס־טריעל־קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג אין דייטשלאַנד און די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציאָן און די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבען אפילו אין דייטשלאַנד אונטערגעגראַבען שוין די יסודות פון דער מיטעל־אַלטערליכער אָרדנונג. די נייע צייט האָט געבראַכט די אידען אין דייטשלאַנד רייכטום, אַ העכערע סאָציאַלע שטעלונג און האָט זיי

געעפענט די טויערען פון דער דייטשער קולטור. די פרינציפען פון דעם ליבעראליזם, די מענשען־רעכט, וועלכע די פראנצויזישע רעוואָלוציאָן האָט פּראָקלאַמירט און וועלכע די נאפּאָלעאָנישע מלחמות האָבען פּאַקטיש פערוויקליכט אין מערב־אייראָפּאַ, האָבען קיינעם ניט געבראַכט אַזאַ נוצען ווי דעם אידישען האַנדעלס־פאָלק.

די ראַדיקאַלע קאָנסטיטוציאָן פון 1793 אין פראנקרייך האָט ערקלערט, דאָס די מענשענרעכט זיינען: גלייכהייט, פרייהייט, זיכערהייט, אייגענטום. אונטער פרייהייט איז פערשטאַנען געוואָרען די פרייהייט פאַר דעם איינצעלנעם אַלעס צו טאָן, וואָס קען דעם אַנדערען ניט שאַדען, און דאָס יעדער מענש האָט דאָס רעכט אויף פּריוואַט־אייגענטום און אויף די אויסנוצונג פון פּריוואַט־אייגענטום. אונטער גלייכהייט איז פערשטאַנען געוואָרען די גלייכהייט פון אַלע מענשען אין זייער אינדיווידועלער אויסנוצונג פון זייער אייגענטום. דאָס רעכט אויף זיכערהייט האָט וויעדער געמיינט די זיכערהייט פון יעדעם איינצעלנעם אויף די בעשיצונג פון זיין פּערזאָן, זיין פרייהייט און זיין אייגענטום. פאַר קיין עלעמענט פון דער געזעלשאַפט זיינען דיעזע פרינציפּען פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע ניט געוועזען אַזוי ווילקאָמען, ווי פאַר אידען, וועלכע האָבען ניט געהאַט קיין פרייהייט פון בעוועגונג, פון וואָהנרעכט, קיין גלייכהייט פאַר דאָס געזעץ, וואָס זייער אייגענטום איז געשטאַנען שטענדיג אין געפאַהר און וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געקענט רוהיג געניעסען די זיכערהייט פון זייער אייגענטום.

די מאָדערנע צייט האָט גלייך אויפגעהויבען זעהר הויך דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד פון אידען אין מערב־אייראָפּאַ און בעזונדערס אין דייטשלאַנד. נאָך איידער זיי האָבען בעקומען די פאָרמאַלע פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג, זיינען זיי שוין איבערגעגאַנגען אין דעם גרעסטען טייל אין די רייהען פון דער בורזשואַזיע. די צאָהל פון די האַנדווערקער, הויזירער און קליינע הענדלער, וועלכע איז פריהער געוועזען נאָך אַ גאַנץ בעדייטענדע, האָט אָנגעהויבען צו זינקען און אידען זיינען באַלד ארויפגעשטיגען צו אַלע העכערע סאָציאַלע פּאָזיציאָנען. אין דער בילדונג, וועלכע זיי האָבען אויפגענומען מיט אַ ברענענדען באַגעהר, האָבען זיי געפונען אַ ווייטערען וואָפען פאַר זייער עקאָנאָמישען און סאָציאַלען אויפשטייגען. באַלד זיינען די פערפאָלגטע און פעראַכטעטע אידען פון מיטעל־

אלטער געוואָרען אַ טייל פון דער הערשענדער בורזשואזיע אין דייטשלאַנד, וועלכער איז געגאַנגען אלץ ווייטער פאָרווערטס אויף דעם וועג צו סאָציאַלער מאַכט און בילדונג.

צוזאַמען מיט דעם סאָציאַלען און קולטורעלען אויפשטייגען פון די אידען אין דייטשלאַנד האָט זיך אויך אָנגעהויבען די אינ־ווענדיגע גייסטיגע איבערקערעניש אין זייער לעבען. די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אידישקייט, וועלכע איז געווען ניט נאָר אַ רעליגיאָן נאָר אַ בעזונדערע לעבענספיהרונג, אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן, וועל־כע האָט זיך געהאַלטען אָבגעזונדערט פון דער קריסטליכער סביבה און האָט אויך געהאַט אייגענע פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע צוקונפט־חלומות, — דיעזע אידישקייט האָט ניט געקענט אויסהאַלטען דעם דראַנג פון דער נייער צייט. די ראַציאָנאַליסטישע פילאָזאָפיע פון דער צייט האָט זיך געשטעלט אין ווידערשפּרוך צו דער אידישער רעליגיאָן. מענדעלסאָן׳ס פּערזוך צו מאַכען שלום צווישען דעם יודענטום און דעם גייסט פון דער נייער פילאָזאָפיע האָט, ווי אַלע אַזעלכע שכל׳דיגע פּרובונגען, מעהר אויפגעדעקט דעם געגענזאַץ צווישען דעם יודענטום און דער דאַמאָליגער פילאָזאָפיע, איידער אויפגעבויט אַ בריק צווישען זיי. דאָס יודענטום האָט אויסגע־זעהען אין די אויגען פון דעם נייעם אויפגעקלערטען דור ווי אַן אונ־גליקליכער משונה׳דיגער איבעררעשט פון אַמאָליגע צייטען, וואָס איז פאַראורטיילט צום טויט פון דעם גייסט פון דער נייער צייט.

אויב די אידישקייט האָט פערלאָרען אונטער דעם דראַנג פון דער צייט איהר רעליגיעזען ווערט, איז זי דאָך שוין אריינגעפאַלען אין אַ פאָלשטענדיגע סתירה מיט די נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע בע־דינגונגען, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען פאַר אידען. דער טריאומף פון דעם ליבעראַליזם און די אידען פון דער פראַנצױ־זישער רעוואָלוציאָן האָט געעפענט פאַר אידען ברייט און ווייט די טויערען פון סאָציאַלען אויפשטייג. די פערענדערטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע פון די מערב־אייראָפּעאישע און בעזונדערס פון די דייטשע אידען האָט געבראַכט די אידען אין ווידערשפּרוך מיט זייער נאַציאָנאַלער אידישקייט. זאָלאַנג די אידען זיינען געווען פּאָליטיש אונטערדריקט, אויסגעשלאָסען פון דער געזעלשאַפט און האָבען געלעבט אין בעשיידענע אומשטענדען צווישען די מויערן פון געטטאָ, איז זייער נאַציאָנאַל אָבגעזונדערטע לעבענספיהרונג,

זייער האָפנונג אויף ציון און משיח, זייער מיסטיש־רעליגיעזער בליק צו ירושלים געווען נאַטירליך און ניט נאָר בערעכטיגט, נאָר נויטווענדיג און אַ טייל פון זייער גאַנצער בעזונדערער לע־בענספיהרונג און קולטור. וויבאַלד אָבער די טויערען פון געטאָ האָבען אָנגעהויבען איינצופאַלען, און די סאָציאַל און קולטורעל אויפשטייגענדע אידען האָבען אויך אָנגעהויבען צו פאָדערען פאָ־ליטישע און בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג אין דער געזעלשאַפט, איז שוין די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע פון יודענטום געוואָרען אַ שטערונג צו די עמאַנציפּאַציאָנס־שטרעבונגען פון די אידען.

אין דער דיסקוסיאָן, וועלכע האָט זיך זייט דעם סוף פון אכט־צעהנטען יאָהרהונדערט אָנגעהויבען אין דייטשלאַנד און פראַנק־רייך וועגען דער בירגערליכער עמאַנציפּאַציאָן פון אידען, איז פון פיינדליכער קריסטליכער זייט אויך פאַראיינס פאָרגעוואָרפען גע־וואָרען צו אידען, דאָס זיי טראַכטען גאָר זיך אומקעהרען צוריק אין ארץ־ישראל. פון פערשיעדענער זייט איז אויפגעוויעזען געוואָרען, דאָס די אידישע רעליגיאָן מיט איהרע מצוות און פערבאָטען שטעהט אין ווידערשפּרוך מיט די בירגערליכע געזעצען פון לאַנד. די קריסטליכע וועלט האָט עס די אידען געשטעלט אַלס אַן אָפענע בעדינגונג פאַר די בירגערליכע גלייכבערעכ־טיגונג, דאָס זיי זאָלען זיך אבזאגען פון זייער נאַציאָנאַלער אב־געזונדערטקייט אפילו אין זייערע געדאַנקען און האָפנונגען און דאָס זיי זאָלען צופּאַסען די אידישע רעליגיאָן צו די וועלטליכע געזעצען פון לאַנד. נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט צונויפגערופען אַ סנהדרין פון די פערטרעטער פון יודענטום, אין יאָהר 1807 אין פּאַריז, האָט אייגענטליך אויסגע־דריקט די שטימונג פון דער דאַמאָליגער קריסטליכער וועלט בנוגע צו דער פראַגע פון דער אידישער גלייכבערעכטיגונג. ווי קענען אידען פערלאַנגען פאָלשטענדיגע בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג, ווען זייער תורה ענטהאַלט אין זיך אַנדערע בירגערליכע געזעצען, און ווען זיי פיהלען זיך אַלס אַ בעזונדערע נאַציאָן מיט בעזונדערע אידעאַלען אינערהאַלב פון דעם פראַנצויזישען פאָלק? דיעזע סתירה האָט דער אידישער סנהדרין געדאַרפט בעפריעדיגענד פער־ענטפערען, איידער דאָס אידישע פאָלק האָט געקענט בעקומען זיין רעכט אויף גלייכבערעכטיגונג.

אזוי ווי דער מאָדערנער גייסט האָט זיך ארויסגעוויזען שטאַר־קער, איידער די צערמאָניעלע רעליגיעזע אידישקייט, אזוי האָבען אויך די סאָציאַלע און פּאָליטישע אינטערעסען פון די אויפגעקומענע אידען פערדרענגט די נאַציאָנאַלע בּיינקשאַפט, די משיח־חלומות און דעם גאַנצען נאַציאָנאַל־פּאָעטישען צויבער, וועלכער האָט געשוועבט איבער דאָס געטאָ־יודענטום. דאָס יודענטום אין מערב־אייראָפּא האָט זיך אָנגעהויבען אויפצולעזען. דאָס יודענטום האָט פערלאָ־רען זיין אינהאַלט, וויבאלד נאָר דער איד האָט געפונען זיין אנשלוס צו דער ארומיגער געזעלשאַפט און קולטור. עס האָט זיך אָנגעהוי־בען צווישען די מערב־אייראָפּעאישע אידען, און בעזונדערס צווישען די דייטשע אידען, די צייט פון פערצווייפלונג, מאַסען־שמד, און אָפענער אסימילאַציאָן. די קינדער און די תלמידים פון מענדעל־סאָן זיינען שוין כמעט אַלע איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום, און אין דעם אָנהויב פון ניינצעהנטען יאָהרהונדערט זיינען די מאַסען־טויפען געוואָרען אַ געוועהנליכע ערשיינונג. די אסימילאַציאָן איז געוואָרען די מאָדע און דער אידעאַל פון דער צייט, און דיעזע אסי־מילאַציאָן האָט געזוכט איהר נאַטירליכע פאָרענדיגונג אין דער טויפע, וועלכע האָט אין דער געשטאַלט פון דעם טויפצעטעל געגע־בען דעם איד דעם איינטריטסבילעט אין די אייראָפּעאישע קול־טור, ווי היינע האָט זיך גייסטרייך אויסגעדריקט.

די אסימילאַציאָן איז געוועזען אָבער נאָר א י י ן געזעלשאַפט־ליכע ערשיינונג, וועלכע איז אויפגעטראָטען אין יענער איבער־גאַנגס עפּאָכע פון אידישען מיטעלאַלטער צו דער מאָדערנער צייט. זי איז געוועזען די גייסטיגע אָבשפּיעגלונג פון דעם מאַטעריאַליזם און דעם אייגענננוצען פון דער אידישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך דאַמאַלס אָנגעהויבען מעכטיג ענטוויקלען און האָט גע־וואָלט פערבייטען איהר נאַציאָנאַלע אידישקייט און היס־טאָרישע אייגענטימליכקייט אויף פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג און דעם נוצען פון דער הערשענדער קולטור. די אסימילאַציאָן האָט אָבער דאָך ניט פערמאָגט אויסצואַפּען דעם לעצטען לעבענס־זאַפט פון דער אידישער נאַציאָן. דער פּאָלקס־אָרגאַניזם האָט זיך דאָך געראַנגעלט געגען דיעזען מאַטעריאַליסטישען גיפט, וועלכען דער אויפשטייגענדער אידישער קאַפּיטאַליזם האָט פון זיך פער־שפּרייטעט. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ אינגווענדיגער קאַמפּף

צווישען אידען, אזוי ערנסט ווי אין סוף פון בית שני דער קאמפף צווישען די דאמאָליגע מאטעריאליסטישע אסימילאטאָרען, די העלעניסטען, און די נאציאָנאליסטען, וועלכע האָבען געהאלטען טייער דעם גייסטיג־מאָראלישען אינהאלט פון יודענטום. אויך אין דעם אָנהויב פון דעם נייגצעהנטען יאהרהונדערט דערוועקען זיך אין דעם דייטשען יודענטום טיעפע נאציאָנאלע און מאָראלישע קרעפטען, וועלכע זאָגען שוין אָן די היסטאָרישע און קולטורעלע ערוואַכונג פון דעם אידישען פאָלק.

אין דערזעלביגער צייט פון דער פאנאנדערבליהונג פון דער אידישער בורזשואזיע און דער אסימילאציאָן טרעטען ארויס פון דעם שוים פון דעם דייטשען יודענטום די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערען און קריטיקער פון דער בירגערליכער וועלט. היינע, בערנע, יאקאָבי, מארקס, העס, לאסאל זיינען קינדער פון יענער עפּאָכע. זיי זיינען די גרויסע רעוואָלוציאָנערען פון דער צייט: היינע, בערנע, יאקאָבי דעמאָקראטישע רעוואָלוציאָנערען, מארקס העס, לאסאל סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערען. דיעזע גרויסע אידישע רעוואָלוציאָנערען האָבען אָבער אויך א גאנץ מערקווירדיגע און איינענארטיגע שטעלונג צום יודענטום, וועלכע אונטערשיידעט זיך פאָלשטענדיג פון דער פאטריאָטיש־בורזשואזנער דערשראָקענער און פעררעטערישער אסימילאציאָן. די אידען האָבען דאָס רעכט אויף בעפרייאונג און עמאנציפּאציאָן ניט דורך די ערניעדערונג פון אסימילאציאן, נור דורך דעם כח פון רעוואָלוציאָן, דאָס איז דער נייער רוף, וועלכער קלינגט אין דעם ערוואכענדען און ווידערשפּענסטיג געוואָרענעם יודענטום. ביי דיעזע וועלטהיסטאָרישע אידען דערוועקען זיך שוין אידישע נאציאָנאל - רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, עס פערשטעהט זיך, נאָך אין א גאנץ אונבעשטימטער און אונזיכערער געשטאלט. היינע וועהרענד זיין גאנצען לעבען און לאסאל אין זיין פריהער יוגענד וויינינגסטענס זיינען פול מיט בעוואונדערונג און סימפּאטיע צום אידישען פאָלק און זיין מערקווירדיגער ערשיינונג אין דער געשיכטע, אָבוואָהלביידע זיינען ביטערע קריטיקער און אָבשפּאָטער פון דעם טראדיציאָנעלען קאפּיטאליסטישען יודענטום, וועלכעס איז אריינגעוואקסען און אויפגעוואקסען אין דער מאָדערנער צייט. ביז צום היינטיגען טאָג קלינגט נאָך די געוואלטיגע אנקלאגע און קריטיק פון מארקס געגען די אי־

דען פון זיין צייט, וועלכע ער האָט אונטער דעם איינפלוס פון פייערבאך'ס רעליגיאָנס־קריטיק און פראזועלאָגיע צונויפגעמישט מיט דעם בעגריף און דער אידעע פון יודענטום בכלל. ווען מארקס זאָגט, דאָס די נשמה פון יודענטום איז דאָס געלד, און דאָס די עמאַנציפּאציאָן פון יודענטום איז די עמאַנציפּאציאָן פון דער וועלט פון יודענטום, האָט ער אין אויג אייגענטליך די אידישע בורזשואזיע פון דייטשלאנד פון זיין צייט, וואָס די מאטעריאליסטיש־פּעררעטע־רישע אסימילאציאן איז געוואָרען איהר אידעאלאָגיע.

דאָס די אידען זיינען געווארען א קאפּיטאליסטיש הערשענדער קלאַס און זיינען אין זייער מאַטעריאליזם און אסימילאציאָן טיעף געפאלען, דאריבער קלאָגען זיך די דאמאָליגע אידישע פּאַטריאָטען. דער בעגרינדער פון דער וויסענשאפט פון יודענטום, דער דאמאָלס נאָך יונגער צ ו נ ץ שרייבט אין יאהר 1827 : „די אידען און דאָס יודענטום, וועלכעס מיר ווילען איבערבויען, איז צוריסען און איז געוואָרען דער רויב פון בארבארען, נארען, געלדוועקסלער, אי־דיאָטען און פרנסים... די אייגענע וויסענשאפט איז ביי די דייטשע אידען אבגעשטאָרבען און פאר די אייראפּעאישע וויסענשאפט האָ־בען זיי ניט קיין פערשטענדנים, ווארום זיי זיינען געוואָרען אונטריי צו זיך זעלבסט, פערפרעמדט צו דער אידעע און סקלאווען פון עגאָאיזם“. עדוארד ג א נ ז, איינער פון די אידישע קעמפּפער פון יענער צייט, וועלכער האָט, ווי פיעלע אנדערע, שפּעטער פערבי־טען די אידישע פאָהן אויף דאָס קריסטליכע קרייץ, רעדט אויף מיט גרויסער פארביטערונג געגען די הערשאפט פון געלד ביי אידען, געגען די אידישע געלד־אריסטאָקראטיע, וועלכע מאכט אלעס אזוי ניעדריג.

די אידישע בורזשואזיע האָט פערראטען דאָס אידישע פאָלק דורך אסימילאציאָן און מאטעריאליסטישען עגאָאיזם און די אי־דישע געניאלע רעוואָלוציאָנערען האָבען זיך אָבגעווענדעט מיט פערדרוס און אבשיי פון דעם געלד־יודענטום און האָבען זיך אויסער־האלב פון יודענטום אויפגעבויט זייער טעמפּעל פון אונשטערב־ליכקייט. באלד איז שוין דאָס אידישע פאָלק אין דייטשלאנד גע־שטאנען הארט ביי דעם ברעג פון פאנאנדערפאלונג און אונטער־גאנג. די רייכע און די אינטעליגענץ האָבען געמאכט דעם לעצ־טען שריט פון דער אסימילאציאָן און האָבען אָנגעהויבען אין די

מאסען איבערגעהען צום קריסטענטום. אין יאהר 1823 האָבען זיך אַ העלפט פון דער אידישער געמיינדע אין בערלין געטויפט. אומזיסט האָט די אָרטאָדאָקסיע געשטורעמט און געדונערט, זי האָט ניט פארמאָגט איינצוהאלטען דעם פארניכטענדען שטראָם. דאָס דייטשע יודענטום האָט ביי דער ערשטער בעגעגנונג מיט דער איי־ראָפּעאישער קולטור פערלאָרען זיין ווידערשטאנדס־קראַפט און איז פון די ערשטע שטראהלען פון דער פרייהייטס־זון געבלענדעט און פארבלענדעט געוואָרען ביז צו אונבעוואוסטזיניגקייט.

אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון אידישען פאָלק איז אָבער דאָך ניט אויסגעלאָשען געוואָרען די לעבענס־פלאַם. די פאָלקס־נשמה האָט דאָך געפונען אן אינהאלט, דורך וועלכען זי האָט זיך געקענט ראַטעווען אין יענער קריטישער איבערגאנגס־צייט פון אויפלעזונג און אונטערגאנג. אויב דאָס אידישע פאָלק האָט ניט קיין צוקונפט און האָט פערלאָרען זיין פעסטען גלייכגעוויכט אין דער געגענוואַרט, האָט עס דאָך געהאַט אַ גרויסע און גלאָררייכע געשיכטע, וועלכע האָט געווירקט אויף די געשיכטע פון דער גאנ־צער מענשהייט, און וועלכע לעבט נאָך אין דער אידישער געגענ־וואַרט אין פערשיעדענע אופנים. אין דער העברעאישער שפּראַך, אין דער אידישער געשיכטע, פּאָעזיע, ליטעראַטור, פילאָזאָפיע, רע־ליגיאָנס־פילאָזאָפיע, אין די גייסטיג־מאָראלישע אייגענשאַפטען פון אידישען לעבען און פאַמיליען־לעבען פון דער געגענוואַרט איז גע־פונען געוואָרען אַ זין און אינהאלט פאר דאָס יודענטום. אין יע־נער קריטישער איבערגאנגס־צייט האָט אָנגעהויבען בעשאַפען ווערען די אזוי אָנגערופענע וויסענשאַפט פון יודענטום, וואָס אימא־נועל וואָלף האָט אזוי מערקווירדיג טיעף און רייך בעשטימט איהר זין און אינהאלט אין דער צייטשריפט פון קולטור־פעראיין אין 1823. יאסט, צונץ, לעוויסאָן זיינען אויפגעטרעטען מיט זייערע ערשטע פאָרשונגען און פּאָעזיען, און באלד האָבען זיך שוין דערזעהן די אויפגעהענדע שטערען פון גרעץ, גייגער, קראכמאל, ראַפּאָפּאָרט און פיעלע אנדערע פאָרשער און שעפּפער אויף דעם פיעל־זייטיגען פעלד פון דער וויסענשאַפט פון יודענטום. עס האָט זיך אָנגעהויבען דערוועקען אין יענער צייט פון געפאלענקייט דורך דיזע אידישע פאָרשונגען דער זעלבסטגעפיהל און די אכטונג צו דער אייגענער

מערקווירדיגער נאַציאָן ביי דער בעסערער אידישער אינטעליגענץ. באלד האָבען זיך אָנגעהויבען ציהען פון דיעזער נייער וויסענשאַפט פון יודענטום שטראַהלען פון גייסטיגער און נאַציאָנאַלער ענערגיע, וועלכע האָבען צווישען אידען פון דער גאַנצער וועלט געוועקט און גערופען דעם פערצווייפעלטען אָדער פערגליווערטען אידישען גייסט.

אָט אין יענער מערקווירדיגער צייט פון דער אסימילאַציאָן פון דער בורזשואַזיע, פון דער רעוואָלוציאָנערער קריטיק פון די אידישע סאָציאַליסטען, פון דעם בלינדען קאַמפּף פון די אָרטאָדאָקסען, און די ערשטע שפּראָצונגען פון דער וויסענשאַפט פון יודענטום איז אויפגעטרעטען מ אָ ז ע ס ה ע ס. צום גליק האָט ער אין זיין נשמה פעראייניגט די רעוואָלוציאָנערע אונרוהיגקייט פון מאַרקס און לאַסאַל און די ראָמאַנטיש־אידישע שטימונג פון היינע און גרעץ, וועלכע האָט געפונען אַ פרוכטבאַרען באָדען אין זיינע אידישע ידיעות און זיינע שענע פרום־אָרטאָדאָקסישע פאַמיליען־טראַדיציאָנען. אַן אוניווערסעלער רעוואָלוציאָנער און פילאָזאָף און אַ אידישער נאַציאָנאַליסט און קעמפּפער פאַר די וויעדעראויפלעבונג פון אידען און יודענטום, — דאָס איז געווען אין יענער צייט אַ נייע און זעלטזאַמע ערשיינונג, וועלכע מען האָט שלעכט פערשטאַנען און נאָך ערגער אבגעשאַצט. ערשט אונזער צייט איז עס אויסגעקומען צו פערשטעהן און צו ווירדיגען מאָזעס העס נאָך זיין גאַנצען היסטאָרישען ווערט.

3.

מאָזעס העס איז געבאָרען געוואָרען אין באָן אין דייטשלאַנד, דעם 21 יאַנואַר 1812. זיינע עלטערן זיינען געווען פרומע אָרטאָדאָקסישע אידען, פון סוחרישען שטאַנד, וועלכע האָבען געגעבען דעם יונגען מאָריץ אַ גוטע אידישע ערציהונג. דאָס זיינען געווען אידען פון דעם אַלטען שטייגער, וועלכע זיינען געווען שטאָלץ אויף זייער יחוס פון רבנים און תלמידי חכמים, און וואס אין זייער הויז האָט געשוועבט אַ פרומער און עהרליכער אידישער גייסט.

אלס יונגעס קינד האָט ער זיך ערצויגען אין באָן אין הויז פון זיין זיידען, וועלכער האָט געהערט צו יענע טיפּען פון כאַראַקטער־פעסטע, שטאַרק־גלויביגע סוחרים־למדנים, מיט וועלכע דאָס אמאָליגע אידישע לעבען איז געווען אַזוי רייך. דיעזער פרומער, גע־

לערנטער און אונאבהענגיגער מאן האט געמאכט אויף דעם קליינעם מאריץ די שטארקסטע ווירקונג. זיין פרומקייט, זיין ווירדע, זיין געלערנטקייט, זיין גלויבען און זיין ליעבע צום אידישען פאלק האבען איבערגעלאזען די טיעפסטע שפורען אין דער נשמה פון דעם געפיהלפולען און אויפגעוועקטען קינד.

אין יאהר 1830 טרעט העס אריין אלס סטודענט אין באנער אוניווערזיטעט, אבער ער האט וואהרשיינליך קיינמאל די אוניווערזיטעט ניט געענדיגט און ניט בעקומען קיין געלערנטען טיטעל. אלס סטודענט האט ער זיך שוין אריינגעווארפען אין די רעוואלוציאנערע בעוועגונג פון יענער צייט, וועלכע איז געווען אן אונבעשטימטעם געמיש פון אנארכיזם, קאמוניזם און סאציאליזם. געצויגען האט דעם יונגען העס צו דער סאציאלער רעוואלוציאן קודם כל זיין אידישער טעמפעראמענט, זיין אידיש-נאציאנאלער געפיהל, די איידעלקייט און ריינקייט פון זיין אינוועגדיגער נאטור.

עס פערשטעהט זיך, דאס דער פראקטישער בעל-בתישער פאטער האט ניט געהאט קיין פרייד פון דעם אונרוהיגען זוהן און באלד איז געווארען אן אפענע קריעגעריי צווישען דעם פאטער און דעם ניט-געראטענעם זוהן, וועלכער האט זיך אריינגעווארפען אין די סאציאליסטישע בעוועגונג. דער יונגער העס האט פערלאזען די היים, איז געפאהרען אין ענגלאנד, האט געפרובט זיין גליק אין פאריז, און איז צום סוף געקומען צוריק צו פוס אין דייטשלאנד און איז אין א דארף לעבען מעץ געווען א צייט לאנג א לעהרער. דער פאטער האט ווידער געמאכט שלום מיט דעם יונגען העס און האט איהם אריינגענומען אין זיין געשעפט אין קעלן. אבער העס האט זיך הפנים ניט געפאסט פאר א סוחר. ער האט זיך באלד ווידער צוקריעגט מיט זיין פאטער און האט אויף שטענדיג שוין פערביטען די געשעפטס-ביכער אויף די פילאזאפישע ספרים פון העגעל און ספינאזא. ער האט זייט יענער צייט געלעבט אין אויסערליכער נויט און ארעמקייט, אבער ער האט געפונען אין זיינע פילאזאפישע פארשונגען און שטודיען די אמת'ע בערוהיגונג און צופריעדענהייט פון גייסט. ווען ער האט אבער אין יאהר 1840 חתונה געהאט מיט א קריסטליכער מיידעל, מיט סיבילע פריטש, וועלכע ער האט ארויסגענומען פון אן עפענטליכען הויז, איז ער זיך שוין אויף אייביג

פאנאנדערגעגאנגען מיט זיין פאטער און האט איהם קיינמאל מעהר נים געזעהן. אין דער געוועזענער פראטעסטאנטיש הופ האט געפונען א טרייע פריינדין און מיטקעמפפערין און העלפערין פאר דאס גאנצע לעבען. קינדער האט אבער העם נאך זיך נים איבערגעלא־זען. ער האט איבערגעלאזען נאך זיך זיין לעבען און זיינע ווערק.

שוין אין די ערשטע יאהרען פון זיין לערנען האט זיך העס בעגייסטערט פאר ספינאזא, דעם גרויסען אידישען פילאזאף, קעמ־פפער און דולדער, און איז איהם געבליעבען טריי זיין גאנץ לעבען. פון ספינאזא לערנט ער די מאניסטישע וועלטאנשויאונג און די הע־ראאישע לעבענספיהרונג, וואס די ווארצלען פון דיעזער לעהרע שטאמען פון דעם נבואה־יודענטום. ספינאזא'ס פילאזאפיע האט געפונען דעם טיעפסטען אבקלאנג אין העס'ס נשמה.

זיין ערשטעס גרעסערעס ווערק, וועלכעס העס האט ארויסגע־געבען אין יאהר 1837 טראגט דעם נאמען: „די היילינע געשיכטע פון דער מענשהייט, פון א תלמיד ספינאזא'ס". דאס איז דאס ווערק פון א פינף און צוואנציג יאהריגען שרייבער וועגען דער פי־לאזאפיע פון דער געשיכטע: עס איז ווענינ סיסטעמאטיש, שטו־רעמדיג און דורכגעדרונגען פון דעם זעלבסטגעפיהל פון א מענשען, וועלכער טראגט אין זיין אייגענעם איך דעם מאסשטאב פאר זיין אמת. די מענשליכע געשיכטע איז הייליג, איהרע פאסירונגען זיי־נען נים צופעליג, נאר זיינען פאראויסגעזעהען לכתחילה, זיינען די פרייע ווערק פון גאט, פון „דעם הייליגען גייסט". העס פרובט זיך ארויסגעפינען דעם אינוועגדיגען פלאן, נאך וועלכען די מענשליכע געשיכטע איז אויפגעבויט, אבער ער מוז, פערשטעהט זיך, צופא־סען די היסטארישע פאסירונגען און פאקטען צו זיין פלאן. כא־ראקטעריסטיש איז אבער, אין וואס העס זעהט דעם אינוועגדיגען זין פון דיעזעם געטליך־הייליגען פלאן פון דער געשיכטע. אין דער ערשטער עפאכע פון דער מענשליכער געשיכטע, וועלכע ציהט זיך פון אדם הראשון ביז קריסטוס, האט זיך דער פאסיווער כח פון גייסט, די מענשליכע פאנטאזיע, דער כח הדמיון ענטוויקעלט ביז צום העכסטען פונקט און איז אלץ רייכער געווארען דורך די אויפ־נאמע פון די אויסערע בילדער פון דער וועלט. מיט קריסטוס הויבט זיך אן דאס אקטיווע גייסטעס־לעבען, און דער מענש מאכט דעם שריט צום סינטעז פון גייסט און נאטור. ערשט ספינאזא פעראיי־

נינט גאָט און די וועלט, נאַטור און גייסט. ספּינאָזא האָט דער־קענט גאָט נים נאָר מיט זיין געמיטה, נאָר שוין מיט דעם ליכטיגען שכל. די גאַנצע וועלט־געשיכטע איז נאָר די שטייגענדע ערקענט־נים פון גאָט, וועלכע וועט מוזען פיהרען צו דער וועלט־רעליגיאָן פון דער צוקונפט, וואס איהר גאַנצער אינהאַלט וועט זיין די ליעבע. אַנשטאָט דעם געזעץ און דעם דין וועט אין דער צוקונפט הערשען די ה י י ל י ג ע אָרדנונג, וואָרום אַלע וועלען האָבען דערקענט גאָט. אין דעם אידישען פאָלק האָט פון שטענדיג אָן געלעבט דער גייסט פון הייליגקייט, וועלכער לעבט יעצט ווידער אויף און וועט אין דער צוקונפט בעהערשען די גאַנצע מענשהייט מיט אַ נייער תורה. מיט דיעזע געדאַנקען שליסט העס זיין ערשטע יוגענד־שריפט פון 1837, אין וועלכער מיר דערקענען שוין גאָר פיעלע שטימונגען, וועלכע האָבען פינף און צוואַנציג יאָהר שפּעטער געפונען זייער אויסדרוק אין „רוים און ירושלים“.

אין דיעזער ערשטער שריפט איז שוין מאָזעס העס אַן אויסגע־שפּראָכענער סאָציאַליסט אָדער בעסער געזאָגט קאָמוניסט. אין דער וועלט זאָלען הערשען גליק און ליעבע, און פרייהייט און גלייכ־הייט איז דער וועג דערצו. דער רייכטום דאַרף גלייך צוטיילט ווערען צווישען די בירגער, און דער שטאַאט מוז בעזיצען און קאָנט־ראָלירען דעם רייכטום פון דער געזעלשאַפט. העס זעהט דאָס קומען פון דעם סאָציאַליזם דורך די פערשאַרפונג פון די סאָציאַלע געגענ־זעצען: דער מיטעלשטאַנד מוז אין דער קאָנקורענץ פערשווינדען, דער גרויס־קאַפּיטאַל מוז זיך אַלץ מעהר און מעהר קאָנצענטרירען, און די העכסטע סאָציאַלע ווידערשפּריכען מוזען פיהרען צו דער נייער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג. העס זעהט דאָ כמעט פאָראויס די שפּעטערדיגע פערעלענדונגס־טעאָריע פון קאַרל מאַרקס.

עס געהען פאַריבער נאָך פיער יאָהר און אין יאָהר 1841 טרעט ארויס העס מיט אַ נייעם בעדייטענדען ווערק: „די אייראָפּעאישע מריאַרכיע“. עס איז אַ ווערק וועגען דער פּאָליטיק פון דער צייט, אָבער עס איז געשריבען פון אַן אַלגעמיינעם פילאָזאָפישען שטאַנד־פּונקט. ער ענטוויקעלט די אידעע פון אַ פעראייניגטען שטאַאט פון אייראָפּא, וועלכער זאָל בעשטעהן פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד. דיעזער שטאַאט זאָל זיין אַן אידעאַלער שטאַאט, וועלכער זאָל פערווירקליכען די העכסטע פרייהייט און דעם אייבי־

גען שלום. דיעזער פעראייניגטער שטאאט וועט קומען נאָך א האר־
טען קאמפף, אָבער ער מוז קומען. מכח דיעזען שטאאטען־בונד
שרייבט העס די פאָלגענדע ווערטער, וועלכע קלינגען כמעט ווי א
נבואה אין יאָהר 1841: „מעגליך, דאָס פראנקרייך און דייטשלאנד
וועלען זיך אויסקעמפפען די פריינדשאפט ערשט אויף די שלאכט־
פעלדער ביים רהיין, אָבער עס איז זיכער, דאס אין דער צוקונפט
וועט פערווירקליכט ווערען דאָס שענסטע פערהעלטנים צווישען
פראנקרייך און דייטשלאנד, וועלכעס וועט דויערן יאָהרהונדערטען...
דערוויל וועט זיך אפשר פראנקרייך פערבינדען מיט רוסלאנד. עס
וועט מאכען הנחות צו די רוסען, וועלכע וועלען עס ערניעדריגען,
עס וועט זיך אונטערוואַרפען אונטער דעם ווילען פון א מאכט, וועל־
כע וועט שטענדיג דראהען מיט אָבפאל... ווארום גארנישט וועט
הינדערן רוסלאנד, צו שליסען אין א גינסטיגען מאָמענט א „פרינ־
ציפען־אליאנץ" מיט דייטשלאנד, און אויף אזא אופן אונז איירא־
פּעער, ווען מיר וועלען בלייבען צוריסען, צו רוסיפיצירען אזוי לאנג
גייסטיג און מאטעריעל, ביז מיר וועלען אריינפאלען דעמאָראלי־
זירט און מאכטלאָז אין דעם רשות פון דעם סקלאווען־אימפעראטאָר".
העס האָט אלזאָ שוין דאמאָלס געזעהן די גרעסטע סכנה פון דער
וועלט אין דער צורייסונג צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך, וועל־
כע וועט געבען רוסלאנד די מעגליכקייט זיך צו פעראייניגען מיט
פראנקרייך און עס ערניעדריגען, און דערנאָך אפשר זיך פעראייני־
גען מיט דייטשלאנד, וואס דאָס וועט פיהרען צו דער פערשקלא־
פונג פון גאנץ אייראפא. אויך מארקס האָט דרייסיג יאָהר שפּע־
טער נאָך דעם דייטש־פראנצויזישען קריעג אויסגעשפּראכען דיזעל־
בינע געדאנקען, בשעת דייטשלאנד און פראנקרייך האָבען זיך צו־
שפּאָלטען און האָבען אויף אזא אופן געמאכט, דאָס רוסלאנד זאָל
האלטען די וואגשאל פון דער וועלטלאגע אין איהרע הענד.

אין דיעזער מערקווירדיגער שריפט וועגען דער אייראָפּעאישער
פּאָליטיק זיינען פאראן אויך צווייטע געדאנקען וועגען אידען
און יודענטום, וועלכע זיינען אָבער ערשט שפּעטער אין „רוים און
ירושלים" ענטוויקעלט געוואָרען ביז צו זייער העכסטען גלאנץ.

4.

אין די פערציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט הויבט זיך אָן אין מערב אייראָפּאַ די גרויסע רעוואָלוציאָנערע אונרוהיגקייט, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט דער רעוואָלוציאָן פון 1848 און האָט געגעבען דעם אנשטויס צו דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג פון די מאַסען. אין די פערציגער יאָהרען הויבט זיך אָן שטארק צו ענט־וויקלען די אינדוסטריע אין ענגלאנד, פראנקרייך און זיד־דייטשלאנד. די אנהויבונג פון קאַפּיטאַל און די ענטשטעהונג פון גרויסע אינ־דוסטריעלע אונטערנעהמונגען רופען ארויס אויף דער אנדער זייט די פערמעהרונג פון דעם פּראָלעטאריאט אין די גרויסע שטעדט און זיין פערעלענדונג און פעראָרעמונג. דער ארבייטער קלאַס האָט נאָך ניט געקענט קעמפּפען דאַמאלס סיסטעמאַטיש געגען דעם אויפ־שטייגענדען קאַפּיטאַליזם. צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט הויבט אָן בעשאַפען צו ווערען אן אונרוהיגער דראָהענדער געגענזאַץ, וועל־כער ווערט ניט איינגעשטילט דורך אָרגאַניזאציאָנען און רעפאָרמען, נאָר וועלכער וואַקסט אַלץ מעהר צו אן אָפענעם צוזאַמענשטויס. אין ענגלאנד שטורעמט די טשארטיסטען־בעוועגונג, וועלכע איז אפילו נאָך אונקלאר אין איהרע ציעלען און פאָדערונגען, אָבער טראָגט אין זיך א טיעפען סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען גייסט. אין פראנקרייך זיינען שוין אויפגעטראַטען די ערשטע סאָציאַליסטען, ווי פּוריע, קאַבע, פּרודאָן, וועלכע זיינען געווען שטארק און שארף אין זייער געזעלשאַפטליכער קריטיק און אין דער אויפפאַסונג פון דעם קלאַסען־כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט, אָבוואָהל נאָך זעהר פאַנטאַסטיש און אונקלאָר אין זייערע וועגען און מעטאָדען צום סאָציאַליזם. אין דייטשלאנד טרעטען אויף אין די פערציגער יאָה־רען מאַרקס, ענגעלס, רוגע, גרין, ווייטלינג, א חוץ די ראַדיקאַלע פילאָזאָפען פון דער לינקער העגעל'שער שולע, וועלכע קעמפּפען געגען די מאָנאַרכיע און די קירכע און חלום'ען וועגען דער איבעראנדערשונג און בענייאונג פון דער וועלט.

דער צענטער פון דער ראַדיקאַלער און רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין דייטשלאנד איז געווען זיד־דייטשלאנד, בעזונדערס די רהיין־פּראָווינצען, וואו די אינדוסטריע איז געווען שטארק ענט־וויקעלט און וואו עס האָט געהערשט מעהר פראנצויזישער פריי־

חייטליכער גייסט איידער אין פרייסען אדער אנדערע טיילען פון דייטשלאנד. אין יאהר 1842 הויבט זיך אן א בעדייטענדע ראדי־קאל־רעוואלוציאנערע בעוועגונג אין זיד־דייטשלאנד, און די שטאדט קעלן ווערט דער מיטעלפונקט פון דיעזער בעוועגונג. אפאזיציא־נעלע ליבעראלען, ראדיקאלע פילאזאפען, וועלכע טראגען דעם נא־מען יונג־העגעליאנער, רעפובליקאנער, יונגע סאציאליסטען, קארל מארקס, מאקס שטירנער, ברונא בויער, פעראייניגען זיך אלע ארום די ערשטע ראדיקאלע קאמפף־ציטונג, „די רהיינישע ציטונג“, וועלכע הויבט אן צו ער־שיינען אין אנהויב 1843 און וועלכער עס איז אויסגעקומען צו שפיע־לען א היסטארישע ראליע אין דער געשיכטע פון דער דייטשער פרייהייטס־בעוועגונג. צוזאמען מיט מארקס, שטירנער, ברונא בויער און אנדערע ווערט אויך מאזעס העס טעטיג אין דיעזער ציטונג אלס מיטארבייטער. די „רהיינישע ציטונג“ האט זיך אבער ניט געקענט לאנג האלטען אונטער די דאמאליגע בעדינגונגען פון דער דייטשער צענזור, זי איז פאר איהרע סאציאליסטישע און פראלעטאריש־רעוואלוציאנערע ארטיקלען, וועלכע זיינען געשריע־בען געווען אפילו אין א ריין טעארעטישען טאן, פאלשטענדיג צו־געמאכט געווארען נאך אנדערטהאלב יאהרען עקזיסטענץ. אבער פריהער שוין איז העס אבגעפאהרען אין פאריז, אלס קארעספאנ־דענט פון דער ציטונג, וואו ער איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט די פערשיעדענע געהיימע סאציאליסטישע געזעלשאפטען, פון וועל־כע די בעדייטענדסטע איז געווען דער בעקאנטער „בונד פון די גערעכטע“. אין פאריז איז העס געקומען אין בעריהרונג און פער־בינדונג מיט אלע בעריהמטע פרייהייטס־קעמפפער און רעוואלוציא־נערען פון יענער ציט, פון וועלכע אבער ניט אלע זיינען געבליבען אזוי טריי דעם סאציאליזם זייער גאנצעס לעבען, ווי מאזעס העס.

נאכדעם ווי די „רהיינישע ציטונג“ איז אונטערדריקט געווא־רען, האבען די דאמאליגע דייטשע רעוואלוציאנערען זיך געפרובט צו בעגרינדען נייע ציטונגען, וועלכע זיינען שטענדיג די ערשטע וואפען פון דער רעוואלוציאן. אבער אלע דיעזע פערשיעדענע ציטונגס־פלאנען און אונטערנעהמונגען, אין וועלכע העס איז געווען שטארק בעטייליגט, האבען ווי געוועהנליך ניט געהאט קיין ערפאלג. באלד אבער איז ערשיענען אין דער שווייץ א סאציאליסטישעס

זאמעלבוך אונטער דעם מערקווירדיגען נאָמען: „איינאונצוואנציג בויגען פון דער שווייץ“, ווייל א בוך פון מעהר איידער צוואנציג בויגען איז אין דייטשלאנד געווען פריי פון צענזור. אין דיזעם זאמעלבוך זיינען געווען אבגעדרוקט צוויי גרעסערע ארטיקלען פון העס: „סאָציאליזם און קאָמוניזם“, און „די פילאָזאָפיע דער טאט“.

דורך דיזען ארטיקעל: „די פילאָזאָפיע דער טאט“, האָט העס בעקומען א בעזונדערע בעריהמטהייט. דיזען ארטיקעל פערדאנקט העס זיין נאָמען אלס דער בעגרינדער פון דייטשען אנארכיזם, וועלכען ער האָט בעקומען אין דער געשיכטע פון אנארכיזם. מארקס האָט ביטער פערשפאָטעט אין „קאָמוניסטישען מאניפעסט“ דיזען אנארכיסטיש־קאָמוניסטישען ארטיקעל פון העס. העס שטעהט דאמאָלס פון איין זייט אונטער דער ווירקונג פון ספינאָזא און די יונג־העגעליאנער, בעזונדערס אונטער דער ווירקונג פון דעם ראַדיקאלען פילאָזאָף פייערבאך, פון דער אנדער זייט האָט פרודאָן'ס בעריהמטע שריפט: וואס איז אייגענטום? און די תשובה פרודאָן'ס, דאָס אייגענטום איז גנבה, געמאכט אויף העס א טיעפען רושם. און אמת און א ווערט האָט אין לעבען און געשיכטע נאָר דער טעטיגער, שעפפערישער פרייער אינדיווידואום. דאָ איז שוין העס ארויסגעטרעטען אויף דעם וועג פון פילאָזאָפישען אנארכיזם. אָבער העס איז שוין אנארכיסט אויך פאָליטיש און סאָציאל. ער פערניינט יעדע הערשאפט אין גייסטיגען און סאציאלען לעבען און פאָלגליך אויך דעם שטאאט און די קירכע, ווי גוט און צוועקמעסיג זיי זאָלען אפילו ניט זיין אָרגאניזירט. דער שטאאט איז דער היפך פון דעם אינדיווידואום. העס פערניינט אויך דאָס אייגענטום, ווארום זי בעשרענקט שוין די פרייע טהאט. דער אידעאל איז די אבסאָלוטע פרייהייט, דאָס הייסט דאָס דער מענש זאָל זיך פריי בעשטימען און ניט בעשטימט ווערען פון אן אויסערליכען דרוק. דער מענש זאָל זיך אויסקלייבען פריי נאָך זיין אייגענער לוסט זיין טעטיגקייט. אזוי דאָס ארבייט זאָל אויפהערען צו זיין א לאסט, נאָר זאָל ווערען א געננוס, ווייל זי איז פריי. דאָס זיינען געדאנקען, פון וועלכע פרודאָן ווייס נאָך ניט, אָבער ביי פוריע זיינען שוין פאראן אנדייטונגען דערפון, ווען ער רעדט פון דער הארמאָניע צווישען ארבייט און געננוס. ארויסגעהענדיג פון דעם אבסאָלוטען ווערט פון דעם אינדיווידואום זעהט העס דאמאָלס אין ראסע און נאציאָן א בע

שרענקונג פון אינדיווידואום. נאָר דאָס האָט א ווערט, וואס איז אלגעמיין מענשליך, דאָס איז דאמאָלס געווען העס׳ס אויפפאסונג, גאַנץ אין איינקלאַנג מיט אנדערע סאָציאליסטען פון יענער צייט, ווי צוםביישפיעל וויטלינג, וועלכער לאַכט פון דער פערשיעדענהייט פון די מענשליכע שפראכען, פון די "זשארגאָנען", וואָס טיילען און זאָנדערן פאנאנדער די מענשען. עס איז געווען די צייט, אין וועלכער דער מענש בכלל האָט ערשט געמוזט דערהויבען און אינגווענדיג בעפרייט ווערען.

די „פילאזאָפיע דער טאַט“ פון העס האָט אויף א גלענצענדען אופן אבגעשפיעגעלט די גייסטיגע און רעוואָלוציאנערע אונרוהיג־קייט און זוכעניש פון די ערשטע סאָציאליסטען אין דייטשלאנד. בשעת מארקס האָט מיט זיין „קאָמוניסטישען מאניפעסט“ געזוכט אריינצוטראגען קלארקייט אין דעם דאמאָליגען סאָציאליזם, האָט ער געמאַכט דעם פילאָזאָפיש־אנארכיסטישען העס פאר דאס ציעלברעט פון זיינע פאָלעמישע פיילען.

דערווייל זיינען ערשיענען אין יאָהר 1844 די בעריהמטע „דייטש־פראנצויזישע יאָהרביכער“ פון קארל מארקס, יענע ערשטע ליטעראַרישע אויסגאבע, אין וועלכער די דייטשע רעוואָלוציאנערען פון די פערציגער יאָהרען האָבען געפונען זייער טריבונע. אין דיעזע יאָהרביכער האָבען זיך בעטייליגט היינע, מארקס מיט זיינע בע־ריהמטע געוואָרענע ארטיקלען: „צור קריטיק דער העגעלשען רעכטס־פילאָזאָפיע“ און „צור יודען־פראגע“, ענגעלס און פיעלע אנדערע. אויך פון העס זיינען דאָרט ערשיענען פיער בריעף פון פאריז, אין וועלכע ער קריטיקירט די דאמאָליגע פאָליטישע צושטענדע אין פראנקרייך פון א העכערען פילאָזאָפיש־רעוואָלוציאָנערען שטאנד־פונקט. אין דיעזע בריעף איז העס דער הייסער פערטיידיגער פון דער מענשליכער גלייכהייט, אלס דער ערשטער בעדינגונג פון מענש־ליכער פרייהייט, און גלייכהייט איז זעלבסטפערשטענדליך סאָציא־לע גלייכהייט, די סאָציאליסטישע אָרדנונג.

נאָכדעם ווי די „דייטש־פראנצויזישע יאָהרביכער“ זיינען אונ־טערגעגאנגען פון דער אויביגער זעהר פראָזאאישער אורזאכע, פון וועלכער אלע רעוואָלוציאנערע אויסגאבען אין אלע לענדער און אין אלע שפראכען געהען געוועהנליך אונטער, איז נאָך אין 1844 א קנאפע צייט ערשיענען אין פאריז דער „פאָרווערטס“. אָבער באלד

זיינען ארויסגעטריעבען געוואָרען פון פּאַריז אַלע דייטשע רעוואָלו־ציאָנערען, און מאַרקס איז אָבגעפּאהרען אין ברוסעל. העס האָט אָבער פריהער נאָך פערלאָזען פּאַריז און איז געקומען אין קעלן, וואו ער האָט ווייטער מיטגעארבייט אין פערשיעדענע ראַדיקאַלע אויס־גאַבען, וועלכע האָבען אַלע ניט געהאט קיין לאַנגע יאָהרען. אין יאָהר 1845 גיט העס צוזאַמען מיט ענגעלס, וועלכער איז דאַמאָלס אויך געווען אין דייטשלאַנד, ארויס אַ צייטשריפט אונטער דעם נאָמען: „דער געזעלשאַפטס־שפּיעגעל“, וועלכע האָט זיך גע־דרוקט אין עלבערפעלד. די צייטשריפט האָט זיך געשטעלט פאַר איהר אויפגאבע אויפצודעקען די נויט און דאס עלענד פון דער גע־זעלשאַפט, צו בעשרייבען אָרעמקייט, הונגער, פּראָסטיטוציאָן, קראַנק־הייט, זעלבסטמאָרד פון פערצווייפלונג א. ז. וו. דער „געזעלשאַפטס שפּיעגעל“ איז דורכגעדרונגען פון העס'ס אינוועגדיגער אידעאַליס־טישער איבערצייגונג, דאָס סוף כל סוף איז דער מענש גוט און ריין און דאס די צייט וועט קומען, ווען די מענשהייט וועט ווערען ענטוויקעלט, געבילדעט און פּאָלקאָמען. באַלד אָבער הערט אויף „דער געזעלשאַפטס־שפּיעגעל“ אויף אַ „קורצע צייט“ צו ערשיינען, ווי די רעדאַקציאָנעלע נאָטיץ לויטעט, און העס בעגרינדעט אין יאָהר 1845 אַ וויסענשאַפטליכע פיערטעל־יאָהרשריפט: „רהייני־שע יאָהרביכער צו געזעלשאַפטליכער רעפאָרם“. אין דיעזע יאָהר־ביכער אזוי ווי אין „דייטשען בירגערבוך“ פון דעמזעלבען פערלאַג ערשיינען די ווייטערדיגע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע אַר־טיקלען פון העס, פון וועלכע עס פערדיענט בעזונדערס דערמאַנט צו ווערען זיין ארטיקעל: „איבער דאס געלדוועזען“. דיעזע סאָ־ציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע ארטיקלען זיינען אָבער איינגעקליידעט, ווי אומעדום ביי העס, אין אבסטראַקט־פילאָזאָפישע ווערטער און בעגריפען, וועלכע פערוואַנדלען די האַרטע מיט קאַמפּף אָנגעפילטע ווירקליכקייט אין לופטיגע אין די הימלען שוועבענדע אבסטראַק־ציאָנען.

אין יענער צייט הויבט זיך אָן דער אינוועגדיגער קאַמפּף אין די קרייזען פון די דאַמאָליגע רעוואָלוציאָנערען, אַ קאַמפּף, אין וועל־כען העס האָט געשפּיעלט אַ פּיהרענדע ראָליע. דער ראַדיקאַלער פּי־לאָזאָף אַרנאָלד רוגע, וועלכער איז לכתחילה געגאַנגען דעמזעלביגען וועג פון מאַרקס, ענגעלס און העס, אבוואהל אין הארצען האָט אין

איהם נאָך אלץ געלעבט דער דייטש־קריסטליכער קאָנסערוואטאָר, ארנאָלד רוגע איז אויפגעטרעטען געגען די קאָמוניסטען און בעזונ־דערס געגען מאָזעס העס. אין זיינע „שטודיען און עראינערונגען" פון 1845 לאכט ער פון מארקס און נאָך מעהר פון העס, וועלכען ער רופט „דער קאָמוניסטען־ראבי", — א נאָמען, וועלכער איז פער־בליבען אויף העס פאר זיין גאנצעס לעבען. רוגע'ס אָנפאלען אויף דעם קאָמוניזם, אויף מארקס און העס, איז אויך אָנגעפילט מיט א היבשע ביסעל שנאה צו אידען. רוגע האָט געענדיגט זיין קאריערע אלס א טרייער ליטעראַרישער קנעכט פון ביסמארק. מיט דיעזען רוגע פיהרט העס דעם ליטעראַרישען פעדער־קאמפף אין דער „דייטשער בריסעלער צייטונג" פון יענער צייט.

אָבער באלד ווערט העס אריינגעדרונגען אין א פיעל ערנסטערע פּאָלעמיק. אין יאָהר 1845 טרעט אויף מ א ק ס ש ט י ר נ ע ר מיט זיין אַנארכיסטיש־עגאָאיסטישען ווערק: „דער איינציגער און זיין אייגענטום". שטירנער האָט געמאכט א ווייטערע קאָנסעק־וועניץ פון דער פייערבאכישער פילאָזאָפיע. פייערבאך איז פון גאָט דורך די פערנונפט געקומען צום מענשען. דער מענש איז דער שעפּפער פון אלע אייביגע, רעליגיעזע און פילאָזאָפישע אמת'ען, וועלכע הויבען זיך אויף מיט האפפערטיגער זעלבסטשטענדיגקייט איבער דעם מענשען. שטירנער געהט א שריט ווייטער, ניט דער מענש, דער אלגעמיינער מענש, נאָר דער אייגענער מענש, דער „איך" איז דער מאסשטאב פון אמת און דאס ציעל פון לעבען. דער איינציגער איז זיך זעלבסט א בעשטימער און א האר, ער דארף זיין פריי פון גאָט, מאָראל, שטאַאט, טראדיציאָן, רעכט, פון אלץ וואָס וויל זיך שטעלען ווי אן איבערנאַטירליכע און איבערמענשליכע אויסטראכטעניש איבער איהם. ניט די געשיכטע און ניט די גע־זעלשאפט, נאָר דער איינצעלנער אטאָם פון דער געזעלשאפט האָט דעם אמת'ן אבסאָלוטען ווערט. כדי אָבער דיעזער סאָציאלער אטאָם, דער איך, דער עגאָאיסט, זאָל קענען האָבען א קיום אין לעבען, קלערט שטירנער צוריק אוים דאס מיטעל „דעם בונד פון די עגאָאיסטען". אזוי בויט שטירנער וויעדער אויף יענע כחות, וועלכע שטעהען מחוץ פון דעם איינצעלנעם און וועלכע ער האָט אזוי אונבארמהערציג פערניכטעט, בשעת ער האָט ארויסגעשיילט אין געדאנקען דעם איינציגען פון דער געזעלשאפט און דער געשיכטע.

ניט קוקענדיג אויף דיזע ווידערשפּריכען פון שטירנער׳ס פילאָזאָפיע און אויף די אונקלאָרקייט פון דעם גאַנצען גאַנג פון זיין געדאַנק, האָט דאָך דאָס בוך אריינגעבראַכט אַ מהומה אין די קעפּ. העס פיהלט זיך מחויב אויפצוטרעטען מיט זיין גאַנצער פּאָלע־מישער שאַרפקייט געגען שטירנער, ווארום שטירנער איז איינער פון דעם אייגענעם קרייז און זיין קאמפף געגען דעם שטאַאַט האָט ער אריבערגענומען זיכער פון העס זעלבסט. העס לאָזט ערשיינען אין יאָהר 1845 אַ קליינעם ביכעל: „די לעצטע פילאָזאָפען" געגען שטירנער. שטירנער׳ס איינצעלנער מענש־עגאָאיסט ווידערשפּרעכט העס׳ס סאָציאַליסטישער נשמה. דער מענש איז עטוואס נאָר אין דער געזעלשאפט און דורך די געזעלשאפט, דער „בונד פון עגאָ־איסטען" איז ניט קיין נייעס, דאָס האָט עקזיסטירט אין דעם גאַנ־צען משך פון דער מענשליכער געשיכטע. אזוי פּאָלעמיזירט העס געגען שטירנער׳ס עגאָאיסטישען איך, געגען דעם איינציגען און אייגענעם, וועלכער איז אפשר אן אנדער אויסדרוק פאר דעם העס׳־שען מענש, אָבער וועלכער קען, לויט שטירנער׳ס אונבעשטימטקייט און אונזיכערקייט אין דעפיניציאָן און געדאַנקען, אויך אויסגעפילט ווערען מיט אן אנטי־סאָציאַלען תוכן. דעם סאָציאַליסטישען אנאר־כיסט העס איז געווען ניט צום הארצען די ארגומענטאַציאָן און די פאָרם פון דעם אינדיווידואַליסטישען אנארכיסט שטירנער, וועלכער שטעהט שוין אויף דעם געפעהרליכען גרעניץ פון אינדיווידואַליזם בכלל. העס האָט אויך זיך בעטייליגט אָן דער שריפט פון מאַרקס געגען שטירנער, וועלכע טראָגט דעם נאָמען "סאנקט מאַקס".

העס איז אין יענער צייט אָבער ניט נאָר אַ סאָציאַליסטי־שער ליטעראַטאָר, נאָר אויך אַ סאָציאַליסטישער אגיטאַטאָר, אויף ווי פיעל עס האָט געקענט דאַמאַלס זיין די רעדע פון סאָציאַליסטי־שער אגיטאַציאָן אין אייגענטליכען זין פון וואָרט. צוזאַמען מיט ענגעלס פיהרט ער אַן אגיטאַציאָן, האַלט פאָרטרעגע אין ב א ר־מ ע ן און ע ל ב ע ר פ ע ל ד און פּרעדיגט דעם קאָמוניזם. פון יענע פערזאמלונגען שרייבט ענגעלס אזוי בעגייסטערט צו מאַרקס, דאָס אויף זיי זיינען געווען אלע קלאַסען פערטרעטען, פון דער געלד־אַריסטאָקראַטיע ביז צו דעם גראַסערי־מאַן, אַ חוץ נאַטירליך דעם פּראָלעטאַריאַט. אין די „רהיינישע יאָהרביכער" זיינען אָבגעדרוקט געוואָרען די צוויי רעדען פון העס אויף יענע פערזאמלונגען, אין

וועלכע העם ערקלערט דעם קאָמוניזם נאָך אלץ הויפּטזעכליך פון פילאָזאָפיש־מאָראלישען שטאנדפונקט. א דריטע רעדע איז ניט אויסגעקומען העס'ן צו האלטען, ווארום באלד איז די פּאָליציי ארויפגעטרעטען און האָט געמאכט א סוף צו דער בעוועגונג.

פון דעם מינדליכען אגיטאטאָר ווערט העס ווידער א שריפט־ליכער אגיטאטאר, דער קעמפּפער מיט דער פען. אין יאָהר 1846 ערשיינט ווידער אן ארטיקעל פון העס אין דעם צווייטען באנד פון די „רהיינישע יאָהרביכער". וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען צו דרוקען אין דער שווייץ. אין דיעזען ארטיקעל זאָגט העס ארויס דעם דאמאלס זיכער זעהר אריגינעלען געדאנקען, דאס די סאָציאלע רעוואָלוציאָן קען ניט קומען דורך קיין אנדערען קלאס, ווי דורך דעם פּראָלעטאריאט. זיין פריהערדיגער פילאָזאָפישער סאָציאליזם, דער סאָציאליזם, וועלכער בעשטעהט אין דעם דיאלעקטישען קאמפּף־שפּיעל פון מאָראלישע און היסטאָרישע בעגריפען, מאכט שוין דאָ פּלאץ פאר א קלאָרע רעאלע אויפפאסונג פון סאָציאליזם, אלס דעם קאמפּף פון קלאסען פאר די בעהערשונג און אומגעשטאל־טונג פון דער געזעלשאפט. העס איז שוין זיכער דאמאָלס געשטא־נען אונטער דער ווירקונג פון דעם אויפשטייגענדען מארקס.

5.

צווישען די סאציאליסטען פון יענער צייט, וועלכע האָבען גע־שטאמט פון אלע לענדער און האָבען גערעדט אויף אלע פילאָזאָפי־שע, מיסטישע, רעליגיעזע און פאנטאסטישע לשונות, איז דער יונגער מארקס געוועזען דער קלאָרסטער קאָפּ און דער שטארקסטער גייסט. די פראנצויזישע סאָציאליסטען, פוריע, קאבע, פּרודאן האָ־בען זיך פאָרגעשטעלט, דאָס דער סאָציאליזם קען פערווירקליכט ווערען דורך אן אויסגעטראכטען סאָציאליסטישען פּלאן, דורך א קאָמוניסטישע געזעלשאפט אין א קליינינקען מאסשטאב, דורך פוריע'ס פאלאנסטערע אָדער דורך אן אויסטויש־באנק, לויט פּרו־דאן'ס פּלאן. דיעזע פראנצויזישע סאָציאליסטען האָבען ווירקליך געזעהן די סאָציאלע קלאסען־געגענזעצען און האָבען געפיהלט דאָס גאנצע פערדארבען פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט. עס האָט זיי אָבער געפעהלט יעדעס פערשטענדניס פאר די היסטאָרישע ענטוויקלונג און יעדע ווירקליכע קענטניס פון דער סאציאלער עקאָ־

נאַמיע און איהרע טרייבענדע קרעפטען. די נויטוועגדיגקייט פון דעם סאָציאַליזם האָבען זיי ארויסגעדרונגען פון דער אידעע פון מאָראל און גערעכטיגקייט און זיין פראקטישע דורכפיהרבארקייט האָבען זיי געזעהן אין זייערע אינדיווידועלע פאנטאסטישע פלאַנען. די אייביגקייט און היסטאָרישקייט פון סאָציאַליזם אָרער בעסער געזאָגט פון קאָמוניזם האָבען זיי געזעהן אין אור־קריסטענטום, וועלכעס איז געווען אָרגאַניזירט לכתחילה אויף דעם קאָמוניזם פון בעזיץ, און זיי האָבען אלע געשריעבען אויך אַבהאנדלונגען וועגען דאָס אמת'ע קריסטענטום. בשעת אָבער די פראנצויזישע סאָציאליסטען האָבען געזעהן יעדענפאלס די קלאסען־געגענזעצען און האָבען קריטיקירט דעם סאָציאַלען און פּאָליטישען בוי פון דער געזעלשאפט, האָבען די דייטשע סאָציאַליסטען ניט געהאט אפילו אויף אזוי וויים רעוואָלוציאָנערען זין און פּאָליטישע קלארקייט. זיי האָבען אין דעם סאָציאַליזם געזעהן דעם ענדגילטיגען דיאלעקטישען נצחון פון אבסטראקטע פילאָזאָפישע בעגריפען און אידעען. זיי אלע, ברונא בויער, גרין, וויימלינג, שטירנער, העס זיינען, ווי מארקס און ענגעלס זעלבסט, געקומען צום סאָציאַליזם פון דער דייטשער קלאסישער פילאָזאָפיע און איהרע דאמאָליגע העכסטע און לעצטע פערטרעטער: הענעל און פייערבאך. הענעל'ס „אידעע" און פייערבאך'ס „מענש" זיינען געווען די לעצטע אידעאַלען פון דער געשיכטע, צו וועלכע דער דיאלעקטישער שפּיעל פון בעגריפען פיהרט. אזוי ווי אין אכטצעהנטען יאָהרהונדערט האָט דער דייטשער פילאָזאָף קאנט געמאכט פון דעם פראנצויזישען רעוואָלוציאָנער ראָבעספּיער א טעאָרעטישען בעגריף, אזוי האָבען אויך די דייטשע סאָציאַליסטען פון די פערציגער יאָהרען אריבערגעטראגען דעם פראנצויזישען סאָציאַליזם פון דער ערד אין די לופטיגע הימלען פון אבסטראקטע בעגריפען. צו דיעזען פילאָזאָפישען און ריינעם סאָציאַליזם האָבען די דייטשע סאָציאַליסטען נאך צוגעמישט א היבשע מאָס רעליגיעזע מיסטיק און אורקריסטענטום, ווי בעזונדערס וויימלינג.

דער גייסטרייכער און טיעפזיניגער מארקס האָט שוין אין די ערשטע יאָהרען פון זיין סאָציאַליזם געזעהן דעם טעארעטישען כאָאָס און די פראקטישע אונדורכפיהרבארקייט פון דיעזען סאָציאַליזם. אמת, אין זיין „אידען־פראגע" רעדט נאך מארקס זעלבסט אין דעם פייערבאך'שען פילאָזאָפישען לשון, אזוי דאָס דער אמת'ער

אינהאַלט פון דיעזער גלענצענדער שריפט איז פאַר פיעלע עד היום נאָך געבליבען אונפערשטענדליך און מיספערשטענדליך. אָבער באַלד האָט מאַרקס אָנגעהויבען צו דענקען עקאָנאָמיש און פּאָליטיש און האָט שוין דערפיהלט, דאַס דער סאָציאַליזם קען נאָר פערווירקליכט ווערען היסטאָריש, אין לויף פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט און דורך די נייע צושטערענדע און אָרגאַניזירענדע כחות פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם און דעם סאָציאַלען קלאַסען־קאַמפּף. מאַרקס און מיט איהם ענגעלס האָבען שוין אין דער מיטע פון די פערציגער יאָהרען אָנגעהויבען שטודירען מיט דער גרעסטער איבערגעבענקייט נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און עקאָנאָמישע געשיכטע. מאַרקס האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר דערווייטערט פון דעם אַרט דענקען פון די סאָציאַליסטען פון זיין צייט און האָט אָנגעהויבען שאַפען די פונדאַמענטאַלע בעגריפען פון דעם קעמפּפענדען רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם.

פאַר דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם איז אָבער נויטיג געווען אבצוראַמען פון וועג אַלע אנדערע פאָרמען פון סאָציאַליזם, וועלכע האָבען זיך אַרומגעטראָגען כאָאָטיש אין דער דאַמאָליגער רעוואָלוציאָנערער וועלט. מאַרקס האָט דערפאַר ביז צו דער ערשיינונג פון זיין קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע (1859) געפיהרט כמעט אין גאַנצען אַ קריטישע און פּאָלעמישע מלחמה געגען אַלע אנדערע סאָציאַליסטען פון זיין צייט. אין בעזונדערע ספּעציעלע ווערק, אין אַרטיקלען און בריעף, אין דעם קאָמוניסטישען מאַניפעסט זעלבסט אונטערוואַרפט מאַרקס די אוטאָפּיסטישע, פילאָזאָפישע, רעליגיעזע סאָציאַליסטען דעם פייער פון זיין קריטיק און דעם ברען פון זיין סאַטירע. ברונאָ באוער, קאַרל גרין, פּרודאָן, וויטלינג, די פריהערדיגע סאָציאַליסטען ווי אָוועו, פוריע ווערען אַראַבגעריסען פון זייער הויכקייט און ווערען פאָרגעשטעלט נאָר אַלס אונגליקליכע טעות'ען, וועלכע האָבען געהאַלטען די מענשען אין פערווירונג, ביז עס איז געקומען די ערלעזונג דורך דעם וויסענשאַפטליכען און רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם. דאָס קלינגט גאַנץ בעזונדערס פון דעם קאָמוניסטישען מאַניפעסט.

מיר פערשטעהען יעצט די פּסיכאָלאָגישע בעריכטיגונג פון דעם קאַמפּף און דער קריטיק, וועלכע מאַרקס האָט געפיהרט געגען אַלע

אנדערע פאָרמען פון סאָציאַליזם. כדי דער רעוואָלוציאָנערער סאָ־
ציאַליזם, וועלכער שטיצט זיך אויף קלאַסען־קאַמפף און אויף די
עקאָנאָמישע אינטערעסען פון פּראָלעטאַריאַט, זאָל לאָזען ווארצלען
אין ארבייטער־קלאַס, איז נויטיג געווען דאַמאָלס צו בעזייטיגען
יעדע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, וועלכע איז געשטאַנען ווי א
מחיצה צווישען דעם רעוואָלוציאָנערען סאָציאַליזם און דעם פּראָ־
לעטאַריאַט. מאַרקס'ס קריטיק נעגען אלע פאָרמען פון סאָציאַליזם
איז געווען פערשטענדליך און בערעכטיגט דורך די אומשטענדען
פון יענער צייט. עס איז אָבער א טעות, ווען פיעלע מיינען, דאָס
דורך דיעזע קריטיק האָבען אלע יענע סאָציאַליסטישע אידעען און
שטרעבונגען פערלאָרען זייער ווערט, און דאָס יענער סאָציאַליזם
איז בכלל געווען א פערווירונג און מיספערשטענדנים, א זוכעניש
אין פינסטערן, איידער דאָס ליכט האָט אָנגעהויבען צו שיינען.
פערקעהרט, יענע סאָציאַליסטישע אידעען און טענדענצען ענטהאַל־
טען אין זיך פיעלע בלייבענדע און שעפערישע אמת'ען, פון וועלכע
א טייל האָבען שוין אויסגעהאַלטען די קריטיק פון דער געשיכטע,
און אנדערע זיינען עד היום נאָך געניאַלע אנדייטונגען און ווינקען
פאַר די צוקונפט פון דעם סאָציאַליזם. די אוטאָפּיסטיש־פאַנטאַס־
טישע קאָמוניסטישע פּלאַנען פון אָווען, פוריע, קאַבע, פּרודאָן זיינען
ניט געבליבען אָהן א ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דעם סאָציאַליזם.
פון דיעזען אוטאָפּיסטישען סאָציאַליזם שטאַמט אייגענטליך די
גאַנצע מאָדערנע קאָאָפּעראַטיווע בעוועגונג, וועלכע ווערט אלץ
מעהר און מעהר א הערשענדער עלעמענט אין סאָציאַליזם. די בע־
שאַפונג פון סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווען אייגענטום אין דער קאַפּיטאַ־
ליסטישער ווירטשאַפט און די אָרגאַניזירונג פון פרייוויליגע גענאָ־
סענשאַפטען פאַר קאָנסום און פּראָדוקציאָן איז ניט ווייניגער ווי
דער רעוואָלוציאָנערער און פּאָליטישער סאָציאַליזם א טייל פון דעם
מאָדערנעם סאָציאַליזם, אָבער ער שטאַמט פון די אוטאָפּיסטען און
בעזונדערס פון ראָבערט אָווען און פּרודאָן. די פילאָזאָפישע סאָ־
ציאַליסטען, וועלכע האָבען גערעדט ניט פון דעם פּראָלעטאַריער,
נאָר פון דעם „מענש", און ניט פון דער פּראָדוקציאָן, נאָר פון דער
„אידעע", האָבען די סאָציאַלע ערשיינונגען דערהויבען צו אלגעֵ־
מיינע פילאָזאָפישע ווערטען און האָבען איבער דעם פּראָלעטאַריאַט
און זיין קלאַסען־קאַמפף געפיהלט די מענשהייט און איהרע טיעף־

בעהאַלטענע חלומות, האָפנונגען און געבאָטען. אין אונזער צייט ערשט בעקומט דער סאָציאַליזם דיזע פערשטאַרקונג, פערטיעפונג און פעראייביגונג פון זייטען פון דער פילאָזאָפיע. און אויך יענע שטרעבונג, וועלכע האָט אין דעם סאָציאַליזם געזעהן א רעליגיאָן, גאָט'ס הייליגען געבאָט און אמת, און אין דעם אורקריסטענטום דעם מענשענ'ס אייביגען דראַנג און מאָראַלישען כח, וועלכע האָט פערבונדען דעם סאָציאַליזם מיט נאַטור און געשיכטע צו איין לע־בעדיגער איינהייט. אויך יענע טענדענץ איז ניט געוועזען קיין טעות, נאָר איז, פערקעהרט, דער אונקלאַרער אָנהויב פון דער טיעפסטער און ערהאבענסטער אויפפאסונג פון סאָציאַליזם, ווי זי וועבט און שפינט זיך יעצט פון די פאָגעשריטענסטע גייסטער פון דער מענש־הייט.

עס פערשטעהט זיך, דאָס מאַרקס האָט זיך געמוזט אויך נעה־מען פאר העס'ן, בשעת ער האָט געראַמט דעם וועג פאר דעם רעוואָ־לוציאָנערען סאָציאַליזם פון קלאסען־קאַמפף. העס און מאַרקס זיינען געוועזען ענג בעפריינדעט זייט 1843, אָבוואָהל זיי זיינען געוועזען זעהר פערשיעדענע כאַראַקטערען. מאַרקס איז געוועזען דער מאַן פון אַק־ציאָן, העס איז געוועזען מעהר א דענקער און ענטוזיאַסט. די סאָ־ציאַליסטישע בעוועגונג האָט זיי צונויפגעבונדען, און מען האָט מאַרקס, ענגעלס און העס געהאַלטען גאָר פאר די סאָציאַליסטישע דריי־איינינגקייט אין יענער צייט. אין דעם בריעף־וועקסעל צווישען מאַרקס און ענגעלס פון יענע יאָהרען ווערט העס זעהר אָפט דער־מאַנט. אָבער ווי אַלע אנדערע סאָציאַליסטען פון יענער צייט, ווערט אויך העס אין יענע בריעף בעגאָסען מיט כוואַליעס פון גוטמוטיגען קריטישען שפּאָט פון די בעגרינדער פון וויסענשאַפטליכען סאָ־ציאַליזם. אָבער זיי זיינען שטענדיג געוועזען פערזענליכע און פאַרטיינע פריינד. מאַרקס האָט אפילו געהאַט גראָד אויף העס א טיעפע ווירקונג. אונטער מאַרקס'עס איינפלוס הויבט אָן העס צו שטודירען די איהם פרעמדע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און פערוואַנ־דעלט זיך שוין ביסלעכווייז פון א פילאָזאָפישען סאָציאַליסט אין אַן עקאָנאָמישען. אין דער „דייטשער בריסעלער צייטונג“ פון יאָהר 1847, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון מאַרקס, האָט העס אָבגעדרוקט פיער אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען: „די פאָלגען פון דער רעוואָלוציאָן פון פראָלעטאַריאַט“. אין דיזע אַר־

טיקלען ענטוויקעלט העס דעם געדאנקען, דאָס די גרויסאינדוסטריע איז דער אָביעקטיווער פאקטאָר פאַר די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. ער רעדט פון דעם אייזערנעם לוין־געזעץ, פון די האנדעלס־קריזען, פון דער ענטוויקלונג פון דער טעכניק און דעם קלאַסען־בעוואוסט־זיין. דאָס זיינען שוין ניט קיינע פילאָזאָפישע געדאנקען, נאָר עקאָנאָמישע, רעאלע, און עס פיהלט זיך אין זיי דער איינפלוס פון דעם מייסטער מארקס. אָדער אפשר האָט מארקס זעלבסט גע־שעפּט זיין וויסענשאפטליכען סאָציאליזם אויך פון העס'ס גייסטי־גע איינפעלע, ווי פון פיעלע אנדערע סאָציאליסטען פון יענער צייט. יעצט איז דאָך אלגעמיין בעקאנט, דאָס פיעלע געדאנקען פון קאָמוניסטישען מאניפעסט פון מארקס זיינען שוין ארויסגע־זאָגט געוואָרען פאַר מארקס פון וויקטאָר קאָנסידעראן, א תלמיד פון פוריע.

דערווייל איז די בעדייטונג פון מארקס אין דער סאָציאליסטי־שער וועלט נאָך מעהר געשטיעגען. מארקס איז געוואָרען דער גייסטיגער פיהרער פון דעם „בונד פון די גערעכטע“, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען רופען דער „בונד פון די קאָמוניסטען“. דער צענטר פון יענער אינטערנאציאָנאלער קאָמוניסטישער אָרגאניזא־ציאָן איז געווען לאָנדאָן, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאלטען די רעוואָלוציאָנערע עמיגראנטען פון אלע לענדער, בעזונדערס פון דייטשלאנד. סוף 1847 איז אין לאָנדאָן אָבגעהאלטען געוואָרען דער צווייטער קאָנגרעס פון דעם „בונד פון די קאָמוניסטען“. דער בונד פון די קאָמוניסטען האָט זיך שוין דאמאָלס גאנץ אָבגעזאָגט פון יעדען אוטאָפּיסטישען סאָציאליזם, וועלכער האָט געוואָלט אויפ־בויען א קאָמוניסטישע געזעלשאפט אין די ראמען פון דער קאפּי־טאליסטישער וועלט. דער קאָמוניסט קאבע פון פראנקרייך, וועל־כער האָט אין יענער צייט פאָרבערייטעט די אויסוואנדערונג פון די קאָמוניסטען נאָך אמעריקא, כדי אויפצובויען זיין קאָמוניסטי־שע קאָלאָניע איקאריען, האָט זיך אויך געווענדעט צו דעם בונד וועגען שטיצע און הילף. דער לאָנדאָנער פעריין פון בונד האָט אָבגעזאָגט קאבע זיין אונטערשטיצונג. דערפאַר האָט אָבער דער צווייטער קאָנגרעס געגעבען מארקס'ן דעם אויפטראג ארויסצוגע־בען דעם קאָמוניסטישען מאניפעסט, וועלכען ער האָט פאָרגעלעגט

פאר דעם קאנגרעס, ניט מיט דעם אלטען מאטא פון בונד: אלע מענשען זיינען ברידער, נאר מיט דעם נייעם מאטא: פראלעטא־ריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך!

אין דעם קאמוניסטישען מאניפעסט אנאליזירט מארקס מיט זיין בייסענדער סאטירע און דיאלעקטיק אלע אנדערע פארמען פון סאציאליזם, דעם קאנסערוואטיווען סאציאליזם, דעם קליינבירגער־ליכען סאציאליזם, דעם אוטאפיסטישען סאציאליזם און אויך דעם דייטשען אדער וואהרען סאציאליזם, אדער ווי ער פלעגט זיך נאך רופען פילאזאפישע בעגרינדונג פון סאציאליזם. מארקס דער־מאנט די „פילאזאפיע דער טאט“ פון העס און שיקט זיינע קריטישע פיילען געגען פיעלע זיינע אויסדרוקספארמען. אין זיינע אנפאלען געגען די פערטרעטער פון דעם דייטשען סאציאליזם איז מארקס ניט געווען גערעכט, און גאנץ בעזונדערס בנוגע צו העס, וועלכער איז שוין דאמאלס געשטאנען נאהענט צום עקאנאמישען סאציאליזם. אבער מארקס האט ארויסגעצויגען זיין פאלעמישען שווערד געגען יענע דייטשע סאציאליסטען אייגענטליך דערפאר, ווייל זיי האבען געקעמפפט געגען די ליבעראלע בורזשואזיע און די ליבעראלע איינ־ריכטונגען פון דעם בורזשואזנעם שטאאט אין נאמען פון סאציא־ליזם. דארין האט מארקס געזעהען א סכנה פאר דעם נצחון פון דער ליבעראלער בורזשואזיע אין איהר קאמפף געגען דאס רעאק־ציאנערע קעניגטום. די היסטאריקער פון דעם דייטשען סאציאליזם, ווי מעהרינג און בערנשטיין, זוכען צו ערקלערען און צו ענטשולדי־גען מארקס'ם אנפאל אויף די דייטשע סאציאליסטען פון יענער צייט. בערנשטיין בעמערקט, דאס די דייטשע סאציאליסטען הא־בען דאמאלס ניט געשריעבען קיין „שמוציגע ענטנערווענדע ליטע־ראטור“, ווי מארקס זאגט דאס אין מאניפעסט. און פראנץ מעה־רינג בעמערקט נאך אויסדריקליך, דאס אויך צווישען די דייטשע סאציאליסטען האבען זיך דאמאלס געפונען „איינצעלנע טיכטיגע נאטורען, ווי מאזעס העס, וועלכע האבען זיך מיט דער פערשאר־פונג פון קלאסען־קאמפף ענטוויקעלט צום „רעסטרוקטיווען קאמו־ניזם.“

דיעזער פאלעמישער שפיעל, וועלכען מארקס האט זיך ערלויבט בנוגע צו העס, האט געוויס געמאכט א טיעפע ווירקונג אויף העס'ס

איידעלע און פיהלענדע נשמה. אבער עס איז געווען א שטורעמ־דיגע צייט, דאס יאהר 1848, ניט קיין צייט פאר פערזענליכע חשבונות און אברעכענונגען. אין דייטשלאנד איז אויסגעבראכען די רעוואלוציאן, וועלכע האט אבער נאר אין באדען געפיהרט צו א ווירקליכען קאמפף צווישען די אויפשטענדיגע רעוואלוציאנערען און די פרייסישע סאלדאטען. העס האט זיך אן דיעזער בעוואפענטער רעוואלוציאן בעטייליגט צוזאמען מיט ענגעלס, ווילין, שאפער און אנדערע קעמפפער, און איז שפעטער נאך דעם זיעג פון דער רעאקציאן פעראורטיילט געווארען צום טויט. דער טויט־אורטייל האט איהם ניט געקענט דערגרייכען. ער איז אנטלאפען אין די שווייץ און האט זיך אויפגעהאלטען אין גענף, פון וואנען ער האט מיט גרויסער איבערגעבענהייט נאכגעפאלגט די פאסירונ־גען אין דייטשלאנד.

נאך דעם נצחון פון דער רעאקציאן האט זיך, ווי געוועהנליך ביי אזעלכע אומשטענדען, אנגעהויבען די אינוועענדיגע פאנאנדער־פאלונג פון דער רעוואלוציאן זעלבסט. עס זיינען באלד ענטשטא־נען צוויי שטרעמונגען צווישען די דייטשע רעוואלוציאנערען, וועל־כע האבען פאנאנדערגעשפאלטען דעם בונד פון די קאמוניסטען. מארקס, וועלכער האט נאך אין יאהר 1849 געגלויבט אין די סא־ציאלע רעוואלוציאן, וועלכע וועט אויסברעכען אין פראנקרייך, האט אין 1851 עפענטליך ערקלערט, דאס עס איז ניט מעהר די צייט פון רעוואלוציאן, נאר פון געגענרעוואלוציאן. די ענטדעקונג פון די גאלדגרובען אין קאליפארניען, די געוואלטיגע ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין ענגלאנד, די פערבעסערונג פון דער עקאנאמי־שער לאגע אין גאנץ אייראפא האבען געפיהרט מארקס'ן צו דער איבערצייגונג, דאס עס איז ניטא קיין אביעקטיווע מעגליכקייט און קיין האפנונג אויף א באלדיגע רעוואלוציאן. ענגעלס, פריילי־גראט, וואלף און די פיעלע אנדערע רעוואלוציאנערען האבען גע־טיילט מארקס'ס אויפפאסונג, אבער שאפער, ווילין, דער יונגער ליעבקנעכט האבען געוואלט ארויסרופען נאך אמאל די רעוואלוציאן. העס איז געשטאנען אויף דער זייט פון די שטורעמדיגע רעוואלוציא־נערען, אבוואהל ער האט זיך ניט אריינגעווארפען אין אקטיווען קאמפף. באלד איז פון דיעזער אינוועענדיגער מחלוקת דער „בונד“

פאנאנדערגעפאלען אין צוויי גרופען, און איין גרופע האט עפענט־ליך אויסגעשלאסען די אנדערע פון בונד. דער „בונד פון די קאמו־ניסטען“ האט זיך פאלשטענדיג אויפגעלעזט און איז כמעט פער־שוואונדען פון דער היסטארישער סצענע, נאכדעם ווי די דייטשע רעגיערונג האט ארויסגערופען דעם בערימטען קעלנער קאמוניסטען־פראצעס אין יאהר 1852.

פון יענער צייט שטאמט א קליינע שריפט פון העס אין פראנ־צויזישער שפראך, ארויסגעגעבען אין גענף (1851), וועלכע טראגט דעם נאמען: „דאס לעצטע געריכט איבער די אלטע סאציאלע וועלט“. אין דיעזער שריפט זעהט העס קלאר די גרויסע בעדיי־טונג פון דעם עקאנאמישען פאקטאר אין דער סאציאלער ענטוויק־לונג און אין דער ענטשטעהונג פון רעוואלוציאנען. ער שטעהט אויף דעמזעלביגען רעאלען באדען פון ווירקליכקייט ווי מארקס, אבער עס דערוועקט זיך אין איהם דער אלטער אידעאליסטישער רעוואלוציאנער און ער פאדערט אקציאן און רעוואלוציאנערע טהאט. ער זאגט פאלגענדע ווערטער: „די דייטשע סאציאליסטען ווייסען אלעס, אבער זיי קענען ניט האנדלען. זיי בעזיצען נאר די וואפען פון דער קריטיק, כדי אנצופאלען אויף די אלטע סאציאלע וועלט. זיי פערשטעהען זעהר גוט די קונסט, ווי צושניידען דעם קערפער פון אונזער געזעלשאפט, צו ענטוויקלען איהר עקאנאמיע און בעווייזען איהר קראנקהייט. אבער זיי זיינען צו מאטעריאליסטיש, כדי צו האבען דעם פייער, וועלכער עלעקטריזירט, וועלכער רייסט מיט זיך דאס פאלק... זיי האבען פערביטען דעם נעבעלהאפטען שטאנדפונקט פון די דייטשע פילאזאפען אויף דעם ענגען און קליינליכען שטאנד־פונקט פון דער ענגלישער עקאנאמיע“.

דיעזע ווערטער זיינען געציעלעוועט געגען מארקס'ן. אפשר איז אבער דיעזע שארפע קריטיק ריכטיגער בנוגע צו דעם דייטשען סאציאליזם נאך מארקס און אהן מארקס, איידער בנוגע צו מארקס'ן זעלבסט. דיעזע שעפפעריש־קריטישע געדאנקען זיינען יעדענפאלס די לעצטע ווערטער פון העס, מיט וועלכע ער האט געענדיגט זיין ערשטע רעוואלוציאנערע עפאכע, וועלכע האט אין 1848 דערגרייכט איהר העכסטען פונקט.

6

די פופציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט זיינען גע־וועז יאָהרען פון פּאָליטישער רעאקציאָן. די רעוואָלוציאָן פון 1848 איז אין אָלע לענדער בעזיעגט געוואָרען אפריהער פון דער גרויסער גרינדונגען־רעוואָלוציאָן און דערנאָך פון דער חוואַליע פון עקאָנאָמישען רייכ־טום, וועלכע האָט זיך אויסגעגאָסען איבער גאַנץ אייראָפּאַ. אין קאַליפאָרניען זיינען ענטדעקט געוואָרען די גאָלדמינען און דער וועסטען פון אמעריקא האָט זיך געעפענט. באַהנען האָט מען אָנגע־הויבען בויען אין דער אַלטער און דער נייער וועלט, די גרויס־אינ־דוסטריע האָט בעקומען אַ געוואַלטיגע ענטוויקלונג, און בעזונדערס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר ענגלאַנד אַ צייט פון עקאָנאָמישען אויפ־שטייגען. דיעזע עקאָנאָמישע אויפבליהונג האָט אָבגעטויטעט יע־דע ווייטערדיגע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אין איהר וואָרצעל. מארקס האָט דאָס ריכטיג געזעהען שוין אין אָנהויב פון די פופצי־גער יאָהרען און האָט געפיהרט אַ ביטערע קריטיק געגען אַלע די עמיגראַנטען, וועלכע האָבען געוואָלט אויף אַ קינסטליכען אופן אראָפּברייגנען נאָך אמאָל די רעוואָלוציאָן.

אין דעם רעוואָלוציאָנערען לאַגער אין איירָאָפּאַ איז געוואָרען שטיל. די רעוואָלוציאָנערען פון 1848 האָבען זיך צוזייט און צו־שפּרייט אין דער וועלט, און פיעלע זיינען איבערגעגאַנגען צוריק צו דער רוהיגער און בעקוועמער וועלט פון דער בירגערליכער געזעל־שאַפט. ווייטלינג איז אויסגעוואַנדערט אין אמעריקא, וואו ער האָט זיך אָבגעגעבען מיט וויסענשאַפט. באַקונין איז געלעגען אין די פעסטע לאַפּעס פון דער רוסישער רעגיערונג. מארקס איז צוזאמען מיט ענגעלס'ן געוועזן אין לאָנדאָן, וואו ער האָט געאַרבייט ליטע־ראַריש און איז געוועזן דער מיטאַרבייטער פון דער נויאָרקער „טרי־בון". אין יענע יאָהרען האָט מארקס, ניט קוקענדיג אויף זיין פורכטבאַרע מאַטעריעלע נויט, דורך אייזערנעם פלייס און אונ־געהייערע אַרבייט צונויפגעקליעבען דעם וויסענשאַפטליכען מאַטע־ריאַל פאַר דעם „קאַפּיטאַל", וועלכער איז געוואָרען דער קריטישער וואָפען געגען די בעשטעהענדע געזעלשאַפט.

מאָזעס העס איז אין די פופציגער יאָהרען געשטאַנען אָן אַ זייט פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין איירָאָפּאַ, אויף ווי־

פיעל אזא בעוועגונג איז נאָך אַנגעגאַנגען. די אַלגעמיינע רעאַק־ציאָן און בעזונדערס די פּראָקלאַמירונג פון נאַפּאָלעאָן דעם הדי־טען, דעם 2טען דעצעמבער 1851, אַלס קייזער פון פראַנקרייך, האָבען ארויפגעוואָרפען אויף העס אַ טיעפען אומעט און אַנגעפילט זיין הארץ מיט פערצווייפלונג. פון גענף, וואו ער האָט דאמאלס געלעבט, פאָהרט ער נאָך אין בעלגיען און פרובט זיך בעזעצען אין לוטיך און שפּעטער אין אנטווערפען. אָבער די פּרייסישע רעגיע־רונג פאָדערט, דאָס מען זאָל איהם איבערגעבען אין איהרע הענד, אַלס אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז פעראורטיילט געוואָרען צום טויט. העס פערלאָזט דערפאַר בעלגיען און געפינט נאָך אַמאָל זיין היים אין פאַריז. אָבער דיעזעס מאָל איז פאַר איהם פאַריז ניט מעהר די שטאָדט פון רעוואָלוציאָנערער אונרוהיגקייט, נאָר אַן אָרט פון שטילע וויסענשאַפטליכע ארבייט. ער הויבט אָן צו שטו־דירען נאַטורוויסענשאַפטען, אַסטראָנאָמיע, געאָלאָגיע, העכערע מאַ־טעמאַטיק און ווערט אַ מיטארבייטער פון פיעלע דייטשע נאַטור־וויסענשאַפטליכע צייטשריפטען. אין די נאַטורוויסענשאַפטען בלייבט ער אָבער שטענדיג דער פילאָזאָף און בעטראַכט אַלע פּראָב־לעמען פון זייער העכערען אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט. אין דער־זעלביגער צייט געהט העס איבער פון אַלגעמיינע בעטראַכטונגען און אידעען, צו וועלכע ער איז געוועזען געוועהנט אין די פריהערע יאָהרען, צו די איינצעלהייטען, צו די עלעמענטען. אויב פריהער האָט העס בעשאַפען זיך דעם אַלגעמיינעם בעגריף „מענש“, האָט ער איהם יעצט, אין די יאהרען פון זיין וויסענשאַפטליכען איינצעל־שטודיום, צוגליעדערט אין זיינע יסודות, זיינע עלעמענטען, און האָט שוין געזעהען אין דער ראַסע, דער געשיכטע, די פּסיחישע אייגענטימליכקייטען, דיווירקליכע עלעמענטען פון דעם ביז יעצט אַבסטראַקט פאָרגעשטעלטען „מענש“. די מענשהייט איז פאַנאַנ־דערגעפאַלען אין נאַציאָנאַליטעטען. די צעהן יאָהר וויסענשאַפט־ליכע ארבייט זיינען געוועזען דער בריק פון זיין „הייליגע געשיכטע פון דער מענשהייט“ צו „רוים און ירושלים, די לעצטע נאַציאָנאַ־ליטעטען־פראַגע“.

עס האָט אָבער געמוזט צוקומען נאָך אַן אויסערליכער פאַק־טאָר, כדי העס זאָל מאַכען אַן ענטשיידענדען שריט אויף דעם וועג פון נאַציאָנאַליזם בכלל און אידישען נאַציאָנאַליזם בפרט. וויבאַלד

נאָר העס איז דורך זיינע פילאָזאָפישע און נאַטורוויסענשאַפטליכע שטודיען געקומען צו דער אידעע, דאָס די ראַסע און די נאַציאָן זיינען שעפּפערישע כחות פון געשיכטע און לעבען, וועלכע זיינען מסוגל אָנצואוואַקסען און זיך נאָך ווייטער אויסצובילדען אין דעם היסטאָרישען שטראָם, האָט ער זיך געמוזט דערמאָנען אָן זיין אידישע נאַציאָן. ווארום אייגענטליך האָט העס קיינמאָל דאָס אידישע פאָלק ניט פערגעסען, דערצו איז ער געווען צו פיעל אַ אידישער תלמיד חכם און האָט געהאַט אַ צו טיעפע און רעוואָלוציאָנערע נשמה. און אָט איז צוגעקומען אַן אויסערליכער פאַקטאָר, וועלכער האָט געגעבען דעם אָנשטויס דערצו, דאָס זיין באַהאַלטענער ירושלים זאָל ניי געבאָרען ווערען, און דאָס איז געווען די בעפּרייאונג פון רוים. נאָכדעם ווי עס האָט זיך בעפּרייט די הייליגע שטאָדט אויף דעם טייך פון טיבער, איז אויך געקומען די צייט פאַר די אייביגע שטאָדט אויף דעם בארג מוריה. נאָך דער בעפּרייאונג פון רוים מוז קומען די בעפּרייאונג פון ירושלים, — אַזוי זאָגט העס אין „רוים און ירושלים.“

אין יאָהר 1859 איז אויסגעבראָכען די מלחמה צווישען איטאַליען און עסטרייך פאַר די בעפּרייאונג און אויפלעבונג פון איטאַליען. אין איטאַליען זיינען די מאַסען ערוואַכט צו אַ נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, און ווידער איז איירָאָפּאַ און בעזונדערס פראַנקרייך אונרוהיג געוואָרען און איז ארויסגעקומען פון דעם צושטאַנד פון דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנערער ניעדערגעשלאָגענקייט. אמת, נאַפּאָלעאָן דער דריטער איז געווען פערבונדען מיט דיעזען קריעג, פון וועלכען ער האָט געזוכט צו פערשטאַרקען זיין אייגענע קייזערליכע פּאָזיציאָן און זיין טראָן, אָבער די לופט אין איירָאָפּאַ איז געוואָרען אָנגעפילט מיט נאַציאָנאַלער און רעוואָלוציאָנערער עלעקטריציטעט. די איטאַליענישע רעוואָלוציאָנערען מאַציני און גאַריבאַלדי זיינען אויפגעוואַקסען צו דער הויך פון נאַציאָנאַלע העלדען. אין פּרייסען איז נאַטירליך דאַמאָלס ארויפגעשוואומען די פראַגע, פאַר וועמען זאָל עס שטעהן און אויף וועלכער זייט עס דאַרפען ליעגען די דייטשע סימפּאַטיען. די גאַנצע עפענטליכע מיינונג, בעזונדערס די דעמאָקראַטישע, האָט דיסקוטירט די נייע פראַגע מיט אַ היציגען אינטערעס.

די פיהרער פון דעם סאָציאַליזם האָבען גלייך געלאָזט הערען

זייער שטימע וועגען דער בעפרייאונג פון איטאַליען, וועלכע איז געוואָרען אַן אַלגעמיין אייראָפּעאישעס פּראָבלעם. צוערשט איז אויפגעטרעטען ענגעלס מיט אַ שריפט: „פּאָ און ריין,“ אין וועלכער ער פּאָלעמיזירט געגען די דעמאָלט פערברייטעט געוועזענע אויפפאַסונג, דאָס דער דייטשער ריין מוז בעשיצט ווערען ביי דעם איטאַליענישען פלוס פּאָ, און דאָס די אָבשוואַכונג פון עסטרייך דורך די בעפרייאונג פון איטאַליען איז אַ סכנה פאַר די צוקונפט פון גאַנץ דייטשלאַנד. ענגעלס טרעט אויף פאַר די בעפרייאונג פון איטאַליען פון דעם פרעמדען עסטרייכישען יאָך, אָבוואָהל ער ווייזט אויף די גאַנצע זעלבסטזוכט און אַוואַנטיורע פון נאַפּאָלעאָן אין דיעזען קריעג. דיעזע שריפט האָט ענגעלס ארויסגעגעבען מיט דער צושטימונג פון מאַרקס, וועלכער האָט דיעזעלביגע געדאַנקען ענטוויקעלט אין דער „נויאַרקער טריביון“. באַלד נאָך ענגעלס'עס שריפט איז לאַסאַל אויפגעטרעטען מיט אַ שריפט: „דער איטאַליענישער קריעג און די אויפגאַבע פון פּרייסען“. לאַסאַל טרעט אויף מיט גרויסער בעגייסטערונג פאַר די בעפרייאונג פון איטאַליענישען פאָלק, וועלכעס האָט אַ רעכט דורך זיין גאַנצע פערגאַנגענהייט, קולטור, זיינע קעמפּפען און האָפנונגען אויף נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט. אין דיעזער שריפט רעדט לאַסאַל בכלל וועגען דאָס רעכט פון פעלקער אויף נאַציאָנאַלע בעפרייאונג און וויעדעראויפלעבונג. די דעמאָקראַטיע איז די אינווענדיגע אויטאָנאָמיע פון אַ פאָלק, וועלכע איז אָבער נאָר דאַן מעגליך, ווען דאָס פאָלק איז פריי פון יעדער פרעמדער הערשאַפט. די באַזיס און דער קוואַל פון דער דעמאָקראַטיע איז די פרייע אונאָבהענגיגע נאַציאָן. די דעמאָקראַטיע, וועלכע פאָדערט פאַר זיך די פרייהייט פון נאַציאָנאַליטעט, אָבער וויל עראָבערן און בעהערשען אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען, אַזאַ דעמאָקראַטיע איז אונטריי געוואָרען צו דער אידעע פון דעמאָקראַטיע. אין זיין אדרעס צום אינטערנאַציאָנאַל וועגען דעם דייטשפראַנצויזישען קריעג מיט צוועלף יאָהר שפּעטער, האָט מאַרקס דיעזען געדאַנקען וועגען דער בעציהונג פון פאָלק צו פאָלק אויסגעדריקט נאָך פיעל טיעפער און מאָראַליש אַלגעמיינער: צווישען פאָלק און פאָלק מוזען עקזיסטירען דיעזעלביגע געזעצען פון מאָראַל און רעכט, ווי צווישען מענש און מענש. אַזוי האָבען דורך די לעהרען פון דער געשיכטע מאַרקס און לאַסאַל פערלאָזען זייער

פריעהרדיגע שפּאָטיג־נעגאַטיווע האַלטונג צו אונטערדריקטע פעלקער, ווי צום ביישפּיעל צו די קליינע סלאַווישע פעלקער, צו מעקסיקאַ, און האָבען זיך אויפגעהויבען צו דער אַנערקענונג פון די רעכט פון די נאַציאָנאַליטעטען און דעם נאַציאָנאַלען פּרינציפּ אין דער געשיכטע און פּאָליטיק.

7

לאַסאַל, און שפּעטער אויך מארקס, האָבען אַנערקענט דאָס רעכט און די פפליכט פון די נאַציאָנען בכלל אויף נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט. דער דריטער גרויסער אידישער סאָציאַליסט העס האָט פּראָקלאַמירט די אידעע פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט און האָט דער ערשטער געבראַכט דעם אידישען פּאָלק די בשורה פון דער היסטאָרישער אויפלעבונג. אין יאָהר 1862 איז ערשיענען דאָס בעריהמטע ווערק פון מאָזעס העס: „רוים און ירושלים".

„רוים און ירושלים" איז ניט אַ סיסטעמאַטישעס ווערק וועגען נאַציאָנאַליזם, יודענטום, אידען, דעם אידישען פּראָבלעם. אַזאַ סיסטעמאַטישעס ווערק וואָלט אין זיך געדאַרפט ענטהאַלטען אַלגעמיינע געשיכטס־פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע, פילאָזאָפיע פון אידישע געשיכטע, די אונטערזוכונג פון דער מאַטעריעל־קולטורעלער לאַגע פון אידען אין דער געגענוואַרט, די בעציהונג צווישען די פעלקער און אידען, די וועגען און מעגליכקייטען פון אַ אידישער קאָלאָניזאַציאָן אין צוזאַמענהאַנג מיט די ענטוויקלונגס־מעגליכקייטען פון אָריענט. אַלס ערשטעס ווערק וועגען דיזע פּראָבלעמען וואָלט עס געמוזט זיין אָנגעפילט מיט פּאָלעמיק און פּובליציסטישע אָברעכענונגען און דיסקוסיאָנען. דער אינסטינקט פון דעם ענטדעקער האָט געוויזען העס'ן די ריכטיגע פאָרם פאַר זיין ווערק: ניט אַ סיסטעם, נאָר לויזע געדאַנקען צו אַ סיסטעם, ניט דער בנין, נאָר די ציעגעל צו דעם בנין. „רוים און ירושלים" איז אויפגעשריעבען אין צוועלף בריעף צו אַ פריינדין, צו וועלכע עס קומען נאָך צו אָנמערקונגען, אַן עפּילאָג פון זעקס קאַפּיטלען און צעהן נאָטען. אין דיזער ניט־צוזאַמענהענגענדער פאָרם האָט דער פערפאַסער ארויסגעזאָגט זיינע נייע איבערראַשענדע געדאַנקען.

אין „רוים און ירושלים" אַקוראַט ווי אין אַלע זיינע פריה־

ערדיגע ווערק נעהט העם ארוים פון דער ספינאָזאַ'יסטישער פילאָ־זאָפיע, וועלכע איז ביי איהם די העכסטע אמת'ע און אידישע פילאָ־זאָפיע, דאָס די וועלט איז אן איינהייט, אלל־איינינ און איינציג. נאָר פאַר אונזער בעשרענקטען פערשטאַנד וויקעלט זיך די וועלט פאַנאַנדער אין איהר מאַניגפאַלטיגקייט פון ערשיינונגען. הינטער דער מאַניגפאַלטיגער שעפּפונג שטעהט דער איינהייטליכער שעפּפער, אָבער ניט אויסערהאַלב פון דער שעפּפונג, נאָר אין איהר גופא אלס איהר אמת'ער וועזען, איהר מהות, איהר אורזאַכע און איהר לע־בען. פאַר דיעזע אידיש־ספינאָזאַ'יסטישע אידעען געפינט העס בעווייזען פון דער מאָדערנער נאַטורוויסענשאַפט. די גרעסטע ענט־דעקונג פון דער מאָדערנער נאַטורוויסענשאַפט, דאָס געזעץ פון דער ערהאַלטונג פון קראַפט, זאָגט ריזעלבינע זאַך, וואָס די אמת'ע רע־ליגיאָן, די תורה, און די אמת'ע פילאָזאָפיע, דער ספינאָזיזם. די אל־איינינע אונענדליכע און אייבינע קראַפט דריקט זיך אויס אין די מאַניגפאַלטיגע פערגענגליכע און פערענדליכע ערשיינונ־גען פון דער נאַטור. „אלעס פערגענגליכע איז נאָר א גלייכניס", האָט אויך געטהע געפיהלט.

דיעזע געשאַפענע וועלט, אין וועלכער דער שעפּפער לעבט, איז א שטענדיג זיך ווייטער שאַפענדע וועלט. די וועלט ווערט פאַנאַנ־דערגעטיילט אין דריי קעניגרייכען אָדער ספערען, אין די קאָסמישע, אָרגאַנישע און סאָציאַלע לעבענס־ספערען. אָבער דיעזע דריי וועל־טען, די קאָסמישע, אָרגאַנישע און סאָציאַלע בעשטעהען ניט פון אייביג אָן, זיינען ניט קיין קדמונים, נאָר זיינען אויך פּראָדוקטען פון דער אייביגער שעפּפונג. די אטאָמען, דאָס הייסט די יסודות פון דער קאָסמישער וועלט, עקזיסטירען ניט פון אייביג אָן, נאָר זיינען בעשאַפען געוואָרען. די אטאָמען זיינען ניט פון אייביג אָן, נאָר זיי זיינען אמאָל ענטשטאַנען שעפּפעריש פון דעם אונענדליך פאַרדינטען רוים. די קיימע, דיעזע יסודות פון דער אָרגאַנישער וועלט, זיינען אויך ניט אייביגע אָרגאַנישע עלעמענטען, ווי פיעלע מיינען, נאָר זיי זיינען ענטשטאַנען דורך א שעפּפונגס־אקט פון דער ניט־אָרגאַנישער, קאָסמישער וועלט. וואָס אין דער קאָסמישער וועלט זיינען די אטאָמען, דאָס זיינען אין דער אָרגאַנישער וועלט די קיימע און אין דער סאָציאַלער וועלט די אָפענבאַרונגען, די התגלות, די נייע שעפּפערישע אידעען, וועלכע זיינען אויך דער

רעזולטאט פון א שעפּפערישען אקט. די גאנצע וועלט ווערט בע־
הערשט פון דעם געזעץ פון ענטוויקלונג, שעפּפונג, ווערדען, און
עס פערווירקליכט זיך אין איהר א פּלאַן און א העכערער צוועק.
די וועלט איז ניט קיין בלינדער דראנג פון אונגליקליכען ווילען, ווי
שאָפּענהויער לערנט, ניט קיין דיאַלעקטישע ענטוויקלונג פון דער
אבסטראַקטער אידעע, וואָס איהר שליסעל ליעגט אויסערהאלב פון
דער לעבעדיגער רעאַליטעט, לויט העגעל׳ס פילאָזאָפיע, זי איז ניט
קיין בעשטענדיגער אונענדליכער פאָרטשריט אָהן א ברעג און אָהן
א סוף, ווי די מאטעריאַליסטישע נאטורפאָרשער מיינען, נאָר זי
האָט א שכל׳דיגען זין אין זיך זעלבסט, א סוף און א צוועק אין איהר
פאָרטשריט, און דאָס איז די הארמאָניע, דער שלום פון אלע שטריי־
טענדע עלעמענטען, די פעראייניגונג פון אלע געגענזעצען אין דער
העכסטער איינהייט.

העס רופט אָן דיעזע וועלטאנשויאונג די גענעטישע וועלטאנ־
שויאונג, אָדער אויך די אידישע וועלטאנשויאונג. אין דיעזער
וועלטאנשויאונג קלינגט די פילאָזאָפיע פון דער תורה, וועלכע
זעהט די גאנצע וועלט פון געזיכטספּונקט פון דער שעפּפערישער
צייט, און די פילאָזאָפיע פון ספּינאָזא, וועלכער זעהט הינטער
דער מאניגפאַלטיגער, אין ערשיינונגען פאנאנדערפאַלענדער, אין
גייסט און מאטעריע צוריסענער וועלט די אמת׳ע אייביגע אַל־איינ־
הייט. ווי קלינגט דאָך דיעזע גענעטישע וועלטאנשויאונג פון
העס נאָהענט און קרובת׳דיג צו העברי בערגסאָן׳ס פילאָזאָפיע פון
דער שעפּפערישער עוואָלוציאָן און דער צייט, וועלכע האָט איהר
וואונדערבארע אורקראַפט צו בעשאַפען יש מאין.

די עוואָלוציאָן פון דער קאָסמישער און אָרגאנישער וועלט האָט
זיך שוין פערענדיגט, אָבוואָהל קאָסמישע און אָרגאנישע מאטע־
ריע ענטשטעהען נאָך פאריינס דורך שעפּפערישע אקטען, אָבער
די סאָציאלע עוואָלוציאָן האָט זיך נאָך ניט געענדיגט. דער סוף
און דער צוועק פון דער סאָציאַלער עוואָלוציאָן איז דער היסטאָרי־
שער שבת, אזוי ווי דער סוף פון דער עוואָלוציאָן פון דער ניט־אָר־
גאנישער און אָרגאנישער וועלט איז דער נאטור־שבת. דער נא־
טור־שבת איז שוין געקומען, אָבער דער געשיכטס־שבת דארף ערשט
קומען, ער דארף קומען אין דער אלגעמיינער הארמאָניע, אין דער
מלכות המשיח, אין דעם אלוועלטליכען סאָציאַליזם. וואָס איז

אָבער דער סאָציאַליזם? דער סאָציאַליזם איז ניט נאָר דער וועג צו דעם העכסטען גליק און צו דער העכסטער מאַכט, נאָר ער איז די העכסטע מאָראַלישע פאָלקאָמענהייט פון דעם מענשען. זאָ־לאַנג ווי די מענשען זיינען ניט געווען רייף, האָבען זיי זיך גע־לאָזט פיהרען פון תאות, אונפערנונפט און אונמאָראַל, האָבען זיי געקענט שטרעבען צו מאָראַל. אין דער סאָציאַליסטישער צו־קונפט וועט דער מענש מוזען לעבען מאָראַליש, און דיעזע מאָראַלישע נויטוועגדיגקייט איז די הייליגקייט. דער מענש וועט זיין מאָראַליש פריי, ווארים ער וועט לעבען מיט בעוואוסטזיין און מיט ווילען לויט זיין בעשטימונג, און זיין ווילען וועט זיין אין הסכם מיט דעם געזעץ און ווילען פון גאָט. אזוי וועט זיך אין דעם געשיכטס־שבת פערווירקליכען דער העכסטער ציעל פון דעם וועלט־אַל, דער פאָלקאָמענער מענש, וועלכער וועט דערקענען גאָט, דאָס הייסט די אַל־אייניגע וועלט, און וועט פריי לעבען נאָך איהר איני־נוענדיגען געזעץ און שכל. דער סאָציאַליזם איז ביי העס קיינמאָל ניט געווען נאָר א נייע געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן, נאָר ער מאָלט זיך איהם שטענדיג אַלס די טעכנישע מעגליכקייט פאר דעם נייעם אידעאַלען מענש.

אויף דער העכסטער שטופע פון דעם אָרגאַנישען לעבען איז ענטשטאַנען דער מענש, די מענשליכע ראַסע, אויך אַלס די פרוכט פון א שעפּפערישען אקט. וואהרשיינליך נאָך פון שוים פון ניעד־ריגע פאר־היסטאָרישע ראַסען זיינען ארויסגעוואקסען און האָבען זיך אויפגעהויבען די גרויסע היסטאָרישע ראַסען. פון דיעזע מענש־ליכע ראַסען זיינען ארויסגעקומען די צוויי שעפּפערישע ראַסען: די אינדאָ־גערמאַנישע און די סעמיטישע. די איידעלסטע שפּראָצונג פון דער אינדאָ־גערמאַנישער ראַסע איז דאָס גריכישע פאָלק, פון דער סעמיטישער ראַסע איז דאָס פרומע אידישע פאָלק. דאָס אריס־טאָקראַטישע גריכישע פאָלק און דאָס אידישע פאָלק זיינען די צוויי געניאַלע פעלקער, וועלכע האָבען בעשאַפען די מענשליכע קולטור. העס גלויבט אין די אורשפּרינגליכע עקזיסטענץ פון די פערשיעדענע ראַסען, ער איז פּאָליגעניסט, אין געגענזאַץ צו דער מאָנאָגעניסטי־שער טעאָריע, וועלכע זאָגט, דאָס אַלע מענשליכע ראַסען שטאַמען אָב פון איין ראַסע. די ראַסען זיינען די אורזאַכע פון דעם סאָציאַלען, היסטאָרישען לעבען, וועלכעס ענטוויקעלט זיך דורך די

ראַסען־געגענזעצען צו דער לעצטער סאָציאַלער, היסטאָרישער איינהייט. די איינהייט פון דער מענשהייט איז ניט דער אָנהויב, נאָר דער סוף פון דער מענשליכער געשיכטע, די פרוכט פון דעם העכסטען לעבענס־ווילען פון די פעלקער, די אויספיהרונג פון זייערע פערשיעדענע נאַציאָנאַלע מיסיאָנען.

די גריכען און די אידען זיינען די שעפפער פון צוויי גאַנץ פערשיעדענע ענטגעגענגעזעצטע וועלטאנשויאונגען. די גריכען זיינען ארויסגעגאַנגען פון דער מאַניגפאַלטיגקייט פון לעבען, די אידען האָבען דערקענט די איינהייט, די גריכען האָבען פערשטאַנען די וועלט אַלס אַן אייביגעס זיין, די אידען אַלס אַן אייביגעס ווערדען, דער גריכישער גייסט דורכדרינגט דאָס רוימליכע אויסאיינאַנדער, דער אידישער גייסט דאָס צייטליכע נאָכאיינאַנדער. אין גריכישען גייסט שפּיעגעלט זיך אָב די פאָלענדעטע שעפּפונג, אין אידישען גייסט דער שאַפענדער פּרינציפּ, דאָס ווערדען. די גריכען זיינען די פערטרעטער פון דעם נאַטור־שבת, די אידען פון דעם געשיכטס־שבת. דאָס גריכענטום איז אַ נאַטור־רעליגיאָן, דאָס יודענטום אַ געשיכטס־רעליגיאָן. די גריכען האָבען פערשענערט דאָס אינדיווידואום, דאָס יודענטום וויל אריינטראָגען מאָראַל און אמת אין די מענשהייט. דאָס גריכענטום האָט געזעהען אין דער פערגאַנגענהייט דאָס גאָלדענע צייטאַלטער, דאָס יודענטום האָט בעשאַפען די אידעע פון משיח, די ערלעזונג אין דער צוקונפט, אין דעם אחרית הימים, אין דעם קץ.

העס איז דערפאַר דער פערניינער און געגנער פון קריסטענטום, אָבער ניט פון יענעם אורקריסטענטום, וועלכעס איז געווען רעוואָלוציאָנערעס און קאָמוניסטישעס יודענטום אין ארץ ישראל אין דעם ערשטען יאָהרהונדערט און האָט געוואָלט אראבבריינגען די משיח־גאולה אויף דער וועלט. אין יענער גרויסער צייט פון די איסיים, פון די משיחיים, פון די סאָציאַל־רעליגיעזע סעקטען ארום דעם חורבן בית שני, וועלכע זיינען געווען קעמפפער פאַר פרייהייט און זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דעם חסידיש־קאָמוניסטישען אידעאַל: שלי שלך, ושלך שלך, — אין יענער גרויסער צייט זעהט העס דעם העכסטען הערלאישען פערזוך פון נבואה־יודענטום זיך צו פערווירקליכען אין לעבען. אָבער נאָך דעם אונטערגאַנג פון פאָלק ישראל און דער פאַנאַנדערפאַלונג פון דער אנטיקער וועלט,

האָבען זיך אין דעם נייען פעלקער־חאָאס צונויפגעמישט איבער־נאַטירליכע אידעען פון יודענטום מיט האלב־מיטאָלאָגישע זכרונות פון דער גריכיש־רוימישער וועלט און עס איז ענטשטאַנען אויף דעם באָדען פון דער מענשליכער מאַכטלאָזינקייט און פערצווייפ־לונג די קריסטליכע יענע־וועלט־רעליגיאָן. דאָס קריסטענטום פער־שפרעכט די אינדיווידועלע ערלעזונג פון דעם מענשען, אויפ׳ן הי־מעל אין דעם שוים פון יעזוס קריסטוס, בשעת דאָס יודענטום זאגט נבואה די גאולה פון דעם כלל אויף דיעזער וועלט דורך די ביאת המשיח. דאָס קריסטענטום פאָדערט נאָר גלויבען, דאָס יודענטום פאָדערט מעשים, מעשים טובים. דאָס קריסטענטום איז געוואָרען דער היפך פון יודענטום און די נאַטירליכע אידעאָלאָגיע פון די באַבארישע פעלקער אין די ערשטע יאָהר־הונדערטען. דער ספירי־טואַליסטישער תוכן, מיט וועלכען דאָס קריסטענטום צייכענט זיך אויס פאָזיטיוו פון די מאַטעריאַליסטישע נאַטור־רעליגיאָנען, איז ווייטער ניט מעהר ווי אַ יסוד פון יודענטום.

אזוי איז העס אַן אויסגעשפּראָכענער ראַסען־טעאָרעטיקער. די ראַסען־אייגענטימליכקייט איז אַ שעפּפערישער היסטאָרישער פרינציפּ, און די וואָרצעל פון סאָציאַלען לעבען ליעגט אין דער ראַ־סען־קראַפט. די ראַסען־אידעאָלאָגיען פון אידישען און גריכישען פאָלק, וועלכע שטאַמען נאָך פון דער ווייטער אורגעשיכטע, זיינען געבליעבען לעבען אין דער פערשיעדענסטער אומגעבונג, זייערע שעפּ־פערישע ליכטזאַמען קענען אפילו אריבערגעפלאַנצט ווערען אויף אנדערע פעלקער. מיט דיעזער ראַסען־טעאָריע וויל העס בעלייכטען די געהיימניספולע און פערבאָרגענע וועגען פון דעם מענשליכען גייסט. דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם אין זיין וואולגאַרנער פאָרם וויל ארויסדרינגען און ערקלערען יערע אידעאָלאָגיע פון די סאָציאַלע לעבענספערהעלטניסען, פון דער געזעלשאַפטליכער סביבה, אָבוואָהל מארקס זעלבסט האָט קיינמאָל ניט אונטערזוכט און אַ פשיטא שוין ניט ערשעפּט די ענטשטעהונג און די וויי־טערדיגע עקזיסטענץ און דעם שיקזאַל פון די מענשליכע אידעאָ־לאָגיען. אין די געאָגראַפיש און קלימאַטיש נאָהענטע לענדער האָט זיך ענטוויקעלט אַ טעכניש און סאָציאַל פערשיעדענעס לעבען, אזוי דאָס דער צוזאַמענהאַנג פון געאָגראַפיע און געשיכטע איז ניט קיין אבסאָלוטער. דער קלאַסען קאַמפּף האָט ניט אויפגעלעבט אין יערער

געזעלשאפט און ניט ביי יעדער נאציאָן, האָט זיך ניט גלייכאַר־טיג אויסגעדריקט, האָט ניט מיט גלייכער קראפט געשטורעמט און האָט ניט געפיהרט אומעדום צו דער סאָציאַלער בענייאונג און אויפלעבונג. די געשיכטע פון די פעלקער, די געשיכטע פון אַל־טערטום, פון פאָלק ישראל, גריכענלאַנד, רוים, איז די געשיכטע פון דעם פערשיעדענעם שיקזאל פון קלאסען־קאמפף, וועלכער איז בע־שטימט געוואָרען פון די פערשיעדענסטע מאָטיווען און גאָר אין א גרויסער מדרגה פון דער ראסאוואר און נאציאנאלער אידעאלאָגיע.

אָבער העס, וועלכער איז אַן אנהענגער פון דער ראסען־טעאָריע, איז ווייט דערפון צו געהן אין דיזעלביגע וועגען, אין וועלכע עס זיינען געגאנגען די ראסען־טעאָרעטיקער, ווי גאבינא, טשעמבערליין, אָדער גאָר ווי די סלאוואפילישע טעאָרעטיקער. פאר יענע ראסען־טעאָרעטיקער זיינען פאראַן ווערטפולע און ווערטלאָזע ראסען און נאציאָנען, ראסען, וועלכע האָבען א רעכט אויף געשיכטע, און ראַ־סען, וועלכע לייקענען און שטערען דעם זין פון דער געשיכטע. ביי העס זיינען איינענטליך אַלע נאציאָנען אויסגעקליבענע, אתה־בחרתנו־פעלקער. יעדעס פאָלק מוז האָבען, ווי דאָס אידישע פאָלק, א מיסיאָן, א היסטאָרישען קולט, מוז ווערען גאָט׳ס פאָלק.

דאָס אידישע פאָלק מוז נאציאנאל זיך דערקענען און פאָלי־טיש אויפלעבען אין ארץ־ישראל, כדי צו דערפילען זיין היסטאָ־רישע מיסיאָן, דעם סאָציאַליזם, דעם געשיכטס־שבת. דאָס וויע־דעראויפגעלעבטע זעלבסטשטענדיגע אידישע פאָלק וועט א דאנק זיין שעפפערישען געניוס ווייטער אויסבילדען די אידישע ביבעל־רעליגיאָן צו א וויסענשאפטליכער ענטוויקלונגס־לעהרע פון דעם קאָסמישען, אָרגאנישען און סאָציאַלען לעבען. די בעגרינדונג פון א נייער סאָציאַלער וועלט און די שאפונג פון א נייער וועלט־רעליגיאָן, אָדער בעסער געזאָגט פון א נייער און בענייטער רעליגיאָן פאר דער וועלט, איז דער העכסטער צוועק פון דער אידישער רענעסאנס. דורך ספינאָזא, וועלכער האָט געפּרובט פעראייניגען דעם אידישען געניוס מיט דער וויסענשאפט, איז שוין געלעגט געוואָרען דער יסוד צו דיעזער אידישער וועלט־רעליגיאָן פון דער צוקונפט.

העס שרייבט זיין „רוים און ירושלים“ אין דער עפּאָכע פון דער הערשענדער אסימילאציאָן. ער מוז דערפאר פאראייגנס אונ־טערשטרייכען און דערמאָנען, דאָס די אידען זיינען א נאציאָן, און

מוז פיהרען א פּאָלעמיק געגען די אסימילאַטאָרען פון דער צייט. די אידען האָבען דורכאוים ניט פערלאָרען זייער ראַסען־טיפּ אין לויף פון די יאָהרטויזענדען פון גלות, און האָבען אויך ניט פער־לאָרען זייערע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען, זייער נאַציאָנאַלעם פּאַטריאָטישעם געפיהל. די אומקעהרונג אהיים אין ארץ ישראל, די האָפנונג אין דעם פּאָליטישען משיח איז קיינמאָל ניט פער־שוואונדען פון דער אידישער געשיכטע, ניט פון דער רעליגיאָן, ניט פון לעבען, ניט פון דער פאמיליע. דער גלויבען אין די אומקעה־רונג האָט געהאַט אויף א שטענדיגע טיעפע ווירקונג אויף די גאַנ־צע לעבענספיהרונג פון אידען. די גאַנצע אידישע רעליגיאָן, וועלכע איז אייגענטליך ניט קיין רעליגיאָן פון גלויבונגען און דאָגמען, נאָר א רעליגיאָן פון מעשים, פון לעבען, וועלכע ענטוויקעלט זיך און ענ־דערט זיך אין פלוס פון לעבען, איז אויפגעבויט אויף דעם יסוד פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. די שיבת ציון וירושלים איז דער לייטמאָטיוו פון דעם אידישען רעליגיעזען קולט.

העס קריטיקירט און מאַכט לעכערליך די רעפאָרם־ראַבינער, וועלכע לייקענען אין די אידישע נאַציאָן און האָבען פון דער אידי־שער רעליגיאָן, פון דער אידישער שול און דער אידישער תפילה ארויסגענומען די לעבעדיגע נאַציאָנאַלע נשמה. די רעפאָרם־ראַבי־נער האָבען מיט זייער טרוקענעם ראַציאָנאַליזם פארקריפּעלט די אידישע רעליגיאָן און גערויבט איהר טיעפזיניגען אינהאַלט. פער־גליכען מיט דיעזע אסימילירטע רעפאָרמער זיינען שוין אָרטאָ־דאָקסען פיעל נעהענטער צו דעם אמת, פיעל אויפריכטיגער און זיכערער אין זייער אידישקייט. אָבער געוויס זיינען אויך די אָרטאָ־דאָקסען ניט דער חמר פון דער אידישער נאַציאָנאַלער צוקונפט, זיי זיינען פערגליווערט און פערשטיינערט געוואָרען אין זייערע זינ־לאָזע צערעמאָניען און פאָרמען, וואָס זייער סימוואָלישער זין האָט זיך אויסגעוועבט און איז די אָרטאָדאָקסען זעלבסט ניט מעהר בע־וואוסטזיניג. אָבער טראָץ רעפאָרמער און אָרטאָדאָקסען זיינען אפילו אין דער געגענוואַרט פאַראַן שפּראָצונגען פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, און דאָס זיינען די נייע אידישע בעלעטריסטיק און די אידישע וויסענשאַפט, מיט דעם היסטאָריקער ג ר ע ץ אן דער שפּיץ. דאָ האָט העס, ווי אומעדום, דערפיהלט דאָס וועזען פון אַן ערשיינונג, וועלכעס אונטערשיידעט זיך פּאָלשטענדיג פון דער ער־

שיינונג גופא. די אידישע בעלעטריסטיק אין דייטשלאנד פון קאמפפערט, פראנצאז, און די אידישע וויסענשאפט פון גייגער, האלדהיים, יאסט, צונץ א. ז. וו. זיינען געוועזן דורכגעדרונגען פון דעם גייסט פון אסימילאציאן און האבען זיך אפילו געשטעלט אין דיענסט פון אסימילאציאן. אבער אין ווירקליכקייט האט דיעזע ערוואכענדע אידישע ליטעראטור געוועקט די בעהאלטענע אידישע נאציאנאלע ענערגיע און איז געווארען א טרייבענדער כח פאר די נאציאנאלע דערוואכונג. דיזעלביגע ערשיינונג האט זיך איבערגע׳חזר׳ט מיט די אידען פון אלע אנדערע לענדער און די מאדערנע אידישע ליטעראטורען אין אלע שפראכען, אפילו אין אידיש און העברעאיש.

דאס פאליטיש און נאציאנאל אויפלעבענדע אידישע פאלק וועט אבער ניט נאר פערווירקליכען א נייע וועלטהיסטארישע אידעע, עס וועט זיך זעלבסט בעפרייען און ערלעזען פון אונטערדריקונג, שאנדע און דער סאציאלער פאראזיטסטווע פון גלות. ניט דער אנטיסעמיטיזם, וועלכער האט אין העם׳ס צייטען נאר עקזיסטירט אלס א מילדער יודען־האס, וועט טרייבען דאס אידישע פאלק צו זייער היים. אפילו ניט דער יודען־האס אין די מזרח־אייראפעאישע לענדער האט נאך העם׳ען געקענט זיין די טרייבענדע קראפט צו דער אויסוואנדערונג, ווארום אין יענער צייט האבען אידען אין רוסלאנד געווארט אויף ישועות פון דעם ליעבפולען רוסישען פאלק און זיין אויפגעקלערטער רעגיערונג. דער מאראלישער מאטיוו אליין צו בעפרייען זיך פון נאציאנאלער שאנדע און סאציאלער אונפרוכטבארקייט און אונפראדוקטיוויטעט דארף טרייבען דאס אידישע פאלק צו אן אייגענער היים. און דערביי זאגט העם יענע מערקווירדיגע נביאישע ווערטער, וועלכע בעלייכטען די גאנצע אידישע עקאנאמיק, ווי זי האט זיך פאנאנדערגעוויקעלט ערשט אין אונזער צייט אין איהר גאנצער ניט־נארמאלקייט. ביי די אידען, אזוי זאגט העם, מוז נאך מעהר איידער ביי יעדען אנדערען אונטערדריקטען פאלק, די נאציאנאלע זעלבסטשטענדיגקייט זיין די ערשטע בעדינגונג פאר יעדען סאציאל־פאליטישען פארטשריט. א געמיינשאפטליכעס נאציאנאלעס לאנד איז דער יסוד פאר געזונדע ארבייטס־פערהעלטניסע, א פאלק אין גלות מוז ווערען א פאלק פון פאראזיטען, וועלכעס לעבט נאר פון פרעמדער

פראָדוקציאָן. מיט איינינע גערעכקען האָט דאָ העס אָנגעצייכענט דעם גאַנצען שפּעטערדיגען סאָציאַליסטיש־ציוניסטישען בליק אויף די אידישע עקאָנאָמיק אין גלות.

אויף וועלכע פּאָליטישע און קולטורעלע מאַכט קענען זיך אָבער אידען שטיצען אין זייער שטרעבונג און דראַנג צו ארץ ישראל? די תשובה איז פאר מאָזעס העס זעלבסטפערשטענדליך. פראַנק־רייך, דאָס לאַנד פון רעוואָלוציאָן, פון פרייהייט, פון רעפּובליק, דאָס פראַנצויזישע פאָלק, וועלכעס האָט א רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַלע תכונה אין זיך, וועט קומען דעם אידישען פאָלק צו הילף. פראַנקרייך וועט עס טאָן אויס אידעאַלע מאָטיווען, אקוראַט ווי אויס פּאָליטישע. די בעפרייאונג פון אידישען פאָלק איז נאָך אלץ די פאָרטזעצונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן און איהרע אייביגע פרייהייטס־אידעאַלען. אָבער פראַנקרייך האָט אויך א פּאָליטישען אינטערעס פאר די ווידערראויפלעבונג פון ארץ ישראל דורך אידען. דאָס לאַנד ארום דעם סועץ־קאַנאַל, אויף דעם וועג צו כינא און אינדיען, קען האָבען א גרויסע קאָמערציעלע און קולטורעלע צוקונפט, און אידען קענען ווערען די נאַטירליכע פּיאָנערען, כדי אויפצואוועקען און ענטוויקלען יענעם לאַנד. העס בעוואונדערט און שעצט דעם דייטשען געדאַנקען, אָבער אלע זיינע סימפּאַטיען אלס איד און רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט זיינען נאַטירליך אויף דער זייט פון פראַנקרייך. אין דער צייט פון העס איז פראַנקרייך געוועזען די גרעסטע מאַכט אין דער וועלט און האָט אויך בעהערשט דעם סועץ־קאַנאַל.

העס זעהט פאָראויס די טענה, וועלכע מען קען האָבען פון אי־דישער זייט געגען דעם ווידערראויפבוי פון א אידישער מלוכה אין ארץ ישראל: א אידישע מלוכה אין ארץ ישראל קען דאָך בערוי־בען די אידען פון גלות פון זייערע בירגערליכע רעכט. געגען דיע־זע טענה, וועלכע איז אין דער עפּאָכע פון ציוניזם געוואָרען די וויכטיגסטע טענה פון די בורזשואזנע אזוי ווי פון די פּראָלעטאַ־רישע אסימילאַטאָרען און פראַקטיקער, געגען דיעזע טענה ווענדעט זיך שוין העס. ער איז זיך קלאָר מכח דעם, דאָס אויך אונטער א אידישער מלוכה וועלען מיליאָנען אידען לעבען אין די גלות־לענ־דער, אָבער יענע אידען דארפען ניט מורא האָבען פאר זייער פּאָ־ליטישען שיקזאַל. די גלייכבערעכטיגונג פון אידען איז א רעכט,

וועלכעס קומט זיי און וועלכעס איז געשטיצט אויף די בירגערלי־כע פּפליכטען, און איז ניט קיין אויסגעבעטענע גנאד. די אידען פון גלות וועלען ניט פערליערען זייערע בירגער־רעכט, נאָר פער־קערט ערשט דורך אן אייגענעם שטאאט אין ארץ ישראל וועלען זיי בעקומען דעם מוט און די אינוועגדיגע בערעכטיגונג צו נאציאנא־לער און בירגערליכער אנערקענונג אין דער גאנצער וועלט. אויב אָבער די אידישע עמאנציפּאציאן איז באמת ניט פעראיינבאר מיט דער אידישער נאציאנאליטעט, דארף זיך דער איד בעסער אָבזאָגען פון דער עמאנציפּאציאָן, איידער אויפגעבען זיין נאציאָנאליטעט.

אין דער פערווירקליכונג פון דער אידישער רענעסאנס־אידעע פעראייניגט העם מיט זיין פאנטאסטישען צוקונפטס־בליק פּראק־טישען זין פאר די רעאלע מעגליכקייטען אין דער געגענווארט. ער רעדט פון דער בעגרינדונג פון א אידישען קאָלאָניזאציאנס־אינ־סטיטוט און א אידישען קאָנגרעס, וועלכער זאָל פאָדערן פון דער וועלט די אומקעהרונג פון ארץ ישראל צו אידען. ווי א צייכען פון דער נייער צייט בעגריסט העם די ערשטע חברה פאר ישוב ארץ ישראל, וועלכע איז גראד אין יענער צייט געגרינדעט געווארען פון רבי צ ב י ה י ר ש ק א ל י ש ע ר אין טאָרן. עס מוז זיך אָנהויבען א אידישע קאָלאָניזאציאָן אין ארץ ישראל, פאר וועל־כע די מזרח־אייראָפּעאישע אידען זיינען דער נאציאנאלער מאטע־ריאל. עס פערשטעהט זיך, דאס א מאסען־קאָלאָניזאציאָן אין פּא־לעסטינא איז נאָר דאן מעגליך, ווען דאָרט זאָלען זיין בעסערע לע־בענס־פערהעלטניסען, א קלענערער סאָציאלער דרוק אזוי צו זאגען, איידער אין די גלות־לענדער. דיעזע קאָלאָניזאציאנס בעדינגונגען צו שאפען איז די אויפגאבע פון דער צייט, די פּפליכט פון די אידי־שע גבירים, דאס אמת'ע ציעל פון א וויכטיגער נאציאנאלער פּאָליטיק.

אָבער ניט נאָר די צוקינפטיגע ענטוויקלונג פון דעם אידישען פּאָלק און דעם ציוניזם האָט העס פאראויסגעזאגט אין „רוים און ירושלים". ער האָט מיט דעם אויג פון א נביא פאָראויסגעזעהן די וועלט פּאָליטישע ענטוויקלונג, וועלכע האָט געפיהרט צו דעם איצ־טיגען וועלט־קריעג און ראסען־קריעג. ער זעהט די סכנה פאר דער פרייהייט און דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט פון דער דייטשער רעאקציאן און פון דעם צוקינפטיגען קריעג צווישען דעם רעאקציא־

נערען דייטשלאַנד און די פרייע מערב־אייראָפּעאישע דעמאָקראַ־טישע פעלקער. אין יאָהר 1871 נאָך דעם דייטש־פראַנצויזישען קריעג האָט מאַרקס ארויסגעזאַגט דיזעלביגע געדאַנקען וועגען דער סכנה פון א צוקינפטיגען ראַסען־קריעג צווישען די דייטשען און די סלאַווישע און ראָמאַנישע ראַסע, וועלכע וועט אריינוואַרפען די גאַנצע וועלט אין דאָס בלוטיגע פערדאַרבען. נאָר האָט העס נאָך פיעל פריהער און אויך פיעל קלאַרער איידער מאַרקס געזעהן, דאָס אַלע רעוואָלוציאָנערען און אמת׳ע פריינד פון דייטשלאַנד זעלבסט דאַרפען וועלען די מפּלה פון דייטשלאַנד׳ס וואָפען.

עס איז איינס פון די וואונדערבאַרסטע נביאישע ביכער „רוים און ירושלים“!...

8.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען, וואס פאַר אַן איבערראַ־שענדע ווירקונג די ערשיינונג פון „רוים און ירושלים“ האָט גע־מאַכט אין דער אידישער וועלט. א אידישער רעוואָלוציאָנער ער־קלערט דאס יודענטום אלס די רעליגיאָן פון סאָציאַליזם, אלס די פערטיעפסטע סאָציאַליסטישע מאָראַל און לעבענס־אַנשויאונג. א אידישער פאָרשער פיהרט דעם קאַמפּף נעגען דאָס קריסטענטום, נעהמט פון איהם אראָב זיין קולטור־מאַנטעלע און בעווייזט, אויף וויפיעל עס איז דער רעאַקציאָנערער היפּך פון דעם סאָציאַל־רעוואָ־לוציאָנערען יודענטום. א אידישער פּאַטריאָט ערקלערט דאס אי־דישע פאָלק פאַר א נאַציאָן און פרעדיגט די בעגרינדונג פון א אי־דישער מלוכה אין ארץ ישראל אונטער דער הילף און דעם שוץ פון דעם רעוואָלוציאָנערען פעלקער־בעפרייענדען פראַנקרייך. די אָרטאָדאָקסע און די רעפאָרמירטע רבנים, די ליטעראַרישע כלי־קדש און טרייע דיענער פון דער אידישער אסימילירטער בור־זשואַזיע האָבען זיכער אַזאַ בוך ניט געקענט אריבערטראָגען. וואס גרעסער עס האָבען זיך ארויסגעוויזען די ליטעראַרישע און וויסענשאַפטליכע מעלות פון דעם בוך, אלץ גרעסער איז געווען דער צאָרן און די אויפרעגונג.

מען איז אויפגעטרעטען מיט ניט־איינגעהאַלטענעם כעס און אָפענעם שפּאָט געגען דעם ערשטען סאָציאַליסטישען ציוניסט. מען האָט געשפּאָטעט און געלאַכט פון דעם נייעם בעל־תשובה.

די אסימילאַטאָרען האָבען גלייך אַנגעהויבען אראבצואווישען פון זיך דעם פלעק פון אידישען נאַציאָנאַליזם, און נאָך אמאָל האָט שטאָלץ געקלונגען דער אני־מאמין פון דעם אסימילאַטאָר, דאָס ער איז קודם כל א דייטש, א פראַנצויז, אַן ענגלענדער, אַן אַמעריקאַ־נער און דערנאָך ערשט א איד. ווען עס זאָל אפילו אידען ארץ ישראל אבגעגעבען ווערען, וועלען דאָך די ציוויליזירטע אידען ניט פערלאָזען זייער ליעבעס פאטערלאנד און וועלען ניט אומקעהרען זיך צו די קברים און חורבות. היינט זיינען אידען גאָרניט פעהיג צו בעשאפען אַן אייגענע קולטור. פאטריאטיזם איז ניט די ליעבע צו דער ערד, צו די בערג און טאָלען, צו די פעלדער און טייכען, נאָר די ליעבע צו די אינסטיטוציאנען פון פאטערלאנד, וועלכע גיבען מאַטעריעלען נוצען. ראָטשילד וועט בעסער וועלען זיין דער איד פון די קעניגען, איידער דער קעניג פון די אידען. א אידישע מלוכה איז געגען גאָט׳ס געבאָט אין דעם גלויבען אין משיח׳ן, און א אידישע מלוכה איז א רעאקציאנער פעראַלטעטער געדאַנק, וועל־כער איז געגען דעם פראָגרעסיווען גייסט פון דער צייט. מיט דיע־זע און עהנליכע טענות זיינען אויפגעטרעטען די דאמאָליגע אידי־שע פיהרער: פיליפסאָן, לעוו, גייגער, די אָרטאָדאָקסען פון כל המינים און די רעפאָרמאַטאָרען. נאָר אברהם גייגער האָט דעם בעכער פון זיין קריטיק דערגאָסען נאָך מיט גאַל און ביטערקייט פון פערזענליכע אָנפאַלען. העס האָט באַנקראָטירט אין סאָציאַ־ליזם און רעוואָלוציאָן און בעטרייבט יעצט דעם שווינדעל פון נאַציאָנאַליזם, אזוי האָט געשימפּפט גייגער און האָט אויך דער אידישער נאַציאָן זעלבסט געגעבען א טריט מיט׳ן פוס. צו מארקס און ענגעלס האָט דאָס נייע בוך פון העס קענטיג ניט דערגרייכט, ווארים אין זייער קאָרעספּאָנדענץ ווערט דערפון גאָרנישט ניט דערמאַנט. נאָר דער קריסטליכער פילאָזאָף מישלע, וועלכער האָט ארויסגעגעבען א צייטשריפט: „דער געדאַנקע“, האָט געלויבט „רוים און ירושלים“, ניט נאַטירליך וועגען זיין אויפפאסונג פון יודענטום, נאָר פאר דעם פּלאַן פון א אידישען שטאאט אין פּאַלעסטינא. די איינציגע אויסנאַהמע פון אלע אידישע צייט־גענאָסען האָט גע־מאַכט גרעץ, וועלכער האָט אונטער דער ווירקונג פון „רוים און ירושלים“ פערעפענטליכט אין יאָהר 1863 אין קאמפּערטס „יאָהרבוך פאר איזראעליטען“ אַן אַרטיקעל: „די בענייאונג פון דעם אידישען

שטאַם", אַן אַרטיקעל פון וועלכען עס רעדט אַ שטאַרקער אויפגע־וואַכטער נאַציאָנאַלער געפיהל.

העס האָט זיכער ניט ערוואַרטעט אין יענער צייט וועלכען עס פּראַקטישען רעזולטאַט פון זיין נבואה־בוך. צווישען די דייטשע אידען, צו וועלכע ער האָט זיך געווענדעט, איז ניט געווען קיין באָ־דען אפילו פאַר אַ גייסטיגע שטרעמונג אין זין פון העס. די אידי־שע בורזשואזיע האָט דערהויבען צו אַן אמת דאָס אַלטע ציינישע וואָרט: דאָרט איז דאָס פאַטערלאַנד, וואו עס איז גוט. די אַסי־מילאַציאָן איז געווען דער רעאַלער לעבענס־אינטערעס פון דער אידישער בורזשואזיע, און איהר גייסטיגער אינטערעס איז ער־שעפּט געוואָרען מיט די קליינליכע און נאַרישע מחלוקות וועגען אָרטאָדאָקסיע און רעפאָרם און די פערשיעדענע קאַריקאַטורנע שאַטירונגען פון דערזעלביגער אָרטאָדאָקסיע און רעפאָרם. די פּאָלעמיק וועגען „רוים און ירושלים" האָט באַלד אויפגעהערט און דער פערפאַסער און דאָס בוך זיינען פערגעסען געוואָרען אין דייטשלאַנד.

אָבער אויב פאַר העס דעם ציוניסט האָט אין יענער צייט ניט געקענט זיין קיין טעטיגקייט, האָט זיך פאַר העס דעם סאָציאַליסט געעפענט דאַמאָלס ווידער אַ פעלד פון רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט. אין די זעכציגער יאָהרען הויבט זיך אָן די ווידעראויפלעבונג פון דעם סאָציאַליזם אין אייראָפּא. מארקס בעגרינדעט דעם אינטער־נאַציאָנאַל, באַקונין טרעט ווידער אויף אין לאָנדאָן נאָך לאַנג־יאָהריגער געפאַנגשאַפט, לאַסאַל הויבט אָן זיין סאָציאַליסטישע אַגיטאַציאָן אין דייטשלאַנד. אַ פרישער ווינד פון רעוואָלוציאָן הויבט אָן צו בלאָזען פון פּוילען ביז איטאַליען. אין מאַי 1862 האָט לאַסאַל בעגרינדעט דעם אַלגעמיינעם דייטשען אַרבייטער־פעראיין. העס, וועלכער האָט זיך דאַמאָלס אויפגעהאַלטען אין קעלן, האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסען אָן לאַסאַל און זיין נייע בעווע־גונג. מיט לאַסאַל איז העס געווען בעקאַנט און בעפריינדעט נאָך פון 1848 און זיין פּערזאָן האָט געהאַט אויף איהם אַ צויבערהאַפ־טע ווירקונג. אויך זיינען געווען לאַסאַל'ס פּלאַנען צו בויען קאָאָ־פּעראַטיווע פאַבריקען מיט דער הילף פון שטאַאַט נאָך דעם גייסט פון העס, וועלכער האָט שטענדיג בעגעהרט אַ פּראַקטישע סאָציאַ־ליסטישע טעטיגקייט. אין 1863 פאָהרט העס אַרום אין פערשיע־

דענע שטעדט צוליעב דער לאסאלישער פראפאגאנדא, און זיינע רע־דען ווערען אבגעדרוקט אין דער פארטיי־פרעסע. „די רעכטע פון דער ארבייט“ איז א נייע בראשורע, וועלכע העס האט דאמאלס ארויסגעגעבען, און אין וועלכער ער שטעהט אויף דעם רעוואלוציאָנער־פראלעטארישען באדען בנוגע צום מיטעלשטאנד, אבער פאַרערט צו דערזעלביגער צייט די פערווירקליכונג פון די לאסאל׳־שע פלאנען וועגען ארבייטער־פראָדוקטיוו־גענאָסענשאפטען (קאָאָפעראטיווע פאבריקען). העס בלייבט אבער ניט לאנג טעטיג אין דעם אלגעמיינעם דייטשען ארבייטער־פעראיין. ער מאכט נאך א נסיעה אין עלבערפעלד צוזאמען מיט לאסאל, פאָהרט אבער ענדע 1863 צוריק אין פאריז, כדי שוין פון דאָרט זיך מעהר ניט אומקעהרען אין דייטשלאנד.

אין פאריז גיט זיך אב העס כמעט אויסשליסליך צו זיין לי־טעראַרישער און וויסענשאפטליכער טעטיגקייט. ער ענטוויקעלט ווייטער זיינע אידעען וועגען יודענטום און אידען און בעטייליגט זיך מיט גרויסער איבערגעבענהייט אין דער סאָציאליסטישער לי־טעראטור. אין די „ארשיוו איזראעליט“ אין פאריז, אין גרעץ׳ס „מאָנאטשריפט פיר די געשיכטע און וויסענשאפט דעס יודענטומס“ און אין קלענערע אידישע צייטשריפטען פיהרט העס זיין ווייטער־דיגע פראָפאגאנדא פאר די פונדאמענטאלע אידעען, וועלכע ער האט אויסגעדריקט אין „רוים און ירושלים“. אין דעם לאסאל׳שען אָרגאן דער „סאָציאלדעמאָקראט“, שפעטער אין „פאָלקסשטאאט“ און אין בראָשורען און ביכלעך האט העס פערעפענטליכט זיינע ווייטערדיגע סאָציאליסטישע ארבייטען און האט גענומען א שטעלונג צו די פערשיעדענע פאסירונגען פון דער צייט. אין דערזעלביגער צייט ארבייט ער אויף זיין גרויסען ווערק, וועלכעס האט גע־דארפט ברייגגען אין א פילאָזאָפישעס סיסטעם אלע זיינע געדאנ־קען און איבערלעבונגען, און פון וועלכען עס איז ערשיענען נאך זיין טויט דער ערשטער טייל אונטער דעם נאָמען: די דינאמישע שטאָף־לעהרע (1877).

זיינע ארטיקלען אין די אידיש־דייטשע און אידיש־פראנ־צויזישע צייטשריפטען זיינען קליינע בעמערקונגען, קריטיקען וועגען ביכער, פאָלעמיקען, און זיי אלע דרעהען זיך ארום דער היסטאָרישער און קולטורעלער בעדייטונג פון יודענטום, אלס א

בעזונדערע קולטור־פאָרם, אין געגענזאַץ צום גריכענטום, צום קריסטענטום און צום מאָדערנעם מאַטעריאַליזם. די אַרטיקלען זיינען פול מיט געדאַנקען־בליצען, מיט איינפעלען, מיט שעפפעריש אידעען, וועלכע בעלייכטען די דונקעלסטע און פערוויקעלסטע ערשיינונגען און פראָבלעמען.

אין אַ קליינער בעמערקונג וועגען דעם גאָטעס־נאָמען י ה ו ה, גיט העס אַן ערקלערונג וועגען דער בעדייטונג און זין פון דיעזען נאָמען. יהוה איז דער לשון עתיד פון הוה, וועלכע איז די עלטערע פאָרם פון היה — זיין, ער וועט זיין, ער איז דער גאָט פון דער געשיכטע, די שעפפערישע צוקונפט. אין דעם נאָמען פון אידישען גאָט געפינט העס זיין גאַנצען כאַראַקטער אַלס דער גאָט פון דער געשיכטס־רעליגיאָן. אין זיינע גלענצענדע בריעף אין „ארשיוו איזראעליט“ איבער דעם פאָלק ישראל'ס מיסיאָן אין דער מענשליכער געשיכטע חזר'ט נאָך אמאָל העס איבער איי־ניגע געדאַנקען פון „רוים און ירושלים“, אָבער ער גיט זיי צו מעהר קלאָרקייט און אויך מעהר קינסטלערישען גלאַנץ. דאָס יו־דענטום איז די רעליגיאָן פון דיעזער וועלט און ניט פון יענער וועלט. עס איז די משיח־רעליגיאָן, די רעליגיאָן פון דער ער־לעזונג, די רעליגיאָן פון דער צוקינפטיגער סאָציאַל־בעגייטער און בעפרייטער מענשהייט. דאָס יודענטום איז דער סאָציאַליזם, אָדער בעסער געזאָגט די מאָראַלישע גרונדלאַגע פון סאָציאַליזם איז דאָס יודענטום. כדי אָבער דאָס יודענטום זאָל ווערען לעבע־דיגער סאָציאַליזם, מוז דאָס אידישע פאָלק בעקומען אַ לאַנד. ערשט אין אַן אייגענעם לאַנד וועט אויפבליהען די אמתע אידישע רעליגיאָן, דאָס הייסט די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזירונג פון מענ־שען. מיט דיעזען דרייסטען און טיעפזיניגען געדאַנק צורייסט העס דאָס גאַנצע טעאָלאָגישע און מגידישע שפּין־געוועב, מיט וועלכען מען האָט ארומגעדרעהט, פערדרעהט און פער'מיאוס'ט דעם הייליגען תוכן פון יודענטום.

קריטיקען וועגען ביכער מכח דער אור־געשיכטע פון קריס־טענטום, מכח דעם כאַראַקטער פון קריסטענטום, זיינען די וויי־טערדיגע אַרבייטען פון העס. ווי יעדער סאָציאַליסט האָט ער אַ בעזונדערען אינטערעס פאַר די געשיכטע פון קריסטענטום. ס ע ן ס י מ אָ ן, פּ ר ו ד אָ ן, פ ו ר י ע, ו ו י י ט ־

ל י נ ג ביז צו דעם מאָדערנעם ק אַ ו ט ס ק י האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויף די וואונדערבארע ערשיינונג פון אורקריסטענ־טום. דער אינטערעס פון העס פאר דאָס אורקריסטענטום איז אַ דאָפּעלטער, ער שטאמט פון זיין סאָציאַליזם און פון זיין אידיש־קייט. אין זיינע בעטראַכטונגען און קריטיקען קומט העס צו דיזעלבינע רעזולטאטען און שלוסען, צו וועלכע די פרייע ביבעל־קריטיקער און קאַוטסקי זיינען געקומען אין אונזער צייט. קריס־טוס איז געווען אַ אידישער סאָציאַלער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז ארויסגעקומען פון דעם שוים פון די איסיים, פון איינער פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע סעקטען פון יענער צייט. קריסטוס און זיין ערשטע משיח־סעקטע האָט געוואָלט פערווירקליכען דעם מלכות השמים אויף דער ערד, דאָס קעניגרייך פון סאָציאַלער גלייכהייט און ברידערליכקייט. ערשט דורך דאָס איינדרינגען פון דעם אידישען קריסטענטום צווישען די אנדערע פעלקער און דורך די פערמישונג פון דיזען אידישען קריסטענטום מיט די עלעמענ־טען פון דער גריכיש־רוימישער קולטור, און נאָך מעהר דורך די פאנאנדערפאלונג און דעם גוואלטטעטיגען אונטערגאנג פון דער אידישער מלוכה אין דער אנטיקער וועלט, איז דאס סאָציאַל־רעוואָ־לוציאָנערע אידישע אורקריסטענטום פערוואנדעלט געווארען אין אַ רעליגיאן פון יענער וועלט, אין אַ רעליגיאן פון אינדיווידועלער ער־לעזונג, אין אַ רעליגיאָן פון דואַליזם צווישען דיעזער וועלט און יענער וועלט, צווישען מאטעריאליזם און ספּירימואַליזם, צווישען יחיד און כלל, צווישען גלויבען און לעבען, אין דאָס הייניטיגע קריסטענ־טום.

אין זיין לעצטען אידישען ארטיקעל: „דאָס גאָט־פערטרויען פון די ענוים אין די שטורמען פון אונזער צייט“, אין גרעץ'ס מאָ־נאַטשריפט, ווענדעט זיך העס מיט אַן אויפרוף צו אידען. דער ארטיקעל איז מערקווירדיג דורך זיין רעוואָלוציאָנערען טאָן און אינהאַלט. העס רופט צו די אידען, דאָס זיי זאָלען זיך צוזאַמען מיט די פּראָגרעסיווע פעלקער און פּאַרטייען אָנשליעסען אָן די בעוועגונג צו בעגרינדען אַ נייע וועלט פון פרייהייט און סאָציאַ־ליזם. ער רופט צו די אידען, דאָס זיי זאָלען זיך ניט אָנהאַלטען אָן די צובראָכענע שטיקלעך פון דער אַלטער געזעלשאַפט, און זאָלען ניט פּאַבריצירען קיינע נייע געטשקעס און זיי אָנרופען אלה אלהיך

ישראל, נאר דאס זיי זאלען געהן מיט דער מאדערנער וועלט־בע־וועגונג און דער וויסענשאפטליכער וואהרהייט, וועלכע איז ניט להיפך צו די גרויסע אידעען פון די ענוים און צדיקים, די בעגרינ־דער פון אונזער געשיכטס־רעליגיאן. די אמת'ע עהרליכע אידען וועלען זיך בעסער און היימישער פיהלען אין דער נייער סאציא־ליסטישער וועלט, וועלכע זיי קענען זעהר פיעל העלפען פערווירק־ליכען, איידער אין דער סביבה פון די געצענדיענערישע אידען, וועלכע לויפען נאך דעם הבל פון זייער צייט, מאכען נאך די שלעכטע חוקות הגוים, האבען שטענדיג פערפאלגט זייערע נביאים, פערשפאטעט זייערע צדיקים, פערשקלאפט זייערע ענוים, אבער וועלכע וועלען פערשווינדען פון דער וועלט צוזאמען מיט זייערע געצען אין דעם טאג פון געריכט. עס איז א שוואכקייט צו פער־טיידיגען און פערגלעטען אלעס, וואס שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט דער אידישער ראסע און געשיכטע. עס איז שטענדיג געווען נאר א קליינער קערענדעל אין יודענטום, וועלכער האט בעשאפען דאס גרויסע און הייליגע פון אידישען גייסט. „אבער שטענדיג איז געווען און איז פאראן נאך צווישען אונז היינט אן עגאאיסטישער, זעלבסטזיכטיגער פוסטער קלאס, וועלכער יאגט זיך נאך רייכ־טימער און פוסטען כבוד, וועלכער איז דער היפך פון די ענוים און צדיקים און וועלכער האט פון די עלטעסטע צייטען ביז היינט ניט אהן א גרונד ארויסגערופען דעם פערדאכט פון אלע פעלקער צו אידען".

„די אלטע נביאים האבען ניט פערגלעט זייערע לאסטער, הא־בען זיי ניט גע'חנפ'ט פאר זייער רייכטום און איינפלוס. פער־קעהרט, זיי האבען צוליעב זיי און זייערע עברות אנגעזאגט דעם גאנצען פאלק ישראל די שלעכטעסטע טעג. די היינטיגע כלומרשטע פערטרעטער פון יודענטום טהוען איהם א שלעכטען דיענסט, ווען זיי זיינען שטיל בנוגע צו דיעזע „גרויסע" אידען, אדער ווען זיי לויבען זיי אלס בעלי־טובות פאר די פאר ברעקלעך, וועלכע זיי ווארפען ארויס פאר די הונגעריגע און ליידענדע. וואס מעהר אמת עס ליעגט אין די ווערטער: כל ישראל ערבין זה בזה, אלץ מעהר זיינען די אמת'ע פערטרעטער פון יודענטום פערפליכטעט צו זאגען דעם אמת צו די רייכע און הערשזוכטיגע און צו בעפרייען אונזערע ברידער פון א סאלידאריטעט, וועלכע קען פאר זיי זיין

נאָר פערדערבליך אין יעדען אופן". מיט כמעט אַ האַלבען יאָהר־הונדערט צוריק האָט שוין העס געזעהן דעם געוואַלטיגען פערדאַר־בען, וועלכען די אידישע בורזשואַזיע ברייננט דעם אידישען פאָלק ניט נאָר סאָציאַל, נאָר אויך נאַציאָנאַל און קולטורעל, און האָט אויפגעפאָדערט צום קאַמפף געגען דיעזע אידישע בורזשואַזיע, אַלס די שטאַרקסטע מחיצה צווישען דעם אידישען פאָלק און דער אי־דישער בעפרייאונג. יעדעס וואָרט, וועלכעס העס האָט דאַמאָלס געזאָגט, פאַסט זיך אַזוי ריכטיג פאַר אונזער געגענוואַרט און איהרע אידישע קעמפפען און געגענזעצען.

אין דער מיטען פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט אויף דעם פעלד פון סאָציאַליזם און אידישען נאַציאָנאַליזם גיט זיך העס אָב נאָך מיט איבערזעצונגס־אַרבייטען. ער איבערזעצט דעם דריטען באַנד פון גרעץ'ס געשיכטע פון אידען אין פראַנצויזיש אונטער דעם נאָמען „סיני און גאָלגאָתא", עס איז דער באַנד וועגען דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום. אויך האָט העס אָנגעהויבען צו איבערזעצען דעם „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס, ווי דאָס איז צו זעהן פון דער קאָרעספּאָנדענץ צווישען מאַרקס און ענגעלס אין יאָהר 1867. ווי עס זעהט אויס איז אָבער דיעזע אַרבייט שוין אין אָנ־הויב אָבגעשטעלט געוואָרען, פון סבות, וועגען וועלכע די קאָרעס־פּאָנדענץ פון מאַרקס גיט ניט קיין אויפקלערונג.

עס איז ניט בעקאַנט געוואָרען, וועלכע שטעלונג העס האָט גע־נומען צו דעם אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט אָנגעהויבען צו ווירקען אין יענער צייט. העס האָט אָבער אנטייל גענומען אין דעם דריטען קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל אין בריסעל אין סעפּ־טעמבער 1868. העס האָט אויף יענעם קאָנגרעס געהאַלטען די בעדייטענדסטע רעדע געגען די פּרודאָניסטען און זייער טעאָריע פון פרייען קרעדיט אַלס אַ וועג צום סאָציאַליזם. מאַרקס זעלבסט האָט געלויבט דיעזע רעדע, אין אַ בריעף צו ענגעלס, אַלס די בעסטע אויף דעם גאַנצען קאָנגרעס.

9.

פון זיינע וויסענשאַפטליכע שטודיען און זיין ליטעראַרישער אַרבייט אויף דעם פעלד פון סאָציאַליזם און אידישען נאַציאָנאַליזם איז העס אַרויסגעריסען געוואָרען דורך דעם דייטש־פראַנצויזישען

קריעג אין 1870. העס איז ניט געווען קיין דייטשער פּאַטריאָט, אָבוואהל ער איז געווען אַ איד פון דייטשלאַנד. אלס סאָציאַליסט און אַלס אַ זוהן פון אידישען פאָלק האָט דאָס רעאקציאָנערע אַנטי־רעוואָלוציאָנערע דייטשלאַנד ניט געקענט זיין זיין פאַטערלאַנד, עס איז נאָר געווען זיין היימאַט־לאַנד. אין אַלע זיינע שריפטען, און בעזונדערס אין „רוים און ירושלים“, פיהרט העס דורך דעם געדאַנ־קען, דאָס פראַנקרייך איז דאָס לאַנד פון ערלעזונג, פון פרייהייט, פון דער צוקינפטיגער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, דאָס לאַנד, וועלכעס איז דער סימוואָל פון רעפּובליק און רעוואָלוציאָן אין דער וועלט. העס איז אַ פראַנצויזישער פּאַטריאָט, און ער לערנט אידען נאָך אַ נייעם אמת, דאָס ניט דאָס געבורטסלאַנד איז דעם איד'ס פאַטער־לאַנד, נאָר דאָס לאַנד, אין וועלכען עס לעבען די אידעאַלען פון פרייהייט און רעוואָלוציאָן. מיליאָנען אידען, וועלכע זיינען אין די לעצטע יאָהרצעהנטען אויסגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד, רוסלאַנד, רומעניען, עסטרייך אין פרייע לענדער און בעזונדערס אין אַמע־ריקא, האָבען אין זייער ליעבע און בעגייסטערונג פאַר די נייע לענ־דער פון פרייהייט און רעכט היסטאָריש בעשטעטיגט דעם אמת און דעם אַדעל פון העס'ס געפיהל.

דער נצחון פון דייטשלאַנד איבער פראַנקרייך האָט אַרויס־גערופען ביי העס דעם טיעפסטען שמערץ. ער האָט אַ רייהע פון אַרטיקלען איבער פראַנקרייך און די מלחמה פּערעפּענטליכט אין די צייטשריפטען "סאָלידאַריטע" און „פּעפּל בעלזש“ און האָט דיעזע אַרטיקלען שפּעטער אַרויסגעגעבען אין ברוסעל אין אַ בוך: „אַ צושלאָגענע נאַציאָן. די פעראייניגונג פון אַלע פעלקער געגען דאָס פּרייסישע דייטשלאַנד“ (1871).

ניט געגען די פראַנצויזישע אימפּעריע פיהרט דייטשלאַנד קריעג, נאָר געגען דאָס רעוואָלוציאָנערע פראַנקרייך, כדי צו מאַ־כען אַ סוף צו דעם „הערד פון דער רעוואָלוציאָן“. פּרייסען האָט נאָר איין ציעל, ווי אין 1792 און 1814, פראַנקרייך צו עראָ־בערן, צו ערנידריגען, צו צוטיילען, פּאַריז צו פערברענען און ווערען דער האַר פון אייראָפּא, כדי עס צו פער־וואַנדלען אין אַ נייעם כינא. ניט פאַר דאָס שלעכטס, נאָר פאַר דאָס גוטס, וואָס פראַנקרייך האָט געטאָן דער מענשהייט, ווערט עס פון דייטשלאַנד אזוי געהאַסט. פּרייסען האָט גאָרנישט

ניט געטאָן פאַר דער מענשהייט, פאַר דער פרייהייט. פערקעהרט, וואו מען האָט אונטערדריקט פעלקער, זיינען די דייטשען געווען דערביי. געגען דעם פאַן־גערמאַניזם וועט נאָך אמאָל דער פאַן־סלאַוויזם זיין א גוטעס געגען־גיפט. היינט צווינגען די פרייסען ארויף זייער ציוויליזאַציאָן אויף די פוילען, אָבער דער טאָג פון נקמה וועט קומען אויך פאַר די סלאַווישע פעלקער, וועלכע ווערען יעצט דורך פרייסען פערהינדערט צו פערברידערן זיך מיט די געבילדעטע פרייע פעלקער פון מערב־אייראָפּא. זיי וועלען אריבערשרייטען איבער דעם מת פון פרייסען און העלפען פערווירקליכען דעם גרויסען געדאַנק פון די פעראייניגטע שטאַאטען פון אייראָפּא.

דאָס זיינען די אידעען, וועלכע העס האָט אויסגעשפּראָכען וועגען דעם דייטש־פראַנצויזישען קריעג און וועגען דייטשלאַנד אויף דעם שוועל פון דער דייטשער אימפעריע. מיט דיעזע געפיהלען און געדאַנקען בנוגע צו דייטשלאַנד שטעהט העס ניט אליין, אויך מארקס האָט זיך אויסגעדריקט כמעט אין דעמזעלביגען גייסט. העס'ס אָבשאַצונג פון די פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע קרעפטען פון אייראָפּא און זיין רוף צו די פעראייניגטע שטאַאטען פון אייראָפּא זיינען אפשר דאַמאָלס נאָך וויי[ניג] פערשטאַנען געוואָרען. אין יאָהר 1915 האָט די גאַנצע פערבלוטיגטע מענשהייט דערפיהלט און איבערגעלעבט, וואָס העס האָט נביאות געזאָגט אין 1871.

אין מאי 1871 איז העס צוריקגעקומען פון ברוסעל אין פּאַריז, ווארום אלס דייטשען אונטערטאַן האָט מען בשעת דעם קריעג דעם „דייטש" העס ארויסגעשיקט פון פּאַריז. געבליבען איז ער זיין רעוואָלוציאָנערע נשמה, בשעת ער איז געקומען צוריק אין פּאַריז. פראַנקרייך איז עראָבערט געוואָרען, און אין פּאַריז איז די קאָמונע דערשטיקט געוואָרען אין בלוט פון דעם העלדענהאַפטען פּראָלעטאַריאַט. גאַליפע האָט געשאָסען די ארבייטער אין די טויזענדער. העס האָט זיך צוריקגעצויגען פון עפענטליכען לעבען און האָט זיך אין גאַנצען אָבגעגעבען צו־זיינע שטודיען. פיעלע אנדערע גרויסע רעוואָלוציאָנערען, ווי צום ביישפּיעל באַקונין, וועלכער האָט זיך ניט איינמאָל געטראָפען מיט העס'ן אויף זיין לעבענסוועג, האָבען אויך פערלאָרען דעם מוט, בשעת דייטשלאַנד האָט געזיעגט און ביסמארק האָט אָנגעהויבען צו רעגירען איבער דער וועלט. העס

האָט געזוכט זיין טרייסט און בערוהיגונג אין זיינע וויסענשאַפטלי־
כע שטודיען.

נאָך זיין טויט, אין יאָהר 1877 איז דורך די בעמיהונג פון
זיין פרוי ערשיענען דער ערשטער טייל פון זיין סיסטעמאַטישען
ווערק אונטער דעם נאָמען: „דינאַמישע שטאָף־לעהרע“. אין דיע־
זען ווערק פיהרט העס דורך אויף אַ וויסענשאַפטליכען אופן זיין
פריהער שוין ניט איינמאָל אויסגעשפּראָכענעם געדאַנקען, דאָס די
גאַנצע וועלט, די דריי לעבענס־ספערען, די קאָסמישע, אָרגאַנישע,
סאָציאַלע, זיינען אַ געשלאָסענע איינהייט. די וועלט איז אַלל־
איינינג, אין אַלע איהרע מאַניגפאַלטיגע פאַנאַנדערפאַלענרע
ענדליכע ערשיינונגען. די „דינאַמישע שטאָף־לעהרע“, וועל־
כע בעשעפטיגט זיך אין ערשטען טייל מיט דעם קאָסמאָס, מיט
דער הימעלבעשרייבונג, איז אָבער ניט קיין אבגעשלאָסענעס פאַר־
טיגעס ווערק.

דעם 6טען אַפּריל 1875, אין אַלטער פון 63 יאָהר, איז משה
העס געשטאָרבען. אויף זיין וואונש האָט מען איהם מקבר געווען
אין דייטץ אַם רהיין אין דייטשלאַנד נעבען די קברים פון זיינע
עלטערן. דייטשע, פראַנצויזישע, פּוילישע סאָציאַליסטען האָבען
בעגלייטעט העס׳ס מטה פון זיין וואהנונג אין פּאַריז צו דעם
באַהנהאָף נאָך דייטשלאַנד. טיעף ריהרענדע רעדען זיינען געהאַל־
טען געוואָרען ביי דעם אָבשיעד, און דעם זוהן און קאָמענטאַ־
טאָר פון דער רעוואָלוציאָן איז צוגעזאָגט געוואָרען אַן אייביגעס
אַנדענקען אין דעם הארצען פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

נאָר די דאַמאָליגע אידישע פּרעסע האָט כמעט ניט דערמאַנט
וועגען דעם טויט פון דעם פערפאַסער פון „רוים און ירושלים“.

ערשט אונזער צייט ווערט רייף, כדי צו פערשטעהן און צו
ווירדיגען העס׳ס געדאַנקען, שטימונגען, אָנזאָגונגען, פּאָראויסזאָגונ־
גען, זיין נבואה און זיין לעבען. זיין פילאָזאָפיע, זיין גענעטישע
וועלטאַנשויאונג פליעסט פון דעמזעלביגען קוואַל, פון וועלכען עס
שטאַמט בערגסאָן׳ס פילאָזאָפיע פון דער שעפּפערישער עוואָלוציאָן.
די פרייע שעפּפונג פון העס, די שעפּפערישע צייט ביי
בערגסאָן, דער שאַפענדער יהוה פון דער נבואה, זיינען נאָ־
הענטע בעגריפען צווישען זיך און שטאַמען אַלע פון איין מקור,
וועלכער איז טיעפער און אונבעוואוסטזיניגער איידער די אינדיווי־

דועלע לאָגיק, זיי שטאַמען פון „דעם שכל פון הארץ“, פון וועלכען פאַסקאַל רעדט. די געשיכטס־פילאָזאָפישע גערדאנקען פון העס מכח דאָס יודענטום, די תורה, די נבואה, דעם שבת, משיח, די אידישע געשיכטע, דאָס אידישע לעבען זיינען נאָך אמאָל ענטוויקעלט געוואָרען פון הרמן כהן, דעם בעדייטענדסטען פילאָזאָף פון יודענטום. העס איז געווען דער נביא פון ציוניזם, אָבער ער האָט פערשטאַנען דאָס אידישע לאַנד אלס א סאָציאַליסטישעס לאנד און די אידישע פּאָליטיק נאָר אלס א סאָציאליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק. זיין נשמה האָט געדורשט נאָך א נייער רעליגיאָן, א רעליגיאָן פון אמת און ליעבע אין לעבען. דורך זיין מוטיגען קאַמפּף פאר דעם אמת און זיין העלדישקייט אין זיין אייגענעם לעבען האָט ער געשטרעבט הייליג צו מאַכען דאָס וואָרט דורך דאָס לעבען, די פילאָזאָפיע דורך די טהאַט, און האָט געדיענט דיעזער נייער רעליגיאָן פון אמת און ליעבע.

רוים און ירושלים

פאָרוואָרט.

פון דער צייט אָן וואָס דער פאַפסט אינאָסענץ דער דריטער האָט אָנגענומען דעם טייוועלשען בעשלוס, צו פערניכטען מאָראליש די אידען, וועלכע האָבען דאמאָלסט אריינגעבראכט דאָס ליכט פון דער שפּאנישער קולטור אין דער קריסטליכער וועלט, דורך דעם צוואנג צו טראָגען אַ שאנד־פלעק אויף זייערע קליידער, פון יענער צייט אָן ביז צו דעם רויב פון אַ אידישען קינד פון זיין עלטערן־הויז אונטער דער רעגיערונג פון דעם קארדינאל אנטאָנעלי, איז דאָס פּאבסטליכע רוים געווען אַ גיפט־קוואל פאַר אידען. ווען עס וועט אויסגעטריקענט ווערען דיעזער גיפט־קוואל, וועלען אויך אונזערע קריסטליך־גערמאנישע אידען־פיינד אויסשטארבען פון מאנגעל אין נאהרונג.

ווען עס הערט אויף די פיינדליכע שטעלונג פון קריסטענטום צו דער קולטור, הערט אויך אויף איהר פיינדליכע שטעלונג צום יודענטום; ווען עס בעפרייט זיך די אייביגע שטאָדט אויף דעם טייך טיבער, הויבט זיך אָן די בעפרייאונג פון דער אייביגער שטאָדט אויף דעם הר מוריה; ווען איטאליען לעבט אויף, לעבט אויף יהודה. — אויך די פער׳יתומ׳טע קינדער פון ירושלים וועלען זיך בעטיילינגען אין דעם גרויסען תחית המתים פון די פעלקער פון דעם ווינטער־שלאָף פון מיטעלאַלטער און זיינע בייזע חלומות.

דער פעלקער־פריהלינג האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער פראנ־צויזישער רעוואָלוציאָן; דאָס יאָהר 1789 איז געווען דער פריה־לינגס־טאָג פון די היסטאָרישע פעלקער. די תחית המתים פון די פעלקער איז ניט קיין וואונדער מעהר אין אַ צייט, ווען גריכענלאנד און רוים ערוואכען, ווען פוילען אָטעמט אויף, אונגארן גרייט זיך צום לעצטען קאמפף, און עס בערייטעט זיך פאָר אָן אויפשטאנד פון אלע יענע אונטערדריקטע ראסען, וועלכע ווערען מיסברויכט און

אויסגעזויגען פון אזיאטישער בארבאריי און אייראָפּעאישער ציווי־ליזאציאָן, און וועלכע הויבען אָן יעצט זיך אויפצולעהנען געגען דאָס הערשער־רעכט פון די הערשענדע ראסען.

צו די פּאר טויט פּעררעכענטע פעלקער געהערט אויך דאָס אידישע פּאָלק, וועלכעס האָט ניט אומזיסט געקעמפּפט צוויי טויזענד יאָהר געגען די שטורעמס פון דער וועלט־געשיכטע און האָט פון אַלע עקען פון דער וועלט, וואוהין די געשעהענישען האָבען איהם פּערטראָגען, געוואנדערט און וואנדערט נאָך עד היום זיין בליק צו ירושלים. מיט דעם זיכערען ראסען־אינסטינקט פון זיין קולטור־היסטאָרישער מיסיאָן, וועלכע בעשטעהט אין דער אחדות פון דער וועלט און די מענשען און זייער פּערברידערונג אין נאָמען פון זייער אייביגען שעפּפער, דעם אל־איינעם,— מיט דיעזען אינסטינקט האָט דיעזעס פּאָלק דערהאלטען זיין נאציאָנאליטעט און זיין רעלי־גיאָן און זיי ביידע פערבונדען אין זיין ארץ־אבות. קיין מאָדער־נעס פּאָלק, וועלכעס קעמפּפט פּאר אַ פּאַטערלאנד, קען ניט אָבזאָגען אין אַ פּאַטערלאנד דעם אידישען פּאָלק, וואָרים אויב ניט פאלט עס אריין אין אַ סתירה מיט זיך זעלבסט און בעגעהט אַ מאָרא־לישען זעלבסטמאָרד אָן זיך זעלבסט.

דעם פּאראורטיילס־פרייען פרעמדען בעאָבאכטער זעהט אויס די אידישע נאציאָנאליטעטס־פראגע צייטגעמעס, ניט אָבער דעם „קולטורעלען" איד אין דייטשלאנד. וואָרים אין דייטשלאנד ווייזט אָן דער רעאקציאָנערער און דער ליבעראלער אידען־פיינד אויף דעם חלוק צווישען דער אידישער און גערמאנישער ראסע. אין דייטש־לאנד איז די אידישע נאציאָנאליטעט נאָך דער לעצטער ארגומענט געגען די פּאָליטישע און בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג פון אידען. אין דייטשלאנד שטרעבען די אידען זייט מענדעלסאָן צו דער פּאָליטישער און סאָציאלער גלייכבערעכטיגונג, אָבער אָהן ערפאָלג, אָבוואָהל זיי בעטייליגען זיך לעבהאפט אין דער דייטשער קולטור, אָבוואָהל זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון זייער נאציאָנאליטעט און זוכען זיך מיט אַלע כחות צו גערמאניזירען.

דאָס וואָס אַ ברודער האָט ניט בעקומען פון אַ ברודער, אַ מענש פון אַ מענשען, דאָס וועט בעקומען אַ פּאָלק פון אַ פּאָלק, אַ נאציאָן פון אַ נאציאָן. אין דעם לעצטען אייראָפּעאישען פריי־

הייטס־קריעג קען עס פאר קיין פאָלק ניט זיין גלייכגילטיג, אויב עס וועט האָבען אַן אנדערעס פאָלק פאר זיינעם אַ פריינד אָדער אַ שונא.

*

* *

די שטימען, וועלכע לאָזען זיך היינט הערען פון אומעדום פיר די נאציאָנאלע וויעדערגעבורט פון דעם פאָלק ישראל, זיינען קודם כל בערעכטיגט דורך דעם אידישען קולט, דורך דעם נאציאָנאלען כאראקטער פון יודענטום. אָבער אויך די אלגעמיינע ענטוויקלונג פון דער וועלטגעשיכטע און איהר רעזולטאט: די געגענווערטיגע לאַגע, פיהרט צו דער אידישער אויפלעבונג.

אין די בריעף ווערט קודם כל בעטאָנט די ערשטע, די אינ־ווענדיגע בערעכטיגונג. דער פערפאסער האָט זיך דערפאר געמוזט אויסשפּרעכען אקוראט אזוי געגען די ראציאָנאליסטישע און פילאנ־טראָפּישע אילוזיאָנען, וועלכע פערלייקענען די נאציאָנאלע בעדיי־טונג פון אידישען קולט, אזוי ווי אויך געגען די אָרטאָדאָקסען, וועלכע ווארפען זיך אריין אין דעם שוים פון דער גליקליכער אונ־וויסענהייט, ווייל זיי זיינען ניט פעהיג צו ענטוויקלען אונזער געשיכטס־רעליגיאָן צו דער הויכקייט פון דער מאָדער־נער וויסענשאפט. דערמיט האָט זיך דער פערפאסער דערנעהנטע־ט צו דעם וועג פון שלום, וועלכער פערנעהמט אלץ מעהר דעם פלאץ פון דער מלחמה צווישען רעפאָרם און אָרטאָדאָקסיע.

א דאנק די נייע ארבייטען פון די אידישע געלעהרטע, אַ דאנק די רייצענדע שילדערונגען פון אידישען לעבען פון טאלאנטפולע ראָמאן־שרייבער און פּאָעטען, האָט אונזער נאציאָנאל־הומאניטערער געשיכטס־קולט געפונען איצט אָנהענגער אפילו אונטער יענע, וועלכע האָבען געמיינט פריהער, דאָס אויפקלערונג מיינט אָבפאלונג פון יודענטום. אויף דעם באָדען פון דער נייערער אידישער קריטיק איז שוין ניטאָ קיין חלוק צווישען רעפאָרם און אָרטאָדאָקסיע. די מאָטיוען, וועלכע ווערען אין די בריעף געבראכט פאר די אידישע אויפלעבונג, שליסען זיך אָן אָן די מאָדערנע וויסענשאפט.

„די געשיכטע פון דער נאָך־תלמוד׳ישער צייט“, זאָגט דער

בצדייטענדסטער אידישער היסטאָריקער*), האָט נאָך אַלץ אַ נ א צ י אָ נ א ל ע ן כאראקטער; זי איז ניט נאָר געשיכטע פון רעליגיאָן אָדער קירכע.“

„אלס געשיכטע פון אַ פאָלק“, זאָגט ווייטער אונזער היסטאָריקער, „איז די אידישע געשיכטע ניט בלויז אַ ליטעראַטור־געשיכטע אָדער קירכען־געשיכטע, נאָר די ליטעראַטור און די רעליגיעזע ענטוויקילונג זיינען, אזוי ווי דאָס טראַגישע מאַרטירערטום פון דיעזען פאָלק, נאָר איינצעלנע מאָמענטען אין זיין געשיכטע, און ניט איהר גאַנצעס וועזען.“

די היסטאָרישע קריטיק איז געקומען אויף דעם פלאַץ פון יענע „רעפאָרמאַטאָרען“, וועלכע האָבען געוואָלט אָבטיילען אין יודענטום דעם פּאָליטישען תוכן פון דעם רעליגיעזען, אָדער וועלכע זעהען ניט דעם נאַציאָנאַלען לעבענס־קוואַל, פון וואַנען עס פליסט די תלמוד׳ישע ליטעראַטור אזוי ווי די ביבלישע, און מיינען, דאָס די תלמוד׳ישע ליטעראַטור איז מעהר ניט ווי אַן אויסערליכע צופּאַסונג צו די פערענדערליכע פערהעלטעניסען פון דער צייט.

פיעלע אויפגעקלערטע אידען, וועלכע האָבען געבראָכען מיט דער פערשטיינערטער אָרטאָדאָקסיע, האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו פערטיעפען אין דעם נאַציאָנאַלען תוכן פון יודענטום און זיך אָבגעזאָגט פון דעם אויבערפלעכליכען ראַציאָנאַליזם, וועלכער פיהרט נאָר צו דער אָבפאַלונג און גלייכגילטיגקייט צום יודענטום, און ניט צו דער וויעדער־אויפלעבונג פון זיין שעפּפערישען גייסט. אָבער אויך פיעלע רבנים, וועלכע איך האָב געהאַט דאָס גליק צו קענען אין מיין יוגענד, בלייבען ניט אָבגעשטאַנען יעצט אין וויסענשאַפט און בילדונג. די נייע ראַבינער־שולען, נאָך דעם מוסטער פון דער ברעסלאַוער, וועלען שוין גאַנץ צודעקען דעם אָבגרונד, וועלכער האָט זיך געעפענט צווישען דעם ניהיליזם פון דער רעפאָרם, וועלכע האָט גאַרנישט ניט געלערענט, און דער רעאַקציאָן, וועלכע האָט גאַרנישט ניט פערגעסען. אַ מילדער שלום־ברענגענדער לעבענסווינד בלאָזט שוין דאָרט, וואו מיט איניגע צעהנדליג יאָה־

*) גרעץ: געשיכטע פון אידען, 5 חלק, איינלייטונג, זייטע 3.

צוריק האָט דאָס אָרטאָדאָקסע אייז געוואָלט אַלעס פערפריהרען און דער רעפאָרמאטאָרישער פייער־ווינד אַלעס פערברענען.

*　*

*

די אַלגעמיינע ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דעם סאָציאַלען לעבען און איהרע רעזולטאטען, די היינטיגע נאציאָנאַליטעטס־שטרעבונ־גען, וועלען דאָ בעטראכטעט ווערען, כדי צו בעלייכטען די נאָך ניט געענדיגטע אויפגאבע פון יודענטום, כדי אָנצודייטען, דאָס די היינ־טיגע וועלט־לאגע דארף שטיצען די גרינדונג פון אידישע קאָלאָניען ביים סועץ־קאנאל און אויף די ברעגען פון ירדן, און כדי ארויסצו־ברענגען, דאָס הינטער די נאציאָנאַלע בעפרייאונגס־פראגען, וועלכע שטורעמען היינט אין דער וועלט, שטעהט נאָך די אוראַלטע ראַסען־פראגע, וועלכע מוז פערענטפערט ווערען, איידער די פּאָליטיש־סאָציאַלע פראגען קענען געלייזט ווערען.

כדי צו פערענטפערען די צווייפלען, וועלכע דער דייטשער ראַסען־שאָוויניזם און די אָבגעשטאנענע אידישע וויסענשאַפט וואָלטען געקאָנט מאכען געגען מיין וועלט־אַנשויאונג בכלל, און בעזונדערס אין צוזאמענהאנג מיט דעם יודענטום, האָב איך געשרי־בען דעם עפּילאָג, וועלכער קען בעטראכט ווערען אַלס איינ־לייטונג צו די 12 בריעף. אין דעם עפּילאָג אזוי ווי אין די נאָטען, וועלכע שטעהען ביים ענדע פון דעם בוך, איז אויך דער פּלאַץ פיר די פילאָזאָפישע ארומרעדונג און די וויסענשאַפטליכע בעגרינדונג פון איינגע פרינציפען און טהאטזאכען, וועלכע זיינען אין די בריעף נאָר אויבערפלעכליך אָנגעריהרט געוואָרען.

דער פערפאַסער.

קעלן, מאי, 1862.

ערשטער בריעף.

די צוריקקעהרונג אהיים. — די אידישע פרויען. — א קוואל פון דער אידישער געשיכטס־רעליגיאָן. — פאמיליען־ליעבע. — מאַטער דאָלאָראָזאַ.

אַט שטעה איך נאָך אמאָל נאָך א צוואנציג־יעהריגער פער־פרעמדונג אין דער מיטען פון מיין פאָלק און נעהם אנטייל אין זיינע ימים־טובים, זיינע זכרונות און האָפנונגען, זיינע גייסטיגע מלחמות צווישען זיך גופא און מיט די קולטור־פעלקער, צווישען וועלכע עס לעבט, און מיט וועלכע עס קען זיך ניט אָרגאניש צונויפוואקסען.

א געדאנקען, וועלכען איך האָב שוין געהאלטען פאר דער־שטיקט אין מיין הארצען, שטעהט וויעדער לעבעדיג פאר מיר: דער געדאנקען וועגען מיין נאציאָנאליטעט, וועלכע איז פערבונדען מיט מיין ירושת אבות, מיט דעם הייליגען לאנד און דער אייביגער שטאָדט, מיט דעם געבורטסאָרט פון דעם גלויבען אין די געטליכע איינהייט פון לעבען און די צוקינפטיגע פערברידערונג פון אלע מענשען.

דיעזער לעבעדיג בעגראָבענער געדאנקען האָט שוין זייט יאָה־רען געקלאפּט אין מיין הארצען און געזוכט זיך ארויסצורייסען. עס האָט מיר אָבער געפעהלט די קראפט אריבערצוגעהן פון מיין וועג, וועלכער איז געלעגען אזוי וויים פון יודענטום, צו דעם נייעם וועג, וועלכער איז געלעגען פאר מיר נאָך אין נעבעלהאפטער וויטקייט.

איז עס א צופאל, דאָס יעדעס מאָל ווען איך שטעה פאר א נייער ריכטונג, ערשיינט אן אונגליקליכע פרוי אויף מיין לעבענס־וועג און גיט מיר מוטה און קראפט, צו וואנדערען אויף אן אונבע־קאנטען וועג?

אָה, ווי פאלש איז די מיינונג, דאָס פרויען האָבען געהאט א קליינע ווירקונג אויף די ענטוויקלונג פון יודענטום און אידען. — פערקעהרט, עס ווערט געזאָגט פון די פרויען, דאָס א דאַנק זייער

ריינקייט זיינען אידען אויסגעלייזט געוואָרען און וועלען נאָך אויס־געלייזט ווערען. *)

ערשט ווען איך האָב אייך געזעהן אין אייער שמערץ, האָט זיך געעפענט מיין הארץ, און עס האָט אויפגעלעבט מיין איינגע־שלאָפענער פאָלקס־געדאַנקען; איך האָב ענטדעקט דעם קוואל, פון וואנען עס שטאַמט אייער גלויבען אין די אייביגקייט פון דעם גייסט.

אייער אונענדליכער שמערץ וועגען דעם טויט פון א טייערען נאָהענטען מענש האָט מיך געבראַכט אינגאַנצען צו דעם ענטשלוס: ארויסצוטרעטען פיר די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט פון מיין פאָלק. אויף אַזעלכע אונבעגרעניצטע פאַמילען־ליעבע איז נאָר פעהיג א אידישעס הארץ. און דיעזע ליעבע איז דער נאַטירליכער קוואל פון יענער אינטעלעקטועלער ליעבע צו גאָט, וועלכע איז לויט ספינאָזא די העכסטע מדרגה, צו וועלכער דער גייסט קען זיך אויפהויבען. פון דעם אונערשעפּליכען קוואל פון דער אידישער פאַמיליען־ליעבע שטאַמען די ערלעזער פון דער מענשהייט.

„דורך דיך", זאָגט דער געטליכער געניוס פון דער אידישער פאַמיליע, „וועלען אַלע משפחות פון דער ערד געבענשט ווערען."

יעדער איד האָט אין זיך דעם שטאָף צו אַ משיח, יעדע אידין דעם שטאָף צו אַ מאַטער דאָלאָראָזאַ.

צווייטער בריעף.

גערדאַנקען וועגען טויט און אויפערשטעהונג. — פאַמיליען־קברים. — פערוואַנדטע נשמות. — די אידישע און די אינדישע היוליגע. — שאָפּענהויער. — אחרית הימים. — דער שבת פון דער געשיכטע.

דער שמערץ אַזוי ווי די פרייד זיינען אַנשטעקענד. איהר, מיין פריינדין, האָט מיך אַנגעשטעקט מיט אייערע געדאַנקען וועגען טויט און אויפערשטעהונג. איך פלעג קיינמאָל ניט געהן צו קברים, איצט ציהט מיך אהין. צום ערשטען מאָל זייט דעם פריהען טויט פון מיין מוטער בין איך געוועזען אויפ'ן בית־עולם, וואו מיין מוטער

*) נאָטע 1.

ליגט, און וואו מען האָט שפּעטער אין מיין אַבוועזענהייט מקבר געווען מיין פאָטער. — איך האָב פערגעסען דעם קדיש און האָב אָנשטאָט דעם געזאָגט פון דער שמונה־עשרה: „אתה גבור לעולם יהוה מחיה מתים אתה“... דאָ האָב איך דערזעהן אַן איינזאַמע בלום אויף אַ קבר פון דער נאָהענט. איך האָב זי גענומען און אריינגעלעגט צווישען מיינע פּאַפּיערען. אין דער היים האָב איך זיך ערשט דערוואוסט, ווער עס ליעגט אונטער דעם קבר. — איך האָב זיך דערוואוסט, דאָס דער אוצר, ווי איהר האָט אָנגערופען די אָרימע בלום, איז פאַר אייך בעשטימט.

עס זיינען פאראַן געהיימניספּולע בעציהונגען צווישען די געשטאָרבענע און די לעבעדיגע, אַבוואָהל זיי וועלען בלייבען שטענדיג אַ סוד. ווען די פּעדים פון לעבען ווערען דורכגעשניטען, ווערען אָבער ניט דורכגעשניטען די פּעדים פון די גייסטער, וועלכע פערבינדען די נשמות אין דער צייט און דער איביגקייט:

די געשטאָרבענע נשמות
זיי לעבען נאָך אין גייסט.

דערפאר האָב איך ליעב בעקומען דעם טויט. — ניט ווייל איך האָס דאָס לעבען; ניין, איך ליעב אויך דאָס לעבען, אָבער נאָר אזוי ווי דער גרעסטער דענקער ספינאָזא האָט עס געליעבט. — וואָס הומאַנער, וואָס הייליגער, וואָס געטליכער דאָס לעבען איז, אַלץ מעהר זיינען לעבען און טויט פון גלייכען ווערט.

נאָר די אידען האָבען זיך געקענט אויפהויבען צו אזא הויכ־קייט, וואו לעבען און טויט האָבען דעם גלייכען ווערט, אָבער פון דעם לעבען האָבען זיי זיך ניט אַבגעזאָגט. — מיט אכצעהן־הונדערט יאָהר צוריק שוין האָט אַ איד, וועלכען די אומות העולם האָבען פערגעטערט אַלס זייער ערלעזער, געפונען דעם שטיצ־פונקט אויסערהאַלב פון דער וועלט, פון וועלכען ער האָט געוואָלט איבערקעהרען די וועלט.

די גרויסע לעהרער פון דער ערקענטניס פון גאָט, פון דעת יהוה זיינען שטענדיג געווען אידען. אונזער פאָלק האָט ניט נאָר אין אַלטערטום בעשאַפען די ערהאַבענסטע רעליגיאָן פון דער גאַנ־צער וועלט, נאָר עס האָט זי אויך ענטוויקעלט ווייטער לויט דעם פאָרטשריט פון דער מענשהייט. און דיעזע מיסיאָן וועט פאַר

איהם בלייבען ביז צו דעם אחרית הימים, ווען עס וועט ווערען ומלאה הארץ דעה. ווארים דער אחרית הימים, פון וועלכען דאס יודענטום האט שטענדיג נבואה געזאגט, איז ניט דאס ענדע פון דער וועלט, ווי אנדערע פעלקער האבען עס פאלש פערשטאנען, נאר עס איז דער סוף פון דער ענטוויקלונג און די העכסטע ערציהונג פון דער מענשהייט.

מיר שטעהען ערב דעם געשיכטליכען שבת און מוזען אונז פארבערייטען צו אונזער מיסיאן, פערשטעהענדיג אונזער געשיכטס־רעליגיאן.

קיין ווארט פון אונזערע הייליגע שריפטען ווערט ניט פערשטאנען ריכטיג, זאלאנג מען ווייס ניט דעם געזיכטספונקט, פון וועלכען דער אידישער געניוס האט זיי בעשאפען. — די עגאיסטישע ערלעזונג פון דער נשמה פון דעם איזאלירטען יחיד איז דעם יודענטום פאלשטענדיג פרעמד. — דאס יודענטום טיילט ניט אב דעם יחיד פון דער פאמיליע, די פאמיליע פון דער נאציאן, די נאציאן פון דער מענשהייט, די מענשהייט פון דער שעפפונג, די שעפפונג פון דעם שעפפער. דאס יודענטום האט ניט קיין אנדערען דאגמאט (עיקר), ווי דיעזע לעהרע פון דער איינהייט. אבער דיעזער דאגמאט איז ניט קיין פערשטיינערטער טויטער גלויבען, נאר א לעבעדיגע שעפפערישע אידעע, וועלכע ווארצעלט אין דער פאמיליען־ליעבע, בליהט אין דעם פאטריאטיזם, און ברענגט רייפע פרוכט אין דער מאדערנער בעניימער מענשליכער געזעלשאפט. — דאס יודענטום וואלט אבגעשטארבען אין דאגמאטען, אזוי ווי די רעליגיאנען, וועלכע זיינען פון איהם ארויסגעקומען, ווען זיין רעליגיאן וואלט ניט געוועזן דער פראדוקט פון זיין לעבען. דאס יודענטום איז ניט קיין פאסיווע רעליגיאן, נאר אן אקטיווע ערקענטניס, וועלכע איז צונויפגעוואקסען מיט דער אידישער נאציאנאליטעט. — דאס יודענטום איז קודם כל א נאציאנאליטעט, וואס איהר געשיכטע געהט האנד אין האנד מיט דער געשיכטע פון דער מענשהייט, א נאציאן, וועלכע האט שוין אמאל ארויסגערופען די אויפלעבונג פון דער סאציאלער וועלט, און וועלכע לעבט אויף היינט מיט דער וויעדעראויפלעבונג פון די היסטארישע קולטור־פעלקער.

דריטער בריעף.

אונשטערבליכקייט. — רבי יוחנן. — רמבן. — משיחיות. — פאטער אונזער. — סאלידאריטעט. — פראנקרייך'ס רוף און דער רעאקציאָ־נערער געשריי.

איהר וואונדערט זיך, וואָס אין דער תורה איז ניטאָ גאָרנישט וועגען אונשטערבליכקייט. — איהר זייט ניט בעפריעדיגט דער־מיט, ווי די אגדתא און די מאָדערנע אידישע און קריסטליכע ווי־סענשאַפט טייטשען אויס דעם גלויבען אין די אונשטערבליכקייט פון דער תורה. — ווען משה און די נביאים וואָלטען געגלויבט אין אַ יענע וועלט, ווי דאָס קריסטענטום, וואָלטען זיי געוויס גערעדט וועגען דעם. — איך לייקען ניט דיעזען פאקט. ווען איהר מאכט אָבער דערפאר אַ פאָרוואורף געגען די תורה, פערגעסט איהר ווידער דעם היסטאָרישען געזיכטספונקט פון דער הייליגער געשיכטע, וועלכע טיילט ניט אָב דעם יחיד פון זיין שטאַם, די נאציאָן פון דער מענשהייט, די שעפּפונג פון דעם שעפּפער. — איהר פער־געסט, דאָס דער טייל פון אונזערע הייליגע שריפטען, וואו עס רעדט זיך ניט פון דער אונשטערבליכקייט, איז ענטשטאַנען אין אַ צייט, ווען די אידישע נאציאָן איז נאָך ניט אונטערגעגאַנגען און האָט ניט געקענט האָבען קיין געדאַנקען וועגען תחית המתים. — דער אידישער גלויבען אין די אונשטערבליכקייט קען ניט אָבגע־טיילט ווערען פון דעם נאציאָנאַל־מענשליכען גלויבען אין משיח. ערשט מיט משיח און דער מלכות המשיח, זאָגט ר' יוחנן, איז דערגרייכט געוואָרען דאָס ציעל פון דער שעפּפונג. — אַלע נביאים, זאָגט ער ווייטער, רעדען אין זייערע נבואות פון מלכות המשיח; פון יענער וועלט ווייס נאָר גאָט אליין. — אויך אין דעם רבנ'ישען יודענטום איז יענע וועלט ניט אונטערשיעדען שטארק פון דער מלכות המשיח. דער רמב"ן בעשטעהט דערויף, געגען דעם רמב"ם, דאָס מלכות המשיח און עולם הבא זיינען איינס און דאָס זעלבע. דאָס יודענטום האָט ניט געדאַרפט בעזונדערס בעטאָנען די אייביג־קייט פון גייסט, וואָרים זיין גאַנצע געשיכטע איז די פערקערפּע־רונג פון דיעזער אידעע. בשעת עס איז אין סוף פון בית ראשון ארויפגעקומען דער געדאַנקען פון דעם נאציאָנאַלען אונטערגאַנג

און דער ווידערויפלעבונג פון אידישען פאלק, איז אויך דער־וועקט געווארען דער געדאנקען פון דער אונשטערבליכקייט. שוין דער נביא ישעיהו מאכט אן אונטערשיעד צווישען די אומות, וועלכע וועלען אויסשטארבען אהן א זכר, און דעם פאלק ישראל, וואס וועט אויפלעבען, און וואס זיין טויט איז נאר די חבלי לידה פון דער מלכות המשיח (ישעיה כ״ו, י״ד—י״ט).

אפילו אין אורקריסטענטום, זאלאנג עס איז ניט אבגעפאלען פון נאציאנאלען יודענטום, האט נאך געלעבט די אידישע פאלקס־אידעע, אין וועלכער תחית המתים, מלכות השמים און עולם הבא האבען אייגענטליך בעדייטעט די ימי המשיח, דעם מלכות הרוח, וואס זיין אנקומען ווערט ערווארטעט נאך אין די עוואנגעליען און אין דער עכט־אידישער תפילה: „פאטער אונזער“.

אויך די לעצטע תורה פון דעם אידישען גייסט וועגען לעבען און טויט, די פילאזאפיע פון ספינאזא, האט גארנישט צו טהאן מיט יענער אטאמיסטישער אונשטערבליכקייט, וועלכע לעזט אויף דאס אייניגע לעבען ספירטואליסטיש אדער מאטעריאליסטיש, און וואס איהר העכסטער רעליגיעזער און מאראלישער פרינציפ איז דער עגאיסטישער פרינציפ: יעדערער פאר זיך. קיין פאלק איז ניט אזוי ווייט פון דיעזען עגאיזם, ווי דאס אידישע. ביי די אידען איז דאס העכסטע פרינציפ די סאלידאריטעט 1). אין די פרקי אבות ווערט ערקלערט יענע בורזשואזנע מאראל, לויט וועלכער יעדער איינצעלנער שטעהט נאר פאר זיך, פאר א שלעכטע מדה 2). ביי ספינאזא, ווי ביי אלע אידישע הייליגע, שטעהט ניט דער פרט אבגעטיילט פון כלל. — די אייביגקייט הויבט זיך ניט אן, לויט ספינאזא, נאך דעם טויט, נאר זי שטעהט, ווי גאט, שטענדיג פאר אונז.

נאר וועניגע האבען אין זיך דעם גייסט, וועלכער האט בעגייסטערט די אידישע הייליגע. יעדערער וויל האבען זיין שטיקעל אונשטערבליכקייט פאר זיך אליין. דער אחרית הימים איז נאך ווייט, אבער אמאל וועט דער הייליגער גייסט פון אונזער פאלק ווערען דער אוצר פון דער גאנצער מענשהייט. אמאל וועט די גאנצע ערד ווערען א טעמפעל, וואו עס וועט רוהען גאט׳ס גייסט. דער מלכות הרוח, וועלכער איז אנגעזאגט געווארען בנבואה אין

דער תורה, איז אריבערגעטראָגען געוואָרען אמאָל אויף דעם עולם הבא. ספינאָזא האָט דער ערשטער פערשטאַנען דעם מלכות הרוח אַלס א געגענווערטיגען. ער עקזיסטירט שוין, אָבער אַלס א ליב־טיגע שפּראָצונג דערוויל. כדי דיעזע שפּראָצונג ווייטער צו ענט־וויקלען צו סאָציאַלע שעפּפונגען, ארבייטען דייטשלאַנד, פראַנק־רייך און ענגלאַנד. — דייטשלאַנד האָט אויסגעטראָטען דעם וועג פון פילאָזאָפיע; דעם וועג פאַר סאָציאַל־פּאָליטישע איבערקעהע־נישען האָבען אויסגעטראָטען די פראַנצויזען פאַר אַלע נאַציאָנען זייט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן; דער פּאָרטשריט פון דער אינדוסטריעלער ארבייט געהט ארויס פון ענגלאַנד.

די אידען האָבען שוין זייט לאַנגער צייט דערפיהלט, דאָס דער קאַמפּף פון די פעלקער, וועלכע קעמפּפען צוזאַמען מיט פראַנקרייך פיר זייער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, איז זייער איי־געגער קאַמפּף, און זיי האָבען זיך אומעדום אָנגעשלאָסען מיט בעגייסטערונג אן די פּאָליטיש־סאָציאַלע בעוועגונגען. — עס איז געקומען די צייט, רופט צו אידען א פראַנצויזישער דעמאָקראַט, דאָס איהר זאָלט א קלער טאָן וועגען אייך זעלבסט און אָנהויבען ארבייטען פאַר אייער אייגענער ווידערגעבורט³). איינס שליסט אָבער גאָרנישט אויס דאָס אַנדערע. ווען איך ארבייט פאַר די וויע־דעראויפלעבונג פון מיין אייגען פאָלק, האָב איך זיך ניט אָבגעזאָגט דערפאַר פון מיינע אַלמענשליכע בעשטרעבונגען. די היינטיגע נאַציאָנאַלע בעוועגונג איז נאָר א נייער שפּרונג אויף דעם וועג, וועלכען די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן געהט זייט איהר אָנפאַנג. דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט זייט דער רעוואָלוציאָן גערופען אַלע פעלקער צו הילף. אָבער די פעלקער זיינען געבליבען על פּי רוב טויב צו דיעזען געשריי, זיי האָבען צוגעהערט זיך מעהר צו דעם רעאקציאָנערען ליארעם אין זייערע אייגענע לענדער. — היינט פערטויבט דיעזער ליארעם אין איינינע טיילען פון דייטשלאַנד העכסטענס דאָס פאָלק, וועלכעס איז אריינגעשווינדעלט געוואָרען אין א ווילדער בעגייסטערונג פאַר זיינע קעניגען און קריעגס־פיהרער. אַלע אַנדערע פעלקער פערשטעהען פראַנקרייך'ס רוף. דיעזער רוף איז דערגאַנגען אויך צו מיין אַלטען פאָלק, און איך וויל פעראייניגען מיין שטימע מיט דער פראַנצויזישער, כדי צו

וואַרענען וועניגסטענס מיינע ברידער אין דייטשלאַנד גענען דיעזען רעאַקציאָנערען ליאַרעם.

אַנמערקונגען.

1) די אידישע סאָלידאַריטעט: כל ישראל ערבים זה בזה, ווערט אויך אויסגעדריקט דורך קידוש השם.

2) פערגלייך נאָטע 5, וואו עס זיינען ביים שלום אַנגעגעבען די פיער מיינונגען פון פרקי אבות וועגען מיין און דיין. די בור־זשואזנע מאָראַל ווערט דאָרטען קריטיקירט אויף אזא אופן: האומר שלי שלי ושלך שלך זו מדה בינונית ויש אומרים זו מדת סדום.

אן אנדער אויסשפרוך אין אבות, וועלכער ווערט אויסגעדריקט פערקעהרט אין אבות דרבי נתן, פערזאָגט: מיר זאָלען ניט זיין ווי קנעכט, וועלכע דיענען פאר לוין, נאָר ווי קינדער, וועלכע טהוען די געטליכע ארבייט אוים עהרפורכט פאר דעם פאָטער פון אלע בעשעפענישען.

בנוגע צו דעם גלויבען אין אונשטערבליכקייט איז דיעזע לעהרע גלייכגילטיג (פערגלייך עפילאָג 3).

3) פערגלייך: „נייע אָריענטאַלישע פראגע" אין עלפטען בריעף.

4) פערגלייך עפילאָג 6.

פיערטער בריעף.

דער דייטשער אידען־האס. — פאטריאָטישע ראמאנטיקער און פילאָזאָפי־רענדע בוכהענדלער. — אטטא וויגאנד. — בערטאלד אויערבאך. — מאָלעשאָט. — דר. גאַלאָוואַרדין. — די רעפאָרם און די אידישע נעז. — א פאָטאָגראַפישער פאָרטרעט. — העברעאישע תפלות. — פאָט־ריאָטיזם. — מיין גראָספאטער. — די מאָמע רחל. — נאַציאָנאַלער טרויער. — שבת חזון.

די דייטשע בילדונג קען הפנים ניט מאַכען שלום מיט דער אידישער נאַציאָנאַלער אידעע. — וואָלט איך ניט געלעבט אין פראנקרייך, וואָלט עס מיר ניט קומען אויף דעם געדאַנקען מיך צו פעראינטערעסירען פאר די ווידעראויפלעבונג פון אונזער

נאציאָן; אזוי זיינען דאָס אונזערע אָנשויאונגען אָבהענגיג פון דער ארומיגער געזעלשאפט. יעדעס פאָלק ווי יעדער אינדיווי־דואום האָט זיין ספעציאליטעט. יעדער מענש אזוי ווי יעדעס פאָלק איז אפילו אַ פּאָליטישע, אָדער בעסער געזאָגט אַ סאָציאלע חיה; אָבער אין דער סאָציאלער וועלט האָט דאָך יעדערער זיין בעזונדערען בערוף, און דער דייטש איז צופיעל אַן אוניווערזעלער פילאָזאָף, דאָס ער זאָל זיך קענען באמת אינטערעסירען פאר נאציאָ־נאלע שטרעבונגען.

„די גאנצע טענדענץ“, אזוי האָט מיר געשריבען מיין אמאָלי־גער פערלעגער אַטטאַ וויגאנד, ווען איך האָב איהם פאָרגעלעגט דיעזען בוך, „איז געגען מיין מענשליכע נאטור.“

די „ריין מענשליכע נאטור“ פון דעם דייטש איז די נאטור פון דער ריין דייטשער ראַסע, וועלכע איז אין דער טעאָריע אפילו אַלמענשליך, אין פּראקטישען לעבען אָבער עגאָיסטיש. די שנאה פון דעם דייטש געגען די אידישע נאציאָנאלע שטרעבונגען האָט אַ דאָפּעלטען גרונד. די אַלמענשליכע שטרעבונגען פון דעם דייטש זיינען געגען נאציאָנאלע שטרעבונגען. געגען אידישע נאַ־ציאָנאלע שטרעבונגען האָט דער דייטש נאָך אַ בעזונדערע ראַסען־אנטיפּאטיע. דערזעלביגער דייטשער פערלעגער, וואָס זיין „ריין מענשליכע נאטור“ האָט אַ פיינדשאפט געגען שריפטען פאר די אידישע נאציאָנאליטעט, דרוקט אָהן יעדע פיינדשאפט שריפטען געגען דאָס יודענטום, און נאָר אויס דעם אָנגעבאָרענעם ראַסען־אנטאגאָניזם.*) דער דייטש האָט אָבער ניט קיין קלאָרען בעוואוסט־זיין וועגען זיינע ראַסען־פאָראורטיילען. ער זעהט אין זיינע עגאָיס־טישע ווי גייסטיגע שטרעבונגען נאָר „אַלמענשליכע“ טענדענצען; ער ווייס אָבער ניט, דאָס מיט די גייסטיגע שטרעבונגען לעבט ער אין דער טעאָריע, מיט די עגאָיסטישע אין דעם פּראקטישען לעבען.

אויך די געבילדעטע דייטשע אידען האָבען נענוג מאָטיווען, פאר וואָס זיך אָבצואווענדען פון די אידישע נאציאָנאלע שטרע־בונגען. — מיין אלטער ליעבער פריינד בערטהאָלד אויערבאַך איז אקוראט אזוי געגען מיר, ווי מיין אלטער פערלעגער,

*) נאָטע 3.

אבוואַהל אמת פון אַ גאַנץ אַנדערען גרונד. ער מאַכט מיר שווערע פאָרווירפען און רופט אויס: „ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ ריכטער איבער אונז 1)?" דער דייטשער איד זוכט צוליעב דעם ארומיגען אידען־האַס אראָבצואוואַרפען פון זיך אַלעס אידישע און פערלייקענען זיין ראַסע. קיין רעפאָרם פון דעם אידישען קולט איז דעם געבילדעטען דייטשען איד ניט ראַדיקאַל גענוג. אפילו די טויפע ערלעזט איהם ניט פון דעם אידען־האַס. די דייטשען האַסען די רעליגיאָן פון די אידען וועניגער איידער זייער ראַסע, זייער גלויבען וועניגער איידער זייערע נעזער. — ניט די רעפאָרם, ניט דער שמד, ניט די עמאַנציפּאַציאָן עפענען דעם דייטשען איד פאָלשטענדיג די טויערען פון סאָציאַלען לעבען. זיי זוכען דערפאַר צו פערלייקענען זייער אָבשטאַמונג. — מ אַ ל ע ש אָ ט דערצעהלט אין זיין פיזיאָלאָגישען סקיצען־בוך (זייטע 257) וועגען דעם זוהן פון אַ געטויפטען איד, וועלכען מען האָט ניט געקענט אָוועקשלעפּען פון שפּיעגעל, וואָרים ער האָט געוואָלט אַלץ מאַכען גלאַט מיט אַ קעמעל זיינע געקרייזעלטע האָר. — אָבער אזוי וועניג ווי די ניט־נאַציאָנאַלע רעפאָרם האָט דערגרייכט איהר צוועק, אזוי וועניג קענען די אידען פערלייקענען זייער אָבשטאַמונג. די אידישע נעזער וועלען ניט רעפאָרמירט ווערען, און די אידישע געקרייזעלטע האָר וועלען ניט ווערען גלאַט. די אידישע ראַסע איז אַן אָריגינעלע. דער אידישער טיפּ איז געבליבען דערזעלביגער אין לויף פון יאָהר־טויזענדען.

„אויף דער מערב'דיגער בערג־וואַנד אין טעבען אין מצרים, וועלכע איז די קברים־שטאָדט, זעהט מען דעם קבר פון אַ דירעקטאָר פון די קעניגליכע בויטען, אויף וועלכען עס זיינען דאַרגעשטעלט די פערשיעדענע ארבייטען. עס ווערען דאָרטען אָבעליסקען אויפגעשטעלט, פּאַלאַצען געבויט, ציעגעל געפאַרבט, שטיינער געשלעפּט. אַן אויפזעהער שטעהט מיט אַן אויפגעהויבענעם שטעקען. דער קבר איז, לויט די אויפשריפטען, פאַרטיג געמאַכט געוואָרען אין דער צייט פון משה, און אין די אזיאַטישע שקלאַפען דערקענט מען דעם אידישען טיפּ 2)." אויף עגיפּטישע מצבות פון שפּעטערע צייטען וועיזען אונז אידען, וועלכע זיינען מערקווירדיג עהנליך צו די היינטיגע.

דאָס אידישע פאָלק וואָלט שוין לאַנג אין זיין גלות אונטערגע־גאַנגען, ווען ניט די קראַפט פון דעם אידישען טיפּ. — ווען דאָס יודענטום האָט צו פערדאַנקען זיין אונשטערבליכקייט צו זיין רעלי־גיעזען געניוס, האָט דער רעליגיעזער געניוס צו פערדאַנקען זיין אונשטערבליכקייט צו דער פרוכטבאַרקייט און דער קראַפט פון דער אידישער ראַסע. — אזוי ווי אמאָל אין דער געפאַנגענשאַפט פון מצרים, אזוי איז אויך היינט אין דעם דריטען גלות ריכטיג דאָס וואָרט:

וכאשר יענו אותם כן ירבו
ותמלא הארץ אותם.

דאָס די אידישע ראַסע ווערט ניט פערניכטעט אין געמישטע הייראַטען, דערפאַר קען איך נאָך ברענגען אַ ביישפּיעל. פון גע־מישטע חתונות צווישען אינדאָ־גערמאַנען און מאָנגאָלען קומט ארויס מעהר דער מאָנגאָלישער טיפּ. די רוסישע אדעליגע, וועלכע האָבען אריינגענומען אין זיך נאָר ווייניג מאָנגאָלישעם בלוט, האָבען אַ מאָנגאָלישען טיפּ. צווישען מיינע סאָציאַליסטישע פריינד געפינט זיך אַ רוסישער אדעליגער, וועלכער האָט אַן אינדאָ־גערמאַ־נישען גייסט אָבער אַ מאָנגאָלישעם אויסזעהן. דיעזער פריינד האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּוילישער אידין, און די זיהן האָבען אלע אַ אידישען טיפּ.

איהר זעהט, מיין פריינדין, דאָס עס העלפט ניט די אידען צו פערלייקענען דורך די טויפע זייער אָבשטאַמונג. דער אידישער טיפּ קען ניט פערטיליגט ווערען.

דער אידישער טיפּ איז אָבער אויך זעהר נכר. — אפילו אין זיינע איידעלסטע פערטרעטער, וואו ער אונטערשיידעט זיך קוים פון דעם אלטען גריכישען טיפּ, אָבער איז נאָך פיעל איידעלער אין זיין נשמה־אויסדרוק און זיין זיטליכען ערנסט, טראָגט ער אויף זיך די חתימה פון דעם עלטעסטען אדעל פון די וועלט־היסטאָרישע פעלקער. — איך בין געוואָרען זעהר פערוואונדערט, ווען איך האָב אויף מיין רייזע דורך אנטווערפּען געוויזען דאָס אייך בעקאַנטע שעהנע פאָטאָגראַפישע בילד צו אַ קענער פון קונסט, וועלכער האָט, בעוואונדערענדיג די הערליכע געשטאַלט, אויסגערופען: איך וועט זיך, אַז דאָס איז אַ אידין.

די אידישע ראַסע, וועלכע איז צושטרייט אין דער גאַנצער וועלט, האָט די גרעסטע פעהיגקייט זיך צו אַקלימאַטיזירען. אַזוי ווי דאָס אידישע פאָטערלאַנד, פּאַלעסטינאַ, ברענגט ארויס נאָרד־ליכע און זיעדליכע פּרוכטען, אזוי קען אויך געדייהען דיעזעס פאָלק אונטער אַלע קלימאַטען. — אַ פראַנצויזישער דאָקטאָר, גאַלאַ־וואַרדין, האָט בעוויזען דיעזעס פיזיאָלאָגישע פענאָמען אין זיין ווערק: Position des Juifs dans le monde.

אַזוי ווייניג ווי איך קען האָבען אַ פאָראורטייל געגען מיין אייגענער ראַסע, אַזוי ווייניג קען איך זיין געגען די הייליגע שפּראַך פון אונזערע אבות, וועלכע מען וויל פון אומעדום פערדרענגען. — די העברעאישע תפילות האָבען מיך שטענדיג דערהויבען. עס קלינגט פון זיי דער אָבקלאַנג פון טויזענדע גענעראַציאָנען. זיי מאַכען שטענדיג אַן איינדרוק אויף דעם, וועלכער פערשטעהט זיי.

די אידישע תפילות זיינען קאָלעקטיווע תפילות פיר דאָס גאַנצע פאָלק. דער פרומער איד איז פריהער פאַר אַלץ אַ אידישער פאַטריאָט. דער „ניימאָדישער" איז ניט נאָר אַן אָבטריניגער אין רעליגיעזען זין, נאָר אויך אַ פעררעטער פון זיין פאָלק, זיין ראַסע און פאַמיליע. — אויב עס וואָלט ווירקליך געווען אונמעגליך צו פעראייניגען די עמאַנציפּאַציאָן מיט דער אידישער נאַציאָנאַליטעט, וואָלט דער איד געדאַרפט אָפּפערען מיט דער עמאַנציפּאַציאָן. וועגען דיעזען פונקט דאַרף מען אפשר נאָך מעהר רעדען.*) דאָס דער איך דאַרף קודם כל זיין אַ אידישער פאַטריאָט, בעדאַרף מען קיין בעוויז ניט פאַר דעם איד, וועלכער האָט נאָר בעקומען אַן אידישע ערציהונג. דער אידישער פאַטריאָטיזם איז אַ נאַטירליך־אמת'ער געפיהל.

מיין גראָספאָטער האָט מיר געוויזען אַמאָל טייטלען און אָלי־ווען און האָט געזאָגט מיט אַ ליכטיגען בליק: „דיעזע פירות וואַקסען אין ארץ ישראל". אַלעס, וואָס דערמאָנט אָן פאַלעסטינאַ, ווערט פון פרומע אידען בעטראַכט מיט אַ געפיהל פון ליעבע און פערעהרונג; יעדען געשטאָרבענעם ווערט געגעבען אין קבר אַבי־סעל ארץ־ישראל ערד, כדי דער טויטער זאָל זיך ניט דאַרפען

*) נאָטע 4.

קייקלען אין ארץ ישראל צו תחית המתים. דיעזער מנהג, אזוי ווי דער געברויך פון לולב און אתרוג, איז מעהר איידער א רעליגיעזער מנהג אדער אבערגלויבען. דער גאנצער אידישער רעליגיעזער קולט איז געגרינדעט אויף דעם אידישען פאטריאָטיזם. אונזערע „רע־פאָרמאטאָרען" ווייסען דאָס זעהר גוט.

ספינאָזא האָט נאָך געהאַלטען דאָס יודענטום פאר א נאַציאָן, און האָט געזאָגט (ענדע פון דריטען קאפיטעל פון „טעאָלאָ־גישען טראקטאט"), דאָס די אויפריכטונג פון דער אידישער מלוכה הענגט אָב נאָר פון דעם מוטה פון אידישען פאָלק. אפילו מענדעל־סאָן ווייס נאָך גאָרנישט פון א קאָסמאָפאָליטישען יודענטום.

יע, מיין פריינדין, וואָס אונזערע גערמאנישע רעפאָרמאטאָרען זאָלען דאגעגען ניט זאָגען: די אידישע רעליגיאָן איז אידישער פאטריאָטיזם. איך דערמאָן זיך מיט טיעפער גערידהרטקייט אָן אלע טרויעריגע סצענען, וועלכע איך האָב געזעהן אין הויז פון מיין גראָספאָטער אין באָן, ווען עס פלעגט קומען תשעה באב, די דריי וואָכען, די ניין טעג און דער שבת חזון.

מיין גראָספאָטער האָט ניט געלעבט פון רבנות, האָט אָבער געהאַט די קענטניסען און דעם טיטעל פון א רב. דעם גאנצען יאָהר פלעגט ער נאָך די טעגליכע געשעפטען ביז האלבער נאכט שטודירען דעם תלמוד און זיינע מפרשים. נאָר אין די ניין טעג פלעגט ער אָנשטאָט גמרא פאָרלעזען פאר זיינע אייניקלעך די אגדתות וועגען חורבן ירושלים. דער שנעע־ווייסער באָרד פון דעם אלטען מאָן פלעגט ווערען בענעצט מיט טרערען. אויך מיר קינדער פלעגען זיך ניט קענען איינהאלטען פון געוויין. בעזונדערס ווען עס פלעגט דערצעהלט ווערען, ווי די מאמע רחל איז אויפגע־שטאנען פון איהר קבר און האָט געקלאָגט אויף איהרע אונגליקליכע קינדער 3).

איהר זעהט דאָ נאָך אמאָל דייטליך דעם קוואל פון דעם אידי־שען גלויבען אין אונשטערבליכקייט; ער איז א פראָדוקט פון אונ־זער פאמיליען־ליעבע. אונזער גלויבען אין די אונשטערבליכקייט געהט אין דער פערגאנגענהייט ביז צו די אבות, אין צוקונפט ביז צו מלכות המשיח. — פון דער אידישער פאמיליע איז ארויסגע־

וואקסען דער לעבעדיגער גלויבען אין די שטענדיגקייט פון דעם גייסט אין דער געשיכטע.

דיעזע הערליכע בלום פון יודענטום איז פערדארט געוואָרען אין דעם גלויבען אין די אונשטערבליכקייט פון דער איזאָלירטער זעעלע, ווען דיעזע בלום איז אראָבגעפאַלען פון איהר וואָרצעל און איהר שטאם. נאָר אין דער אידישער פאמיליע האָט זיך לעבעדיג ערהאַלטען דער גלויבען אין די שטענדיגקייט פון גייסט אין דער געשיכטע. און ווען דער מאָדערנער דואַליזם פון מאטעריע און גייסט האָט געפונען ביי דעם לעצטען קריסטליכען פילאָזאָף קאר־טעזיוס זיין העכסטען אויסדרוק, האָט זיך ווידער פון יודענטום אויפגעהויבען דער גלויבען אין די אייביגקייט פון דער נאטור און דער געשיכטע.

ווי דער קריסטליכער דואַליזם איז צושלאָגען געוואָרען טעאָ־רעטיש דורך ספינאָזא'ן, אזוי ווירקט דאָס אידישע פאָלק דאגעגען דורך זיין געזונדעס מוסטערהאפטעס פאמיליען־לעבען. — יעצט שוין קען מען זעהן דעם גוטען איינפלוס פון דער אידישער פאמי־ליע אויף ליטעראטור, קונסט און וויסענשאפט. ווי וועט זיך דאָך אלץ נאָך ענדערען, ווען מיר וועלען האָבען אונזער פאָלקס־געשיכטע און נאציאָנאל־ליטעראטור, ווען די תורה וועט ארויסגעהן פון ציון און גאָט'ס וואָרט פון ירושלים 4).

אָנמערקונגען.

1) אויערבאך שרייבט מיר אין העברעאיש: מי שמך לאיש שר ושופט עלינו. אויערבאך לייקענט ניט די בערעכטיגונג פון מיינע אידישע סימפאטיען אלס פערזענליכע שטימונג, וועלכע איז איהם ניט פרעמד געבליבען. ער וויל אָבער ניט, דאָס מען זאָל עס אָפען אויסשפּרעכען. דאָס, זאָגט ער, איז אקוראט ווי „אונטערצינדען" דאָס אידישע הויז.

2) „סיני און גלגתא", פון פ. א. שטראוס, ז. 69.

3) ירמיהו, ל"א, ט"ו.

4) מיכה ד' א'; ישעיהו ב' ב'. דאָס איז אַ נבואה, וועלכע קומט אָפטמאָל פאָר ביי די פערשיעדענע נביאים, און ציהט זיך דורך אונזער גאַנצע געשיכטס־רעליגיאָן.

פינפטער בריעף.

צוריקבליק. — געשעהעניסען פון דמשק. — א שמערץ־געשריי. — ממזור בלבול. — העפ העפ. — פלוכט אין פראנקרייך. — א דייטשער עתר־ליכער מאַן. — גערמאנישע פאטריאָטען. — זשעפערסאן. — פאַטערלענדער און מלכים. — וואו עס איז גוט, דאָרט איז דאָס פאַטערלאנד. — דאס אידישע אינקאָגניטא. — די רעליגיאָן פון טויט. — טראג הויך דיין פאָהן, מיין פאָלק.

גלויב איך ווירקליך אין די גאולה פון גלות? — איהר פרעגט עס און זאָגט, דאָס איך האָב זיך נאָך פריהער אויסגעשפּראָכען פיר די ערפילונג פון דעם אידישען משיח־גלויבען, אין מיינע צוויי שריפטען: „די הייליגע געשיכטע פון דער מענשהייט“ און „די אייראָפּעאישע טריארכיע“. איהר זייט גערעכט, ווען איהר דער־מאָנט מיך, דאָס איך בין פעראנטוואָרטליך אויף פיר מיינע אמאָ־ליגע אידעען. איך וויל אייך דערפאר פאָרברענגען איינינע כאראק־טעריסטישע מאָמענטען פון מיין פערגאנגענהייט.

מיט צוואנציג יאָהר צוריק, בעת דעם בלוט־בלבול פון דמשק, ראַמאָלסט שוין, אין מיטען פון מיין סאָציאליסטישער טהעטיגקייט, האָב איך דערפיהלט מיין צוגעהעריגקייט צו אַן עלענדעם פערלאָזע־נעם פאָלק און האָב שוין געוואָלט אויסדריקען מיין אידיש־פאטריאָ־טישעם געפיהל דורך א שמערץ־געשריי. דער געשריי איז אָבער אונטערדריקט געוואָרען אין מיין ברוסט דורך דעם גרעסערען שמערץ, וועלכען דער אייראָפּעאישער פראָלעטאריאט האָט אין מיר דערוועקט.

אנדערע פעלקער האָבען נאָר פארטיי־מחלקות; די דייטשען זיינען ניט אין שלום אפילו ווען זיי שטעהען אין דער זעלביגער פארטיי. מיינע אייגענע סאָציאליסטישע גענאָסען האָבען מיר געגעבען אַן אורזאכע צו ווערען אַן עמיגראנט, און נאָך דעם זיעג פון דער רעאקציאָן בין איך פון א פרייוויליגען עמיגראנט געוואָרען אַן אונפרייוויליגער. — א קורצע צייט נאָך דער פעברואר־רעוואָלו־ציאָן בין איך אוועקגעפאָהרען נאָך פראנקרייך. דאָ האָב איך דער־קענט דאָס פאָלק, וועלכעס איז געוואָרען דער קעמפּפער פאר אלע סאָציאלע שטרעבונגען.

נאָך נאַפּאָלעאָנ'ס איבערקעהרעניש בין איך אָבגעטראָטען פון דער פּאָליטיק און האָב זיך אָבגעגעבען אויסשליסליך צו נאַטור־וויסענשאַפט. דעם אַלטען יונג־העגעליאַנער ד״ר. אַרנאָלד רוגע, וועלכער האָט ניט געקענט מוחל זיין דעם „קאָמוניסטען־ראַבי מאָזעס" די אָבפּאַלונג פון דער „אידעע", האָבען אויסגעוויזען דיעזע מאַטעריאַליסטישע שטודיען ווי אַ שרעקליכע זאַך. — אַזעל־כען נאַטורוויסענשאַפטליכען מאַטעריאַליזם האָט ער אָנגערופען אימפּעריאַליזם, באָנאַפּאַרטיזם. — וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג עס איז פאַראַן צווישען נאַטורוויסענשאַפטליכע שטודיען און באָנאַ־פּאַרטיזם, דאָס האָט דער אַלטער רוגע ניט ערקלערט. איך האָב אָבער פון מיינע ראַסען־שטודיען בעקומען די איבערצייגונג פון דעם אונטערגאַנג פון יעדער ראַסען־הערשאַפט און פון דער אויפ־לעבונג פון די פעלקער. בעזונדערס האָט מיך מיין אייגענעם אידי־שעס פאָלק אָנגעהויבען צו אינטערעסירען. דער שמערץ, וועלכער איז דערוועקט געוואָרען דורך דעם עלילת־דם אין דמשק, איז געוואָרען יעצט אַ שטענדיגע ריכטונג פון מיין גייסט. איך האָב ניט מעהר געזוכט צו אונטערדריקען די שטימע פון מיין אידישען געוויסען; נאָר איך האָב פערקעהרט אָנגעהויבען צו פערפאָלגען איהרע שפּורען, און אָט וואָס איך האָב געפונען געשריעבען שוין אין מיינע אַלטע מאַנוסקריפּטען פון 1840 איבער די געשעהענישען פון דמשק.

„די אַרט און ווייזע, ווי דיעזע פערפאָלגונג ווערט אויפגע־נומען אין אייראָפּאַ און אפילו אין געבילדעטען דייטשלאַנד, דאַרף אַרויסרופען אַן איבערקעהרעניש אין יודענטום. זי בעווייזט נאָר, דאָס צווישען די מערב־אייראָפּעאישע אידען און די אייראָפּעאישע פעלקער זיינען נאָך פאַראַן שיידעווענד, ווי אין די צייטען פון דעם טרויעריגען רעליגיעזען פאַנאַטיזם. אונזערע ברידער, וועלכע ווילען צוליעב דער עמאַנציפּאַציאָן זיך און אַנדערע איינרעדען, דאָס די מאָדערנע אידען האָבען ניט קיין נאַציאָנאַלעס געפיהל, ווייסען מעהר ניט, וואו דער קאָפּ שטעהט ביי זיי 1). זיי פערשטעהען ניט, ווי אַזוי מען קען אין אייראָפּאַ אין נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט גלויבען איין אויגענבליק אין דעם בלוט־בלבול, אין דעם „ממזר־בלבול". פאַר אונזערע געבילדעטע דייטשע אידען איז דער אידען־האַס

שטענדיג געבליבען א רעטעניש. האבען דען די דייטשע אידען זייט מענדעלסאן ניט געשטרעבט צו זיין דייטשען און צו דענקען און פיהלען דייטש? זיינען זיי ניט געגאנגען אין דעם „בעפרייאונגס קריעג"? זיינען זיי ניט געווען דייטשע פאטריאטען און שונאים פון פראנקרייך? האבען זיי ניט נעכטען נאך געזונגען מיט ניקאלאס בעקער: „זיי זאלען איהם ניט האבען, דעם פרייען דייטשען רהיין"? האב איך ניט זעלבסט געמאכט די דומ־הייט און ניט אריינגעשיקט דעם פערפאסער א מוזיקאלישע קאמ־פאזיציאן פאר דיעזע „דייטשע מארסעליעזע"?

מיט מיר האט אבער פאסירט דאסזעלבע וואס מיט די דייטשע אידען בכלל נאך זייער פאטריאטישער בעגייסטערונג. דער דייטש האט אויף מיין פאטריאטישע צושריפט ניט נאר געענטפערט אין א זעהר קאלטען טאן, נאר האט נאך אויף דער אנדער זייט אויפ־געשריבען מיט א פערשטעלטער האנדשריפט: „דו ביזט א איד". איך האב בעקער'ס העפ־העפ אנגענומען פאר א פערזענליכע בעליידיגונג און האב איהם אויפגעשריבען א פאר בייסענדע ווער־טער, אויף וועלכע בעקער האט ניט געענטפערט. — יעצט וואלט איך ביי איהם אפשר גאר געבעטען מחילה. ער האט מיך ניט גע־וואלט בעליידיגען פערזענליך. מען קען ניט זיין א דייטשער שאווי־ניסט און א אידען־פריינד, אזוי וועניג ווי אן אנהענגער פון מלחמה און פאלקס־פרייהייט. דער דייטשער פאטריאט ליעבט אין זיין פאטערלאנד ניט דעם שטאאט נאר די ראסען־הערשאפט. ווי קען ער געבען די גלייכבערעכטיגונג צו אנדערע ראסען, ווען זי איז נאך אן אוטאפיע פיר די צאהלרייכע פאלקס־קלאסען אין דייטש־לאנד זעלבסט!

דער סימפאטישער פראנצויז אסימילירט יעדען פרעמדען ראס־סען־עלעמענט. אויך דער איד איז דארין א פראנצויז. דזשע־פערסאן האט שוין געזאגט בשעת דעם אמעריקאנישען בע־פרייאונגס־קריעג: יעדער מענש האט צוויי פאטערלענדער, זיין אייגענעם און פראנקרייך. — דער דייטשער אבער וויל בעזיצען פאר זיך אליין אלע זיינע פאטערלענדער און קעניגען. ער קען ניט אסימילירען, עס פעהלט איהם די ווארעמקייט.

זאלאנג דער איד האט אריבערגעטראגען אלע פערפאלגונגען

און ערנידריגונגען אלס א שטראָף פון גאָט און געהאָפּט אויף די גאולה, איז זיין שטאָלץ ניט צובראָכען געוואָרען. פאר די היינטיגע אויפגעקלערטע אידען איז אבער יעדע פאלשע אנקלאגע א שלאג געגען זייער עהרע. וואס העלפט זיי די עמאנציפאציאָן, וואס האָט עס פאר א ווערט, ווען א איד ווערט אפילו גאָר א מיניסטער, ווען דער נאָמען איד איז בערעקט מיט א פלעק, וועלכען יעדער נארישער אינגעל, יעדער פינסטערער שמיערער קען אויסבייטען מיט א זיכערען ערפאָלג.

זאָלאנג דער איד וועט פערלייקענען זיין נאציאָנאליטעט, ווייל ער וועט ניט וועלען מודה זיין זיין סאָלידאריטעט מיט אן אונגליקליכען פערפאָלגטען פאָלק, מוז זיין פאלשע שטעלונג ווערען אונערטרעגליכער יעדען טאָג. — צו וואס זאָל מען זיך נארען? — די אייראָפּעאישע פעלקער האָבען שטענדיג בעטראכטעט די עקזיסטענץ פון אידען צווישען די פעלקער אלס אן אבנאָרמיטעט. מיר וועלען שטענדיג זיין פרעמדע צווישען די נאציאנען, וועלכע וועלען אונז אפילו עמאנציפירען פון מענשען־ליעבע וועגען, אבער וועלען אונז קיינמאָל ניט אכטען, זאָלאנג אונזער פרינציפּ איז: דאָרטען איז דאָס פאטערלאנד, וואו עס איז גוט. — ניט קוקענדיג אויף די אויפקלערונג און עמאנציפּאציאָן וועט דאָך דער איד אין גלות, וועלכער פארלייקענט זיין נאציאָן, ניט בעקומען די אכטונג פון די פעלקער. — ניט דער אלטער פרומער איד, וועלכער וואָלט זיך גענבער לאָזען אויסרייסען די צונג, איידער פארלייקענען זיין נאציאָן, נאָר דער מאָדערנער איד איז דער פערעכטליכער, וועלכער פארלייקענט זיין נאציאנאליטעט, ווייל אויף איהר ליעגט די שווערע האנד פון שיקזאל. — די שענע פראזען פון מענשען־ליעבע און אויפקלערונג, מיט וועלכע ער ווארפט זיך ארום, כדי צו פערדעקען זיין פערראט אן זיינע אונגליקליכע פאָלקס־ברידער, וועלען איהם ניט שיצען פאר דעם אורטייל פון דער עפענטליכער מיינונג. — טוט אָן טויזענד מאסקען, פערענדערט די נעמען, די רעליגיאָן און זיטע, טרייבט זיך ארום גע'גנב'עטערהייט אין דער וועלט, כדי מען זאָל ניט דערקענען אין אייך דעם איד; יעדע בעליידיגונג פון דעם אידישען נאָמען טרעפט אייך מעהר איידער דעם עהרליכען מאן, וועלכער איז מודה אין

זיין סאָלידאַריטעט מיט זיין פאַמיליע און שטעלט זיך איין פיר איהר כבוד."

*　*

*

איהר זעהט, מיין פריינדין, אזוי האָב איך געקלערט אין מי־טען פון מיינע קעמפּפען פאר דעם אייראָפּעאישען פּראָלעטאַריאַט. מיין גלויבען אין משיח'ן איז געווען דאַמאַלס, אזוי ווי היינט, דער גלויבען אין די ווידערראויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק. היינט, אקוראט ווי דאמאלס ווען איך האָב ארויסגעגעבען מיינע ערשטע ביכער, גלויב איך נאָך, אז דאָס קריסטענטום איז געווען א שריט אויף דעם וועג צו יענעם ערהאבענעם ציעל, וועלכען די נביאים האָבען געשילדערט אלס די ימות־המשיח. היינט, אקוראט ווי דאמאָלס, גלויב איך נאָך, דאָס דיעזע גרויסע עפּאָכע הויבט אָן זייט ספּינאָזא אויפצושטעהען אין גייסט פון דער מענשהייט. איך האָב אָבער קיינמאָל ניט געזאָגט, אז דאָס קריסטענטום איז דאָס לעצטע ווארט פון דער הייליגער געשיכטע פון דער מענשהייט, אָדער דאָס דיעזע געשיכטע האָט זיך געענדיגט מיט ספּינאָזא. — מיר זוכען יעצט א העכערע ערלעזונג, איידער דאָס קריסטענטום האָט אונז ווען געקענט געבען. — דאָס קריסטענטום איז געווען דער נאכטשטערן, וועלכער האָט נאָך דעם זונען־אונטערגאנג פון די אמאָליגע פעלקער געבראכט טרויסט און האָפנונג; עס האָט א ליכט געטאָן איבער די קברים פון די דער'הרג'עטע אמאָליגע נאציאָנען. די מיסיאָן פון דעם קריסטענטום, וועלכעס איז א רע־ליגיאָן פון טויט, האָט אויפגעהערט, וויבאלד די פעלקער האָבען ווידער דערוואכט צום לעבען. די געשיכטע פון די לעצטע דריי יאהרהונדערטען גיט אונז ביישפּיעלע דערפון אויף יעדען בלאַט. עס איז גענוג, ווען איך מאך אייך אויפמערקזאם אויף די יעצ־טיגע פּאסירונגען אין איטאליען. אויף די חורבות פון דעם קריסט־ליכען רוים הויבט זיך אויף דאָס ווידעראויפגעלעבטע איטאליע־נישע פאָלק. — אזוי ווי דאָס קריסטענטום אזוי האָט אויך דער מאָהאמעדאניזם געלערנט די רעזיגנאציאָן. זיי זיינען ביידע די אויפשריפטען אויף די מצבות, וועלכע דער באַרבאַרישער דרוק האָט געשטעלט אויף די קברים פון די נאציאָנען. — זאָלאנג די עסט־

רייכער הערשען אין איטאליען, און די טערקען אין פּאלעסטינא, האָבען דאָס איטאליעניש פּאָלק און דאס אידישע ניט געקענט ערוואכען צום לעבען. די סאָלדאַטען פון דער מאָרערנער ציוויליזאציאן, די פראנצויזען, צוברעכען די הערשאפט פון די בארבארען, זיי ווארפען אראב מיט זייערע ריעזען־הענד די מצבות פון די קברים, און די פעלקער לעבען אויף.

אין מזרח־אייראפא, אין רוסלאנד, פוילען, פּרייסען, עסטרייך, טערקיי, לעבען מיליאנען פון אונזערע ברידער, וועלכע בעטען צו גאָט פאר דער גאולת ישראל. זיי האָבען בעסער אויפבעוואהרט דעם לעבעדיגען קערנדעל פון יודענטום, די ידישע נאציאנאליטעט, איידער אונזערע ברידער פון מערב, ווי יכע ווילען אלעס ניי בעלעבען אין יודענטום, א חוץ די הויפּטזאַך, די האָפנונג אויף די גאולה. — צו יענע מיליאנען טרייע ברידער וואלט איך וועלען וואנדערן און צורופען צו זיי: טראָג הויך דיין פאָהן, מיין פּאָלק! אין דיר איז געבליעבען דער לעבעדיגער זאמען, וועלכער וועט נאָך בריינגען פרוכט, ווען די הארטע שאָלעכץ וועט צובראָכען ווערען, און ער וועט פערפלאנצט ווערען אין די קולטיווירטע ערד פון דער געגענוואַרט.

די פערגליווערטע אָרטאָדאָקסיע, וועלכע איז געווען בערעכטיגט ביז היינט, קען צובראָכען ווערען נאָר פון אינווענינ, פון דער קראפט פון דער אידישער נאציאָנאליטעט. נאָר פון דער נאציאָנאלער וויעדעראויפלעבונג וועט ציעהען דער רעליגיעזער געניוס נייע קרעפטען און וועט בעזעעלט ווערען פון דעם הייליגען גייסט פון די נביאים.

ביז יעצט אבער האָט זיך נאָך קיין קולטורפריינד, אפילו ניט מ ע נ ד ע ל ס אָ ן , איינגעגעבען צו צוברעכען די שאָלעכץ פון דעם ראביניזם, און ניט צו צושטערען דערביי דעם אינווענדיגען וועזען פון יודענטום און ניט צו פערניכטען זיין הייליגעם לעבען.

אָנמערקונגען.

1) די אלגעמיינע צייטונג פון יודענטום, וועלכע איז געוועהנליך ניט קולטורפיינדליך, האָט זיך דאמאלס בעקלאָגט: „איי־

ראָפּא האָט קיינמאָל ניט פערשפּארט צו די אָנהעננער פון דער איזראעליטישער רעליגיאָן א שמערץ, א טרער, א קרענקונג." וואָלטען אידען געוועזן נאָר א רעליגיעזע קאָנפעסיאָן, וואָלט דאָס געווען וואונדערבאר, בפרט בנוגע צו דייטשלאנד, וואו די אידען בעטייליגען זיך אזוי שטארק אָן דער קולטור. — די לעזונג פון דיעזען רעטזועל ליעגט דארין, דאָס אידען זיינען נאָך א פאָלק, א נ א צ י אָ ן , וועלכע ווערט פערלייקענט און פערלאָזען פון איהרע אייגענע קינדער, און וואס יעדער גאסען־אינגעל קען זי פערשפּאָטען, ווארום זי וואנדערט היימאטלאָז ארום אין דער גאנצער וועלט.

זעקסטער בריעף.

די איידעלע פערטרעטער פון דעם דייטשען גייסט. — פּאטריאָטישע אידען. — דער היסטאָריקער גרעץ. — מערסיער. — הערבסט און פריהלינג פון דער וועלט־געשיכטע. — שבתי צבי. — חסידים. — נאטור־רעליגיאָן און געשיכטס־רעליגיאָן. — די אידישע מוטער. — וויקטאָר הוגא. — בערנע, ברוך איטציק.

איהר געפינט, דאס מיין אורטייל איבער די דייטשען און די שטעלונג פון די געבילדעטע דייטשע אידען צום אידישען פאָלק איז א ביסעל צו אבסאָלוט. אונטער די דייטשען, זאָגט איהר, זיינען פאראן אויך עכט הומאנע גייסטער, און אונטער די פּראמינענטע געבילדעטע אידען זיינען פאראן פיעלע, וועלכע בעהויפּטען זייער רעליגיאָן און פאָלק.

איך גיב דאָס צו. מיר קען ניט קומען מֶעהר אויף דעם זין, אָבצולייקענען ביי דעם גייסטיג הויך שטעהענדען דייטשען פאָלק די גייסטיגע קראפט, זיך אויפצוהויבען איבער די ראסען־פּאָראורטיילען. א פּאָלק, וועלכעס האָט ארויסגעבראכט מענער ווי לעסינג, הערדער, שילער, העגעל, הומבאלד, מוז האָבען די פעהיגקייט זיך אויפצוהויבען אויף די העכסטע שטופע פון מאָראל.

איך דערמאָן זיך דערביי אָן א ביישפּיעל, וועלכער בעווייזט דעם כח פון דעם דייטשען גייסט איבער ראסען־פּאָראורטיילע, וועלכעס מיר האָט דערצעהלט ל ו ד ו ו י ג ו ו י ה ל.

איהר האָט געוויס געהערט מכח ה ע ק ע ר , וועלכער האָט

געשפּיעלט אַזאַ גרויסע ראָליע אין דעם רעוואָלוציאָנס־יאָהר 1848. העקער, אַ ריינער דייטש, איז געווען אַ בעקאַנטער ליבעראַל אין באַדען. לכתחילה האָט דיעזער ליבעראַל געשטורעמט געגען דעם אידישען „שונא“. העקער האָט פערעפענטליכט אין פ ר א נ ק־ פ ו ר ט ע ר ז ש ו ר נ א ל א גאַנצע צאָהל אַנאָנימע אַרטיקלען ג ע ג ע ן ד י א י ד י ש ע ע מ א נ צ י פּ א צ י אָ ן.

דערזעלביגער העקער האָט אָבער איינינגע יאָהר שפּעטער פאַר־געשלאָגען אין באַדען און אַנדערס צו דעם פּעראייניגטען בערלינער פּאַרלאַמענט לטובת פון דער אידישער עמאַנציפּאַציאָן. ווען מען האָט איהם דערמאָנט זיינע פריהערדיגע אידען־פיינדליכע איבער־ציינגונגען, האָט ער געענטפערט, דאָס די פּרינציפּען פון רעכט און הומאַניטעט האָבען ביי איהם מנצח געווען.

די דעמאָקראַטען פון 1848 האָבען איבערגעיאָגט די ראָמאַנ־טיש־פּאַטריאָטישע חברה פון דעם בעפרייאונגס קריעג, ווי י אָ ה ן, א ר נ ד ט און חברותא. איך גלויב אָבער אויפ׳ן גרונד פון מיין לאַנגיאָהריגער ערפאַהרונג, דאָס דייטשלאַנד איז סאָציאַל נאָך שטאַרק אָבגעשטאַנען פון די ראָמאַנישע פעלקער. אין דייטשלאַנד מוז נאָך אויסגעקעמפּפט ווערען דער לעצטער ראַסען־קאַמפּף, איידער די דייטשען וועלען דורכגעדרונגען ווערען פון סאָציאַלער און הו־מאַנער בילדונג אַזוי ווי די ראָמאַנישע פעלקער.

נאָך מעהר גיב איך צו אייער אָבשוועכונג פון מיין אורטייל בנוגע צו די געבילדעטע אידען פון מערב־איירופּא. איצט פיהלט זיך אויך אין יודענטום אַן אָבשוועכונג פון דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, וועלכער, ווי ר ו ס א האָט זעהר ריכטיג געזאָגט, ליעבט די מענשען פון דער ווייט, כדי ניט מחויב צו זיין צו ליעבען זיי פון דער נאָהענט. עס ווערען אומעדום דערוועקט בעסערע, נאַטירלי־כערע און געזינדערע געפיהלען. אין אַמעריקא ענטשטעהען יעדעס יאָהר נייע אידישע געמיינדען, אין פראַנקרייך אָרגאַניזירט זיך די חברה כל ישראל חברים, אין דער דייטשער און פראַנצויזישער ליטעראַטור האָבען שריפטשטעלער ווי ק א מ פּ ע ר ט, ס ט ר א ו־ ב ע ן, ו ו י י ל, ב ע ר נ ש ט י י ן אָנגעהויבען צו שילדערן דאָס אידישע לעבען. אין דער ליטעראַטור פון יודענטום האָט גרעץ דורך זיין ג ע ש י כ ט ע פ ו ן י ו ד ע נ ט ו ם דערוואַרעמט די הערצער פון אונזער פאָלק פאַר זיינע העלדען און מאַרטירער.

פריהער שוין האָט ג א ב ר י ע ל ר י ע ס ע ר דעם נאָמען „איד“ געשטעלט אן דער שפּיץ פון א צייטשריפט, וועלכע האָט פערטיידיגט אונזערע פּאָליטישע און בירגערליכע רעכט *). אויך ד ר. ל ו ד ו י ג פ י ל י פ ז אָ ן האָט שוין לאנג קיין מורא ניט אָנצורופען דאָס קינד ישראל ביי זיין ריכטיגען נאָמען. ל ו ד ו י ג ו ו י ה ל בעזינגט מיט זיין מוזע די גרויסע גע־שעהענישען פון אונזער אונשטערבליכער נאציאָן.

עס איז א צייכען פון דער צייט, ווען לודוויג וויהל׳ס „ועסט־אָסטליכע שוואלבען“, וועלכע זיינען מיט פופצעהן יאָהר צוריק געבליעבען אונבעמערקט אין דייטשלאנד, זיינען יעצט איבערזעצט געוואָרען אין פראנצויזיש און לענקען די אויפמערקזאמקייט פון דער פראנצויזישער פרעסע אויף די אידישע נאציאָן.

פּ י ע ר מ ע ר ס י ע ר, דער פראנצויזישער איבערזעצער פון די „שוואלבען“ גיט אין זיין א ב ה א נ ד ל ו נ ג ו ו ע ג ע ן ד ע ר א י ד י ש ע ר ל י ט ע ר א ט ו ר אן אורטייל איבער דיעזע ליטעראטור. אלס קריסט פערשטעהט ער אפילו דאָס יודענ־טום צו ספּיריטואליסטיש. דאָך ווייזט ארוים זיין אורטייל א גרעסערעס פערשטעהען פון דעם רוח ישראל, איידער די דייטשע היסטאָריקער, וועלכע פערפּאָלגען אונז מיט זייער אידען־האס ביז וויים אין די תורה אריין.

בעמערקענסווערט איז זיין אורטייל וועגען די נייע אידישע ליטעראטור, אין וועלכער ער זעהט א נעגענגיפט געגען די מאָדערנע ראָמאן־ליטעראטור. ער האָט א טעות, ווען ער האלט דעם קוואל, פון וועלכען די אידישע ליטעראטור איז ארויסגעקומען, פאר א ספּי־ריטואליסטישען. דאָס אידישע לעבען איז קיינמאָל ניט געוועזען ספּיריטואליסטיש. אפילו די איסיים זיינען ניט געוועזען קיין ספּי־ריטואליסטישע סעקטע, אזוי ווייניג ווי די ערשטע קריסטען. בשעת דיעזע סעקטע איז געוואָרען ספּיריטואליסטיש אין קריסטענ־טום, איז זי אבגעפאלען פון יודענטום. זי איז פון דאן אָן פער־שוואונדען פאָלשטענדיג פון יודענטום. יעדעס מאָל ווען עס טרעט אריין א ווענדע־פּונקט אין דער געשיכטע פון די היסטאָרישע פעלקער, ענטשטעהט א גרויסע בעוועגונג אין דעם פאָלק, וועלכעס

*) נאָטע 4.

איז דער טרעגער פון דער געשיכטסרעליגיאָן. דער איבערגאנג פון אלטערטום אין מיטעלאלטער האָט זיך געלאזט אָנזאָגען דורך די גרויסע שטורמען אין יודענטום, וועלכע האָבען בעשאפען דאָס יודענטום און די שפּעטער פערשוואונדענע אידישע סעקטען. אויך היינט אין דעם פריהלינגס־אָנקומען פון דער מענשהייט קומען פאָר בעוועגונגען אין יודענטום, פון וועלכע די וועלט וויים נאָך גאָר־נישט, אָבער וועלכע האָבען ניט קיין קלענערע בעדייטונג, ווי יענע בעוועגונגען פון אמאָל. אין דעם אָנהויב פון דער מאָדערנער צייט האָט אָנגעהאפּט די אידען פון מזרח און מערב א משיח־בעוועגונג, וואָס איהר פאַלשער נביא איז געווען ש ב ת י צ ב י און איהר אמת׳ער נביא ס פּ י נ אָ ז אַ. אויך די מאָדערנע צדוקים, פּרושים און איסיים, דאָס הייסט די רעפאָרמאטאָרען, אָרטאָדאָקסען און חסידים *) וועלען פערשווינדען אָהן א שפּור, ווען דאָס אידישע פאָלק וועט ווידער אויפלעבען. דאָס יודענטום לאזט ניט צו ביי זיך קיינע ספּיריטואליסטישע און מאטעריאליסטישע סעקטען. דאָס אידישע לעבען איז איינהייטליך, ווי זיין געטליכעס אידעאל, און איז געגען דעם מאטעריאליזם, וועלכער איז נאָר די אנדערע זייט פון דעם קריסטליכען ספּירטואליזם. איך רעד דאָ ניט פון פילאָזאָפישע סיסטעמען אָדער רעליגיעזע דאָגמאטען, ניט פון דער לעבענס אנשויאונג, נאָר פון לעבען, פון וועלכען זיי זיינען נאָר א פּראָדוקט. דאָס לעבען איז א פּראָדוקט פון דער ראסע, וועלכע בויט אויף איהרע סאָציאַלע אינסטיטוציאָנען נאָך איהרע איינגע־בארענע תכונות און נייגונגען. פון דיעזער געשטאלטונג פון לעבען וואקסט ארויס די לעבענס־אנשויאונג, וועלכע ווירקט אויף דאָס לעבען, אָבער נאָר פערענדערענדיג, און וועלכעס קען קיינמאָל ניט בעדייטענד ענדערן דעם אָריגינעלען טיפּ, וועלכער ענטשטעהט שטענדיג אויפ׳ס ניי.

איידער די גערמאנישע ראסען זיינען ארויפגעטרעטען אויף דעם שוי־פּלאַץ פון וועלטאָלטער, האָבען עקסיסטירט נאָר צוויי רעליגיאָנען, א נאטור־רעליגיאָן און א געשיכטס־רעליגיאָן. די ערשטע האָט געפונען איהר קלאסישען אויסדרוק אין גריכענלאנד, די צוויי־טע אין פּלשתנה. זייט דאָס אויפטרעטען פון די גערמאנישע ראסען

*) נאָטע 6.

האבעןביידע רעליגיאָנען אויפגעהערט. זייער שטעלע האָט פער־גומען די פערגעטליכונג פון דעם איזאָלירטען אינדיווידואום. דאָס קריסטענטום האָט געפונען ביי די נאָרדישע ראַסען אלס א נאטירלי־כע תכונה דאָס, וואָס ביי איהם זעלבסט איז געווען נאָר דער פועל יוצא פון דעם אונטערגאנג און דעם טויט פון די אלטע פעלקער; איך מיין יענע לעבענסאנשויאונג, וועלכע זעהט ניט אין דער נאטור און ניט אין דער געשיכטע אַן איינהייטליכען בונד, א געטליכעס לעבען, נאָר זעהט אומעדום נאָר איזאָלירטע עקסיסטענצען*).

זאָלאנג די גערמאנישע ראַסען האָבען געהערשט אין איירופּא, האָט זיך ניט געקענט ענטוויקלען קיין נאציאָנאַלעס לעבען. די „רע־ליגיאָן פון ליעבע“, אבגעטיילט פון דער רעליגיאָן פון נאטור און געשיכטע, האָט געהאַט אין אויג נאָר די אינדיווידועלע ערלעזונג. די פערגעטליכונג פון דעם אינדיווידואום האָט אויסגעאַרטעט צום סוף אין א איבערטריעבענעם פרויען־קולט, וועלכער רופט ארויס ביי אונזערע יונגע מערכען היינט נאָך אזוי פיעל סימפאטיען פאר דאָס קריסטענטום.

די אידען נאָר האָבען געהאַט דעם געזונדען זין, צו שטעלען די פרויען־ליעבע אונטער די מוטער־ליעבע. אלעקסאנדער וויל לאָזט זאגען א אידישע מוטער פאָלגענדע ווערטער: „דארף אַן עהרליכע אידישע מוטער זאָרגען וועגען ליעבע? די ליעבע איז א לאַסטערהאפטער געצענדיענסט. א אידין דארף נאָר ליעבען גאָט, איהרע קינדער און איהרע עלטערן.“ די אלטע באָבע ביי קאָמפּערט זאגט: „גאָט האָט ניט געקענט זיין אומע־דום, דערפאר האָט ער בעשאפען די מוטער“... „די מוטער־ליעבע איז אין אידישען ראָמאַן די באזיס פון דעם גאנצען פאמיליען־לעבען, זיין ליידענשאפט, זיין געהיימנים. דערזעלביגער טיפּ פון דער אידישער מוטער געפינט זיך אין אלע אידישע ראָמאַנען. איך זעה פאר מיר דאָס בילד פון דיעזער אידישער מוטער, איהר פנים איז פרעהליך אבער בלאַס; א מעלאַנכאָלישער שמייכעל שוועבט אויף איהרע ליפען; איהר טיעפעס אויג קוקט ווייט אין די צוקונפט.“

ווען איהר לעזט דיעזע ווערטער פון מערסיער, קלערט איהר

*) נאָטע 6.

געווים וועגען אייער אייגענע מוטער, אויך איך דערמאָן מיך דערביי אן מיין מוטער; איך האָב זי פערלארען אפילו אלס אינגעל פון פערצעהן יאָהר, אָבער זי איז מיר ביז צו דער לעצטער צייט יעדע נאכט כמעט געקומען אין חלום. בשעת איך בין געווען זיעבען יאָהר אלט, האָט זי מיר געזאָגט די ווערטער, וועלכע איך דערמאָן זיך נאָך ווי פון נעכטען. מיר זיינען שוין געלעגען אין בעט און איך האָב ערשט געענדיגט קריאת שמע. זי האָט צו מיר געזאגט מיט א בעגייסטערטער שטימע: „הער, מיין קינד, דו מוזט נאָר פלייסיג לערנען. מו״הריך איז איינער פון מיינע עלטער זיידעס, און דו האָסט דאָס גליק צו לערנען ביי דיין זיידען. עס שטעהט, דאָס וואו א זיידע מיט אן אייניקעל לערנען תורה, דאָרטען פערשווינדעט שוין ניט די תורה פון קינד צו קינד.״

די ווערטער פון מיין מוטער האָבען אויף מיר געמוזט מאכען א טיעפען איינדרוק, ווארום איך דערמאָן זיך אן זיי נאָך עד היום, אָבוואָהל איך האָב וועגען יענעם וואָרט מכח זיידע און אייניקעל קיינמאָל גאָרנישט ניט געהערט און ניט געלעזען.

יע, די קינדער זיינען דער צענטער, ארום וועלכען עס דרעהט זיך דאָס גאַנצע אידישע לעבען און ליעבען. די ליעבע איז אין דעם אידישען הארץ צו מעכטיג און צו אונענדליך, דאָס זי זאָל קענען בלייבען שטעהן ביים געשלעכט און ניט אויסברייטען זיך אויף די דורות פון צוקונפט. — ווייל דאס אויג פון דער אידישער ליעבע קוקט אזוי ווייט אין די צוקונפט, דערפאר זיינען געווען אזוי פיעל הייליגע נביאים צווישען אידען.

א פאָר פאָלק אָהן קינדער איז ביי אידען די שמערצליכסטע זאך. א מענש אָהן קינדער איז געגליכען געוואָרען צו א טויטען. נאָר די אידען קענען בעטען צו גאָט אין די ווערטער פון דעם גרעסטען פראנצויזישען ליריקער, וויקטאָר הוגא, גאָט זאָל פערהיטען צו זעהן „דאָס הויז אָהן קינדער“...

מיט דיעזען פערז, וועלכען מערסיער ציטירט, שליעס איך אָב דיעזע בעטראכטונג, וועלכע איך האלט פאר וויכטיג צוליעב דער וויעדערגעבורט פון אונזער פאָלק. אויב עס איז שוין א פרעהליכע ערשיינונג, דאָס פאָעטען און שריפטשטעלער טרעטען אויף פאר אונזער נאציאָן, איז עס נאָך בעסער, וואָס דאָס פראנצויזישע

פאָלק ווערט בעקאַנט מיט די אידישע פּאַטריאָטישע טענדענצען. וואָס וואָלט דאָס פראַנצויזישע פאָלק געראַפּט וועגען אונז קלערען, ווען אין דעם פעלקער־פריהלינג, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, וואָלט קיין פּאַטריאָטישער קול פון אונזער צד ניט דערגרייכט איהם? א דאַנק דעם פראַנצויזי־שען איבערזעצער פון די "שוואַלבען" איז דיעזע שאַנדע אַראָב פון אונז. אויב אפילו די אידישע פאָלקס־שרייבער און פּאָעטען האָבען ניט געערדט וועגען אונזער פּאָליטישער ווידערגעבורט, האָבען זיי דאָך געוויזען דער וועלט, דאָס אין דעם אויפגעקלערטען יודענטום זיינען נאָך פאַראַן פּאַטריאָטישע ערינערונגען, וועלכע קענען איבערגעהן אין טהאַט. איך צווייפעל ניט, דאָס יעצט וועלען אויפגעקלערטע אידען זיין אַקוראַט אזוי טעטיג פאַר די פּאָליטישע ווידעראויפלעבונג פון אונזער פאָלק, ווי אַנדערע האָבען געקעמפּפט אמאָל פאַר די עמאַנציפּאַציאָן פון אידען אין גלות. דער יונגער אידישער דור וועט זיך אַנשליעסען מיט בעגייסטערונג אן די אידישע נאַציאָנאַלע בעשטרעבונגען, און ווען די יוגענד וועט אויפשפּראָצען, וועט אויך דאָס פּערדאַרטע האָלץ זיך בעדעקען מיט די בלעטער און בלומען פון ישראל. ביז איצט אָבער, מיין ליעבע פריינדין, איז אין מערב־איראָפּעאישען יודענטום נאָך זעהר מעכטיג דאָס פערדאַרטע האָלץ פון דער אויבערפלעכליכער אויפקלערונג. דער גרעסטער טייל פון די דייטשע אידען שעמען זיך נאָך אַלץ מיט זייער רעליגיאָן און פאָלק, וויבאַלד זיי קומען אין בעריהרונג מיט דער איראָפּעאישער בילדונג. אונזערע אידישע דייטשע פּאַטריאָטען האָבען אָבער געהאַט א גרויסען טעות אין חשבון. עס האָט גאָרנישט ניט געהאָלפען מ י י ע ר ב ע ר'ן, ווען ער האָט שטענדיג אויסגעמיעדען אין ציטערניש צו בעאַרבייטען א אידישען שטאָף אַלס אָפּער. די אידען־פיינדליכע אויגסבורגער אַלגעמיינע צייטונג דערמאַנט זעלטען זיין נאָמען מייערבער, דאָס זי זאָל דערביי ניט צושרייבען: יעקב מאיר ליפּמאַן בעער! אויך דעם דייטשען פּאַטריאָט בערנע האָט עס ניט געהאָלפען, ווען ער האָט איבערגעטויפט זיין פאַמיליען־נאָמען ברוך. ער אַליין איז זיך מודה: „ווען מיינע געגנער קענען גאָרנישט ניט מאַכען מיט מיין בערנע", זאָגט ער ערגעץ וואו, „כאַפּען זיי זיך אָן אן מיין ברוך". איך זעלבסט האָב עס דורכגעמאַכט ניט נאָר ביי געגנער,

נאר ביי מיינע אייגענע סאציאליסטישע גענאסען, דאס זיי גע־ברויכען ביי יעדען פערזענליכען שטרייט דיעזען וואפען פון העפ העפ, וועלכער מאכט שטענדיג א ווירקונג אין דייטשלאנד. איך מאך זיי דעם געברויך פון דיעזען וואפען נאך בעקוועמער און נעהם אן פון היינט אן דעם נאמען משה, און בעדויער נאר, דאס איך הייס ניט א י ט צ י ק.

זיעבענטער בריעף.

דער רעפארם־שווינדעל און די קריטיקלאזע רעאקציאן. — לוטער און מענדעלסאן. — דער שליסעל צו דער רעליגיאן פון דער צוקונפט. — די דריי עפאכען פון אידישען געזעץ. — דער וויעדער־אויפבוי פון דער אידישער מלוכה.

אייער פראגע בעווייזט מיר, דאס איהר האט זיך אנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט דעם יודענטום. — איהר זייט ניט ראנגעגען, דאס אונזער נאציאן זאל ווערען א היסטארישע, איהר מיינט אבער, דאס איז נאר א שענער וואונש; דאס יודענטום עקזיסטירט זייט צוויי טויזענד יאהר שוין נור אין צושטרייטע פאמיליען. דער רע־ליגיעזער בונד איז דורך די בעריהרונג מיט דער קולטור צוריסען געווארען. די רעפארם האט עס געוואלט אביסעל פאררריכטען, האט אבער געמאכט נאך ערגער. מיט דער ארטאדאקסיע און דער רעאק־ציאן, וועלכע האלט די פוילישע שטריימעל פאר א הלכה למשה מסיני, קען מען דאך אודאי גארנישט ניט מאכען.

די פאלגע דערפון איז, ווי איהר מיינט, דער אינדיפערענ־טיזם, דער אבפאל פון יודענטום. מען קען קיינעם ניט מאכען פעראנטווארטליך דערפאר. די קראפט פון די פערהעלטניסע האט צושטערט דאס ארטאדאקסע יודענטום. — צו וועלכער געמיינדע, זאגט איהר, צו וועלכער סינאגאגע זאל מען זיך היינטיגע ציי־טען אנשליעסען? — זאלען מיר מאכען, אזוי רופט איהר אויס, אונזערע געבילדעטע אידען א פארוואורף, ווייל זיי האבען אנ־שטאט די שאלעכץ פון דעם ראביניזם געבראכט דאס ליכט פון דער וויסענשאפט?

ניין, ליעבע פריינדין, מיר ווילען קיינעם ניט מאכען פער־אנטווארטליך פאר א געפעהרליכען אבער דאך געזונדען און נויי־

טיגען קריזיס, וואס זיינע שלעכטע סימפטאָמען זיינען שוין פאַרי־בערגעגאנגען און וועלען זיך שוין נאָך אמאָל ניט איבער'חזר'ן. — דאָס יודענטום האָט איבערגעשטאַנען זיין לעצטע גרעסטע סכנה. — עס האָט געגנער ניט פון זייטען פון דער וויסענשאַפט אדער פון לעבען, נאָר פון די, וועלכע שטעלען זיך ארויס אלס זיינע פער־טרעטער.

איך בין וווייט דערפון צו אונטערשעצען די ארבייטען פון יענע אידישע געלערנטע, וועלכע דער היינטיגער אידישער דור האָט אלעס צו פערדאנקען, בילדונג, רייכטום, שטעלונג און פאָרטשריט, און וועלכע האָבען געהאָלפען אויפהאלטען די ריינע אידישע פאַ־מיליע. — יענע געלערנטע און לעהרער זיינען די יורשים פון אונ־זערע פארצייטיגע רבנים, וועלכע האָבען אין די צוויי טויזענד יאהר פון גלות געשיצט דאָס יודענטום. ווען זיי געהען אפילו, אקוראט ווי אונזערע דיכטער, מיט דעם אלגעמיינעם שטראָם, דארף נאָר צוקומען אן אויסערליכע סבה, כדי זיי זאָלען ווערען אידי־שע פאַטריאָטען, ווי זיי זיינען דאס יעצט אין הארצען. א סכנה איז געווען פאר דאָס יודענטום פון זייט פון די רעפאָרמאטאָרען, וועלכע האָבען מיט זייערע צערעמאָניען און אָבגעשטאַנענע דרשות אויסגעזויגען פון יודענטום דעם מארך, און האָבען איבער־געלאָזען פון דיעזער גרויסאַרטיגער ערשיינונג פון דער וועלטגעשיכ־טע ניט מעהר ווי א סקעלעט. זיי האָבען ניט געוואָלט אויפהויבען דאָס יודענטום אויף די הויכקייט פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט און פערשענערען און פעראיידעלן דעם אלטען רעליגיעזען קולט. זיי האָבען נאָר געוואָלט דורכפיהרען א טויטע רעליגיאָנס־רע־פאָרם, וועלכע שטאַמט פון אן אַנדערער רעליגיאָן, און וועלכע האָט ניט דעם קלענסטען אינהאַלט ניט אין דער מאָדערנער וועלט און ניט אין דעם נאַציאָנאַלען יודענטום. — איך פערשטעה דעם ווערט פון דער רעליגיעזער רעפאָרם פון ל ו ט ה ע ר אין דער קריסטליכער צייט, און די עסטעטישע רעפאָרם אין מ ע נ ד ע ל־ס אָ ן 'ס צייט אין דער אידישער וועלט. יענע רעפאָרמאטאָרען האָבען דורכאויס ניט געוואָלט אָנריהרען דעם היסטאָרישען יסוד פון א קולט, וואס מען קען ניט אויסקלערען בכונה א נייעם אויף זיין פלאץ. אונזערע היינטיגע רעפאָרמער אבער ווילען דיעזען

יסוד זעלבסט רעפארמירען: זייער רעפארם האט נאר דעם נעגא־טיווען זין, פעסטצושטעלען דעם אונגלויבען און דעם נא־ציאנאלען יסוד פון אונזער רעליגיאן. זיי האבען דערפאר נאר גע־שטיצט דעם אינדיפערענטיזם און דעם אבפאל. אויב דאס יודענ־טום איז ניט מעהר ווי א דאגמאטישע רעליגיאן, וואלט עס זיך גע־דארפט אויפלעזען אזוי ווי דאס קריסטענטום. די אידישע רע־פארמאטארען בעמיהען זיך אבער נאר אויסצושיידען אלץ פון דער לעהרע און דעם קולט, וואס דערמאנט אן די אידישע נאציאנא־ליטעט. זיי דוכט זיך אויס, דאס אן אייגענער פאבריצירטער סדור, אין וועלכען א פילאזאפישער טעאיזם איז אויסגעדריקט אין שירים און מוזיק־נאטען, דאס אזא סדור איז ריהרענדער, איידער די אלטע העברעאישע תפילות, וועלכע דריקען אוים דעם שמערץ וועגען דעם פערלארענעם פאטערלאנד, און וועלכע זיינען נאך היינט דער בונד, וואס פעראייניגט אלע אידען אויף דער גאנצער ערד.

אונזערע רעפארמאטארען האבען געוואלט מאכען פון דעם נא־ציאנאלען און הומאנעם יודענטום א צווייטעס קריסטענטום נאך דעם ראציאנאליסטישען צושניט. דיעזער שאטען פון קריסטענטום איז אבער גאנץ איבריג, ווען דער אריגינאל גופא ליעגט שוין קראנק פון שווינדזוכט. — „די רעליגיאן פון דער צוקונפט“, פון וועלכער אייניגע פילאזאפען פון פאריגען יאהר־הונדערט און זייערע היינ־טיגע נאכאהמער חלומ׳ען, וועט ניט זיין קיין קאריקאטור פון דער געצענדיענערישער נאטור־רעליגיאן, ניט א שאטען פון דעם ניי־קריסטליכען און ניי־אידישען סקעלעט, וועלכער לעבט נאך ווי א דבוק אין די קעפ פון אונזערע רעפארמאטארען. יעדע נאציאן מוז האבען איהר אייגענע געשיכטס־רעליגיאן, יעדעס פאלק מוז ווערען, ווי דאס אידישע, — גאט׳ס פאלק.

די אידישע רעליגיאן קומט ניט אריין אין סכנה, אזוי ווי די קריסטליכע, דורך די הומאניטערע און נאציאנאלע שטרעבונגען פון אונזער צייט. עס איז א טעות, וועלכער שטאמט נאך פון קריסטענטום, דאס אין א דאגמאט ליעגט די גאנצע וועלט־אנשוי־אונג. — איך זאג ניט מיט מענדעלסאן, אז דאס יודענטום האט ניט קיין דאגמאט, איך זאג נאר, דאס זיין תורה איז קיינ־מאל ניט געוועזען פארטיג און פערגליווערט, דאס זי האט זיך שטענ־

דיג ווייטער ענטוויקעלט אויף דעם יסוד פון דער געטליכער איינ־הייט פון לעבען מיט דעם גייסט פון אידישען פאָלק און דער מענשהייט. די פרייע ענטוויקלונג פון דער תורה דורך לערנען און פאָרשען איז ביי דעם איד א הייליגער חוב. דאָס איז דער גרונד, פאר וואס דאָס יודענטום האָט קיינמאָל ניט אויסגעשלאָסען דאס פילאָזאָפישע דענקען, און פאר וואס קיין עכטען איד איז ניט געקומען אויפ׳ן שכל צו רעפאָרמירען דאָס יודענטום אויף דעם יסוד פון א פילאָזאָפישע וועלט־אנשויאונג. דערפאר זיינען אין יו־דענטום ניט ענטשטאנען קיינע סעקטען. — אויב אין דער לעצטער צייט זיינען ארויסגעטרעטען אין יודענטום אָרטאָדאָקסע און ניט־אָרטאָדאָקסע דאָגמאטיקער, זיינען דאָך אָבער ניט ענטשטאנען קיינע סעקטען, וורייל דאָס יודענטום האָט פּלאץ פיר יעדע פרייע גייסט־טיגע שעפּפונג. מיינונגס־פערשיעדענהייט וועגען מעטאפיזישע פראגען האָט שטענדיג עקזיסטירט ביי אידען. אין יודענטום זיי־נען נאָר פאראן אָבגעפאלענע, וועלכע האָבען זיך אין גאנצען אויס־געשלאָסען פון כלל ישראל.

„און אזעלכע זיינען שוין ניטאָ“, האָט מיר געענטפערט דאָ־רויף א רב, פאר וועלכען איך האָב אויסגעדריקט דיעזע מיינונג.

דאָס יודענטום אלס נאציאָנאליטעט האָט א נאטירליכען יסוד, וועלכער קען ניט ארויסגעשטויסען ווערען ווי אן אמונה. א איד געהערט נאָך זיין אָבשטאמונג שטענדיג צום יודענטום, אָבוואָהל ער אָדער זיינע אבות זיינען געוואָרען מומרים. דאָס קען קלינגען פּאראדאָקסיש, אין דער פראקטיק איז דאָס אָבער שטענדיג ריכ־טיג. אויך א געטויפטער איד בלייבט א איד, אָבוואָהל ער קען דאָ־געגען זיך וועהרען. היינט קען מען שוין מעהר ניט אונטערשיידען צווישען א גע׳שמד׳טען איד און א ניט־גע׳שמד׳טען. מיין פריינד ארמאן ל., וועמעס זיידע עס האָט זיך גע׳שמד׳ט, אינטערעסירט זיך מעהר פיר אידען, איידער פיעלע גע׳מל׳טע אידען, און גלויבט אין די אידישע נאציאנאליטעט מעהר, איידער די אויפגע־קלערטע רבנים.

דער איד איז מחויב ניט צו גלויבען, נאָר צו פאָרשען די תורה. דער פלאכער ראציאָנאליזם בעגניגענט זיך גרינג מיט דעם גלויבען. די דערקענטניס אָבער ענטוויקעלט זיך מיט דעם איינדרי־

ווירואום און דער מענשהייט, זי איז ניט איינמאָל פאר אלעמאָל פעסט און אָבגעשלאָסען. אין יודענטום האָבען געקאָנט זיך ענט־וויקלען פערשיעדענע לעבענסאנשויאונגען ; פאר דאָס שעפּפערישע יודענטום זיינען אלע דיעזע לעבענסאנשויאונגען נאָר פאָראיבערגע־הענדע מאָמענטען, וועלכע ענדערען זיך לויט אויסערע און אינווע־ניגע ערלעבניסען, אבער וועלכע שפּיגלען אלע אָב דעם אריגינעלען טיף און בעשאפען איהם סוף כל סוף אויפ׳ס ניי אלס א רייפע פרוכט פון לעבענסבוים.

די גרויסע דענקער און איידעלע חאראקטערען האָבען שטענ־דיג פערשטאַנען אויף אזא אופן די אידישע געשיכטס־רעליגיאָן; זיי האָבען זיך ניט איינגערעדט, דאָס זיי ווילען רעפאָרמירען דעם היסטאָרישען יסוד פון אונזער רעליגיאָן. — סעדיה גאון און דער רמב׳ם, ספּינאָזא און מענדעלסאָן זיינען ניט געוועזען קיין מומרים, אָבוואָהל די פרומאקעס האָבען זיי געוואָלט מחרים זיין, און האָ־בען זיי אויך מחרים געווען. — אויך אונזערע ראציאָנאליסטישע דאָגמאטיקער וואָלטען די ספּינאָזיסטען מחרים געוועזען און גע־בלאָזען אין שופר, ווען זיי וואָלטען געהאט די מאכט דערצו.

זייענדיג אונבעפריעדיגט פון דער ארטאָהאָקסיע און דער רע־פאָרם פרעגט איהר, אָן וועלכער חברה מען זאָל זיך יעצט אָנשליע־סען אין יודענטום? — איך וויים נאָר פון איין חברה, און דאס איז די אלטע אידישע שול, וועלכע עקזיסטירט נאָך און וועט נאָך עקזיסטירען, ביז עס וועט זיך פערווירקליכען די נאציאָנאלע אויפ־לעבונג פון דעם אידישען פאָלק. — ווען איך וואָלט געהאט א פא־מיליע, וואָלט איך, ניט קוקענדיג אויף מיינע אפּיקורסות׳שע גע־דאנקען, מיך אָנגעשלאָסען ניט נאָר אין עפענטליכען לעבען אָן א פרומע אידישע געמיינדע, נאָר אויך אין מיין פאמיליע געהיט אלע אידישע יום־טובים, כדי צו דערהאלטען לעבעדיג ביי מיר און מיינע קינדער די אידישע טראדיציאָן. איך וואָלט געוויס געהאָלפען צו פערשענערען די סינאגאָגע און וואָלט געטאָן פיר די וויסענשאפט־ליכע אויסבילדונג פון רבנים און לעהרער. איך וואָלט גענעבען מיין האנד צו רעפאָרמען, אבער צו גאנץ אנדערע, ווי עס ווילען דאָס אונזערע רעפאָרמאטאָרען. איך וואָלט ניט אָבגעשאפט קיין אלטע מנהגים, ניט פערקריפּעלט דאָס העברעאישע ווארט, ניט

פערקירצט די שבתים און יום טובים. די חזנים און זינגער דאַר־פען ניט זיין קיין טויטע אינסטרומענטען; די תפילות דאַר־פען געדאַוועגט ווערען פון פרומע לייט און קינדער, און דאַרפען בעפריעדיגען מעהר נאָך די פאָדערונגען פון רעליגיאָן איידער פון קונסט. די שול איז ניט קיין טעאַטער, און די חזנים זיינען עט־וואס אנדערעס איידער גוטע קאָמעדיאַנטען. וואָס עס קומט ניט פון הארץ, געהט ניט אין הארץ. — קורץ, איך וואָלט אלעס אונ־טערשטיצט, וואָס איז ניצליך פיר די דערהויבונג און בעלעהרונג פון דער געמיינדע. אין מיין אייגענער פאַמיליע וואָלט איך אָב־געהיט די טראַדיציאָנען, וואָלט אָבער ניט אָנגענומען קיינע רעליג־יעזע גלויבונגען און דאָגמאַטען.

דאָס וואָלט בעסער געדיענט דעם שלום אין די געמיינדען און דעם רעליגיעזען בעדירפנים, איידער די רעפאָרמען, וועלכע יעדער גייסטיגער גאָרנישט מאכט און וועלכע פערפרעמדען די נייע דורות פון יודענטום.

מען גיט אָב צו פיעל כבוד דער רעפאָרם, ווען מען רופט זי אָן א פרייע גייסטעס־ריכטונג. נעגאַטיוו איז יעדע קריטיק, אפילו א פרייע ריכטונג. די פאָזיטיווע פרייהייט אבער איז פרייע ענט־וויקלונג, און די ראציאָנאַליסטישע רעפאָרם, וועלכע פערלייקענט דאָס וועזען פון יודענטום, די נאַציאָנאַליטעט, קען ניט זיין שעפ־פעריש און דערפאַר קען זי ניט זיין פריי. פאַר די קריטיק פון דאָס אָבגעלעבטע האָט זי זעהר ווייניג אויפגעטאָן. אין דיעזער בעציהונג האָט אויפגעטאָן די רעוואָלוציאָנערע צייט און ניט די אזוי־אָנגערופענע רעפאָרמאטאָרען, די אידישע אדער די קריסטלי־כע. — די מאָדערנע געזעלשאַפט, וועלכע איז ארויסגעקומען פון דער רעוואָלוציאָן, איז א רעגענערירטע, זי רעפאָרמירט ניט, נאָר זי שאַפט נייעס. יעדע שעפפונג בעדאַרף עטוואס, פון גאָרנישט ווערט גאָרנישט. — דער זאַמען פון די צוקינפטיגע סאָציאַלע שעפפונגען ליעגט אין דער אידישער נאַציאָנאַל־הומאַניטערער רעלי־גיאָן. זאָלאַנג די אידען האָבען ניט פערשטאַנען דעם רעוואָלו־ציאָנערען כאראקטער פון דער נייער צייט, וועלכער איז אויך זייער תוכן, זיינען זיי ניט־פרייוויליג אריינגעריסען געוואָרען אין דיעזען שטראָם פון דער מאָדערנער געשיכטע. דערצו איז גאָר ניט

נויטיג געווען קיין רעפאָרם. אין פראנקרייך און אם ריין, וואו די מאָדערנע שטרעמונג איז שטארקער איידער אנדערסוואו, איז קיין רעפאָרם ניט געווען, אבער דער אידעאל פון די רעפאָרמאטאָרען, דער רעליגיעזער אינדיפערענטיזם, איז דאָרט דערגרייכט געווארען. די רעפאָרם האָט נאָר פעסטגעשטעלט דעם אונגלויבען, וועלכער האָט שוין פריהער עקזיסטירט, און פון דער נעגאציאָן געמאכט א פרינציפ. — מען וואָלט געקענט שענקען דער רעפאָרם דיעזען כבוד, ווען זי וואָלט זיך ניט וועלען דערבייי אויף ארויסשטעלען אלס א פּאָזיטיווען פרינציפּ און ניט פּרובען זיך אוועקשטעלען די תורת משה אלס די פיהרערין פון דעם בענייטען יודענטום, אין געגענזאץ צום תלמוד. דאס איז נאָך א בעשרענקטערער גע־זיכטספונקט, איידער דער ארטאָדאָקסישער, אָבצוזאָגען זיך פון תורה שבעל פה און אנערקענען נאָר די תורה שבכתב. דער געזיכטסט־פונקט איז דערבייי אויך דורכאויס ניט־היסטאָריש. ביז צום גלות בבל און די סופרים זיינען תורה שבכתב און תורה שבעל פה גאָר ניט געווען אָבגעטיילט איינס פון דאָס אנדערע. ווי די פאנאנ־דערשיידונג פון תורה שבכתב און תורה שבעל פה איז פאָרגעקומען, איז נאָך ניט גאָר קלאָר היסטאָריש, אבער דער גייסט פון די סופרים און אנשי כנסת הגדולה איז געווען אקוראט אזא פרייער, הייליגער און פּאטריאָטישער, ווי פון משה און די נביאים. יעדע בעפריי־אונג פון סאָציאל־פּאָליטישער קנעכטשאפט איז אויך א גייסטיגע בעפרייאונג און בעפרוכטונג פון דעם נאציאנאלען געניוס. די אי־דישע תורה האָט געהאט צוויי הויפּט־עפּאָכען, נאָך דער בעפריי־אונג פון דער עבודות מצרים און נאָך דער בעפרייאונג פון גלות בבל. די דריטע דארף ערשט קומען, דאָס איז די עפּאָכע נאָך דער בעפרייאונג פון דריטען גלות. — די בעדייטונג פון דער צווייטער עפּאָכע איז פון אונזערע רעפאָרמאטאָרען, וועלכע פער־שטעהען גאָרניט דעם שעפּפערישען געניוס פון דער אידישער נא־ציאָן, ווייניגער פערשטאנען געווארען, איידער פון די רבנים, וועל־כע האָבען געשטעלט עזרא'ן אזוי הויך ווי משה'ן. — די תורה שבכתב האָט ניט קיין הייליגערען אורשפרונג, איידער די תורה שבעל פה. פערקעהרט, פון דעם בית שני אָן איז די לעבעדיגע מסורה בעל פה בעטראַכט געוואָרען נאָך הייליגער, איידער די

געשריעבענע תורה. דאס איז אויך פערשטענדליך. דער נאציא־נאל־געזעצגעבענדער געניוס וואָלט אבגעשטאָרבען, ווען ער וואָלט זיך ניט בעשעפטיגט מיט דער לעבעדיגער ענטוויקלונג פון דער תורה. א דאנק דיעזער בעשעפטיגונג האָט דאָס יודענטום אויפ־געלעבט נאָך דעם גלות בבל און האָט זיך ערהאלטען אין גלות. איהם וועט עס אויך האָבען צו פערדאנקען זיין צוקינפטיגע נא־ציאנאלע אויפלעבונג.

דערפאר איז פערבאָטען געווארען צו שרייבען די תורה שבעל פה. וואָלט מען די תורה נאָר געלערנט בעל פה אין די שולען, וואָלט דאָס יודענטום ניט פערלאָרען זיין נאציאָנאַלען געניוס. אָבער מען האָט געמוזט אויפשרייבען די תורה שבעל פה, כדי זי זאל נים פערגעסען ווערען אין גלות. דיעזע סכנה איז היינט ניטאָ. פון דער אנדער סכנה פון פערשטיינערונג וועיכען מיר אוים דער־מיט, וואס מיר דערוועקען אין אונז געגען דעם פארמאליזם דעם גייסט פון קריטיק, געגען דעם ראציאנאליזם דעם הייליגען פאטריא־טישען גייסט פון אונזערע נביאים, געזעצגעבער און סופרים. מיר דארפען זיך בעשעפטיגען מיט אונזער פאָלקס־געשיכטע און דער־וועקען אין אונזער יוגענד וויעדער יענעם גייסט, וועלכער איז דער אורקוואַל, פון וואַנען עס האָבען געשעפט אונזערע נביאים. ווען מיר וועלען שעפען פון יענעם קוואל, וועלען אונזערע תלמידי חכמים בעקומען אין פאָלק די אויטאָריטעט, וועלכע זיי האָבען מיט רעכט פערלאָרען זייט דעם אויגענבליק, ווען זיי זיינען געווארען פרעמד צו דעם גייסט פון יודענטום און האָבען עס געוואלט רעפאָר־מירען צוליעב זייטיגע צוועקען. מיר וועלען בעקומען אין אונז די מאכט צו ענטוויקלען די תורה און צו רעפאָרמירען זי נאָך דעם בעדירפנים פון אידישען פאָלק. ווען עס וועט קומען דער סוף פון דעם אידישען גלות, דער וויעדעראויפבוי פון דער נייער אידי־שער מלוכה, וועט מען אונז געפינען ריכטיג פאָרבערייטעט.

אַנמערקונג.

1) ווען מען קען ניט מאכען פון די תפלות געזאנגביכער, בעגגינגענט מען זיך מיט וויינינגער. דר. הירש, ראבינער אין לוק־סעמבורג, האָט אין די י"ח ברכות המחזיר שכינתו לציון רעפאָר־

מירט אין שאותך לבדך ביראה נעבוד! — אנדערע רעפאָרמאטאָרען בעגניגענען זיך דערמיט, וואס זיי פערטרייבען די שענע תפלה יגדל פון שול, ווארום אויך אין דיעזער תפלה האָט דער משיח־גלויבען געפונען א פּאָעטישען אויסדרוק. — אקוראט ווי דיעזער גלויבען, וועלכער איז די נשמה פון יודענטום, וואָלט נאָר געוועזען ענטהאלטען אין דיעזע איינצעלנע תפלות און שירים און וואָלט ניט געוועזען דער תוכן פון דעם גאנצען אידישען קולט.

אכטער בריעף.

ניי אויפבליהענדע אידישע ליטעראטור. — לוצאטא, ראפאפארט, פראנקעל, קראכמאל. — זאקס און היינע וועגען יהודה הלוי. — מענדעלסאן און די נייאָדישע. — שאר. — סעקטירער אָהן סעקטען. — סאלוואדאָר. — רעליגיאָנס־צונויפמישער און פריימויורער. — הירש. — די בלומרשטע מיסיאָן פון אידען אין גלות.

איהר האָט א טעות, ליעבע פריינדין, ווען איהר גלויבט, דאָס נאָר אונזערע אזוי אָנגערופענע אויפגעקלערטע האָבען זיך בעקאָנט געמאכט מיט דער וויסענשאפט און דער קולטור פון דער צייט; דאָס אבער צווישען די פרומע אידען הערשט נאָך פינסטערניס, וועלכע איז אקוראט אזוי שעדליך פאר די וויעדעראויפלעבונג פון אונזער פאָלק, ווי דער מאָדערנער אינדיפערענטיזם. — זייט דער צייט, וואס איך האָב מיך געווידמעט דער זאך פון מיין פאָלק, בין איך פערזענליך און דורך זייערע שריפטען בעקאנט געווארען מיט פרומע לייט פון דעם עלטערען, אבער נאָך מעהר פון דעם אינגערען דור. דיעזע פרומע אידען שטעהען ניט אָב אין וויסענשאפטליכער און ליטערארישער בילדונג, פערשטעהען אבער בעסער צו ווירדיגען די נאציאנאלע פערגאנגענהייט און צוקונפט פון אונזער פאָלק, איידער יענע אויפגעקלערטע קעפּ, ביי וועלכע עס פעהלט דער פילאָזאָפישער גייסט און דער היסטאָרישער זין.

דאָס אָרטאָדאָקסע יודענטום האָט אין ענגלאנד, פראנקרייך, איטאליען, דייטשלאנד, אונגארן, פוילען, בעהמען אקוראט אזוי גוטע זיינע ליטעראריש־וויסענשאפטליכע פערטרעטער, ווי דאס אויפגעקלערטע יודענטום. צייטשריפטען און פילאָזאָפישע ווערק ווערען פון אונזערע פרומע ברידער ארויסגעגעבען זעהר אָפט אין לשון

קדש און זיינען דורכגעדרונגען פון דעם גייסט פון עכטער הומאַ־ניטעט, אַזוי ווי די נאַציאָן, צו וועלכער זיי געהערען. די העברע־אישע ליטעראַטור איז אין אונזער יאָהר־הונדערט פון נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, אַ דאַנק די אויסגעצייכענטע ארבייטען פון ל ו ־ צ אַ ט אַ, ר אַ פּ אַ פּ אָ ר ט, פּ ר אַ נ ק ע ל, ק ר אָ כ מ אַ ל א. ז. וו. דערוואַכט צו נייעם לעבען, און אויך די דייטשע געביל־דעטע ראַבינער בענוצען שוין די העברעאישע שפּראַך אין זייערע בריעף. אפילו דער פערשטאָרבענער ה אַ ל ד ה י י ם האָט דאָך זיין לעצטעם בוך געשריעבען אין לשון קדש, און ש אַ ר, וועל־כער איז אַזאַ שטאַרקער געגנער פון דער אָרטאָדאָקסיע, ווי האַלד־היים, גיט ארויס זיין צייטשריפט „החלוץ“ אין לשון קדש. דאָס נאַציאָנאַלע יודענטום האָט הפּנים שוין היינט בעקומען אַ גרויסען איינפלוס, ווען אפילו זיינע געגנער מוזען בעטרעטען דעם נאַציאָ־נאַלען באָדען, כדי מען זאָל זיי הערען!

לעזט דאָך די „רעליגיעזע פּאָעזיע פון די אידען אין שפּאַ־ניען“ פון דר. זאַקס. דיעזעס ווערק איז געשריעבען געוואָרען אין דעם איידעלסטען סטיל און וועט אייך איבערצייגען, דאָס גע־בילדעטע און דערצו פרומע אידען ווירקען פיעל בעסער אויף דאָס יודענטום, ווי די רעפאָרמאַטאָרען. די רעפאָרמאַטאָרען שפּיעגלען נאָר אָב דאָס קאַלטע געבאָרגטע ליכט פון דער אָבגעשטאָרבענער אסימילאַציאָנס־עפּאָכע אויף די חורבות פון דער פערגליווערטער אָרטאָדאָקסיע, אָבער זיי אליין טראָגען אין זיך ניט דאָס ליכט און ניט די וואַרעמקייט פון דעם נייען לעבען.

איהר ווייסט אפשר פון ה יי נ ע׳ ס ראָמאַנצערא דעם טראַ־גישען סוף פון אונזער אידישען פּאַטריאָט און הייליגען זינגער יהודה הלוי, פון וועלכען די מעשה דערצעהלט, דאָס ער איז גע־שטאָרבען אויף די חורבות פון ירושלים, וואוהין עס האָט איהם גע־טריעבען די תשוקה צו די ארץ אבותינו. — עס וועט אייך אינטע־רעסירען, זיך עטוואָס צו דערוויסען פון דעם לעבען און כאַראַקטער פון דיעזען פרומען זינגער, וועלכער האָט בערייכערט אונזער סדור מיט אַזעלכע הערליכע פּאָעזיען.

„ווער עס קען ניט“, אַזוי שרייבט דר. זאַקס, „טעאָרעטיש לעזען דאָס פּראָבלעם, ווי אַזוי אַ צושטרייטעס פאָלק קען האָבען אַ

נאציאנאליטעט און א היימלאָזעס פאָלק א פאטערלאנד, דער וועט געפינען די טאטזעכליכע פראקטישע לעזונג דערפון אין דער פער־זאָן פון דיעזען זינגער“.

איך קען דאָ ניט אונטערדריקען די בעמערקונג, דאָס די שפאַ־ניש־אידישע קולטור־עפּאָכע האָט פראקטיש געלעזט נאָך אַן אַנ־דערעס פּראָבלעם, דאָס פּראָבלעם ווי מען קען זיין צו דער גלייכער צייט א פאטריאטישער נאציאנאלער איד אין פולסטען זין פון ווארט, און דאָך זיך בעטייליגען אין דעם קולטורלעבען און שטאאטסלעבען פון לאנד, וואו מען איז א בירגער, אזוי דאס דיעזעס לאנד זאָל ווערען א צווייטעס פאטערלאנד.

„די תשוקה צו דער שטונדע פון דער גאולה“, אזוי שרייבט ווייטער זאקס, „איז, פערשטעהט זיך, ביי אלע שפאנישע פּאָעטען דער הערשענדער שטריך. פיעלע אבער ווערען געטריבען צו אזעל־כע האָפנונגען און ווינשען דורך די שווערע צייט, אין וועלכע זיי לעבען. ביי ר׳ יהודה הלוי אבער איז עס א קלאָרעס ליעבענדעס פערלאנגען, וועלכעס דריקט זיך אוים אמאָל קינדיש איינפאך, און אמאָל מיט פייערדיגער אינווענינגקייט. די ענערגיע און לעבעדיג־קייט, מיט וועלכער ער דריקט אוים דעם גלויבען אין די ערלעזונג פון זיין פאָלק, איז נאָך שטארקער דערמיט, ווייל אין דיעזע שירים קלינגט ניט אָב די שווערע געגענוואַרט, אזוי דאָס די משיח־האָפ־נונג איז ביי איהם ניט דאָס פערצווייפעלטע אנטלויפען פון א דונ־קעלער אומגעבונג אין ליכטיגע הימלען. ער האָט איז זיך די צו־פערזיכט, און די פרייד פון זיין גלויבען בעגייסטערט איהם“.

דיעזע זעלבסטגעוויסהייט און פרייד פון גלויבען דערמאָנט מיך וויעדער אָן מיין פרומען גראָספאטער. ווען מען פלעגט צו איהם רעדען מכח פּלאנען פון צוקונפט, פלעגט ער זיי צוריקווייזען מיט דער בעמערקונג, דאָס מיר דארפען אין גלות ניט מאכען קיינע פּלא־נען פון צוקונפט, ווארום די גאולה איז נאָהענט. מיין גראָספאטער איז ניט געוועזען קיין פּאָעט און ניט קיין נביא, נאָר א געשעפטס־מאן, וועלכער פלעגט ביי טאָג טאָן מסחר און ביי נאכט לערנען תורה, ווי איך האָב אייך שוין פריהער געשריעבען. — דאָס לער־נען תורה איז אין גלות געוואָרען דער הויפּט־טייל פון נאציאָנא־לען קולט. „דער בית מדרש“, זאָגט ער, „איז געווארען דער איינ־

ציגער מיטעלפונקט פון זעלבסטשטענדיגען לעבען און די תלמידי חכמים זיינען געווארען די טרעגער פון דער גייסטיגער „נ א צ י א־נ א ל י ט ע ט“. די סינאגאגע איז געווען א בית התפלה און א בית המדרש. זי רופט זיך דערפאר נאך עד היום ביי די דייטשע אידען „שול“. — דער אייגענטימליכער נאציאנאלער קולט, וועלכער בעשטעהט אין לערנען און אין דער בעאבאכטונג פון טויזענדע קליינע דינים, מיט וועלכע דאס יודענטום האט זיך ארומ־געצוימט, כדי צו בעשיצען זיין גאנצקייט אין גלות, אזוי ווי אמאל שוין געגען דעם העלעניזם, — דיעזע יוריסטיש־רעליגיעזע דינים, וועלכע דורכדרינגען דאס גאנצע לעבען פון אידען, ווערען פער־שפאטעט פון פוסטע קעפ. פון פוסטע קעפ, וועלכע פערשטעהען ניט דעם טיעף־פאטריאטישען זין פון דיעזע דינים, און וועלכע האלטען זיך פאר אויפגעקלעהרט, ווייל זיי האבען זיך אבגעווענ־דעט פון די פאלקסטראדיציאנען. עס איז נאך אלץ דאס אלטע אונגליק, וועלכעס האט זיך אנגעהויבען גלייך נאך מ ע נ ד ע ל־ס א ן און האט מענדעלסאנ'ען זעלבסט געקאסט גענוג שמער־צען. ווארום שוין אין דער צייט פון מענדעלסאן זיינען אויפ־געטרעטען יענע „ניימאדישע“, וועלכע מעסטען זייער אויפקלערונג נאך דעם גראד פון זייער אבפאל פון יודענטום און בעקומען צום סוף אין דעם טויפצעטעל א צייגניס פאר שטאאטס־שטעלען. — פון יענע ערשטע צייטען פון דער אידישער אויפבליהונג איז פא־ראן אן אנעקדאט, וועלכער איז כאראקטעריסטיש פאר יענער עפא־כע. א איד איז געקומען צו מענדעלסאנ'ען און האט זיך בע־ריהמט מיט די פילאזאפישע פעהיגקייטען פון זיין זוהן. אויף מענדעלסאנ'ס פראגע, אין וואס אייגענטליך האבען זיך די פעהיג־קייטען פון דעם זוהן אויסגעדריקט, האט דער גליקליכער פאטער געענטפערט, דאס דער זוהן לעגט שוין זייט פיעלע חדשים קיין תפילין ניט!

איהר ווייסט, דאס תפילין איז א מצוה מן התורה. די תורה פערזאגט, דאס מען זאל געדענקען די געטליכע לעהרע, און מען זאל זי אויפשרייבען איבער דער טיר, מאכען א סימן פון איהר אויף די עקען פון בגד, מאכען א סימן פון איהר אויף דער האנד און אויפ'ן שטערן צווישען די אויגען. מען געפינט ווירקליך אויף

די אלטע עגיפּטישע מאָנומענטען אידען מיט ציצית, א סימן, דאָס דער מנהג איז זעהר אלט. אויב אבער אפילו תפילין איז ניט אזא אלטער מנהג, ווי ציצית, אזוי ווי דאָס מיינט ש א ר, זיינען דאָך אבער יענער אויפגעקלעהרטער זוהן און זיין גליקליכער פאַטער אזוי ווייניג בעקאנט געווען מיט שאר׳ס פאָרשונגען, ווי מענדעלסאָן זעלבסט, וועלכער האָט געלעגט יעדען טאָג תפילין און אָבגעהיט אלע אידישע דינים און פיהרונגען. די אויפגעקלעהרטע תלמידים האָבען קיינמאָל ניט געקענט פערשטעהען מענדעלסאָנ׳ס טרייקייט צו אונזערע אלטע אידישע טראַדיציאָנען. מענדעלסאָנ׳ס שטעלונג צום ארטאָדאָקסישען יודענטום איז איבערהויפּט ניט געווען א פאָלגע פון זיין דענקען, נאָר די נאַטירליכע אויסשטרעמונג פון זיין אידישען געפיהל. זיין פיינער טאקט האָט עס ריכטיג געפיהלט, דאָס ווען מען זאגט זיך אָב פון די אידישע טראַדיציאנען, זאָגט מען זיך אָב פון יודענטום בכלל. מען קען די טראַדיציאנען ערקלערען און ארויסברענגען זייער ענטשטעהונג דורך היסטאָרישע קריטיק, אבער ניט אוועקוואַרפען זיי און פערשפּאָטען פון אינדיפערענטיזם און מאָדעיאָנגיש. — איהר, וועלכע ערקלערט די לעהרען און געבאָטען פון אונזערע חכמים פאר נארעשקייטען, זאָגט, וואָס וואָלט געווארען פון יודענטום און אידען, ווען זיי וואָלטען זיך ניט ביז צום טאָג פון זייער נאציאנאלער אויפלעבונג ארייגעשפּונען אין זייער תלמוד, כדי זיך ערשט שפּעטער נאָך זייער פאָלענדעטער גייסטיגער ווידערגעבורט ווי א שמעטערלינג אויפהויבען צו דער זון, לעבען אלע איבריגע פריגעוואָרענע נאציאנען? וואָלטען זיי זיך געקענט דערהאַלטען אכטצעהן הונדערט יאהר און וואָלטען זיי זיך געקענט בעטייליגען אין דער קריסטליכער און מאהאמעדאנישער רעליגיאן, וואָלטען זיי דען ניט לאנג שוין פערשוואונדען אלס נאציאן פון דער ערד, ווען זיי וואָלטען זיך ניט געשאפען אומעדום מיט זייער לעבענס־פיהרונג א הייליגען באָדען, נאָכדעם ווי זיי זיינען פערטריעבען געווארען פון הייליגען לאנד פון זייערע אבות?

עס פערשטעהט זיך, ווען מען עס פעהלט דער זין פאר געשיכטליכע ענטוויקלונג, יענעם איז עס גלייכגילטיג, אויב די אידישע נאציאן איז געבליעבען לעבען, אדער זי וואָלט אונטערגעגאנגען.

יענע גרויסע ארגאנישע שעפפונגג פון דער אידישער ליטעראטור, וועלכע איז דורך דריי יאהרטויזענדען ארויסגעוואקסען מיט אינ־וועגדיגער נויטוועגדיגקייט פון דעם נאציאנאלען וועזען פון יודענ־טום, זעהט אוים ביי אונזערע ראציאנאליסטישע קליינגייסטער, ווי אן איבערפליסיגע פלאנץ, וועלכע האט געדארפט גיך און ראדיקאל אויסגעווארצעלט ווערען, וויבאלד זיי זיינען געווארען קלוג. — דיעזע קארליקעס פון א ריעזען־גרויסער צייט ווייסען ניט, דאס זייער גאנצע עקזיסטענץ איז שוין היינט פעראלטעט. פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציאן, אין יאהרהונדערט פון דער „קריטיק פון דער ריינער פערנונפט“, איז דער ראציאנאליזם געוועזען בערעכ־טיגט. היינט, בשעת דער דאגמאטיזם איז שוין צובראכען געווא־רען, האבען מיר דאס בעדירפנים צו שאפען מיט אונזער פריי־געווארענעם גייסט, און זיך דערפאר צו פערבינדען מיט די שעפ־פערישע גייסטער פון אלע צייטען און ניט בלייבען פאראיינס ביי נעגאטיווער קריטיק, וועלכע האט פאר אונז קיין ווערט ניט. — דאס בעדירפנים צו נייע שעפפונגען פיהלען, פערשטעהט זיך, אויך די אידען, וועלכע זיינען אונפעהיג צו פערשטעהען דאס שעפ־פערישע אין דער התגלות פון דעם אידישען גייסט און קענען ניט ווייטער בויען אויף דיעזען יסוד. אין זייער גייסטיגער הילפלאזיג־קייט אבער כאפען זיי זיך אן אן אויסערליכע צערעמאניעלע מיט־לען, וועלכע פליעסען ניט פון דעם טיעפען לעבענסברונען פון אונ־זער נאציאן.

אין יודענטום, אזוי ווי אין דער גאנצער וועלט, זיינען פאראן צוויי ריכטונגען, וועלכע זיינען אפילו ענטגעגענגעזעצט, אבער וועל־כע שטאמען ביידע פון דעם בעדירפנים צו געפינען אביעקטיווע אמת'ן, און פון דער אונפעהיגקייט דיעזע אמת'ן צו בעשאפען. — איינינע קעהרען זיך דערפאר אום צו דעם אלטען קריטיקלאזען גלויבען, וועלכער האט אבער פערלארען ביי זיי דעם אמת'ן קריטיקלא־זען נאאיווען חאראקטער. — אין זייער פערצווייפעלטען פערלאנגען צו ראטעווען זיך פון ניהיליזם, פערבלייבען זיי אין בעוואוסט־זיניגען ווידערשפרוך מיט דער פערנונפט. דיעזע פערצוויי־פעלטע רעאקציאן, וועלכע טרעט אויף געגען די נצחונות פון דער פערנונפט און דער רעוואלוציאן, איז אין דער קריסטליכער וועלט

בעקאנט אלס סופערנאטוראליזם. אין דער אידישער וועלט ווערט זי פערטרעטען פון רבי ר פ א ל ה י ר ש אין פראנקפורט און אנדערע ווייניגער בעגאבטע גייסטער, אבער אויך פון פיעלע ריינע עם־הארצים און צבועים, וואס איהר קענט בלייבען אונבעקאנט מיט זייערע נעמען. — געגען דיעזע רעאקציאנערען האבען די נעגא־טיווע רעפארם־שטרעבונגען א געוויסע בערעכטיגונג אלס געגען־גיפט, אבוואהל דער אבסטראקטער שכל, אויף וועלכען די רעפארם שטיצט זיך, קען קיינמאל ניט פיהרען צום אביעקטיווען אמת. — דערפאר איז די גאנצע רעפארם אינדיווידועל צוריסען און צושפאל־טען. — די מאדערנע רעליגיאנס־רעפארמער און רעליגיאנס־פאב־ריקאנטען זיינען סעקטירער אהן סעקטען. יעדער פון אונזערע אי־דישע פראטעסטאנטען האט זיין אייגענעם שלחן־ערוך. פון דיע־זעם כאאס פון מיינונגען וועט זיך געוויס ענטוויקלען א נייעס לע־בען, וועלכעס הויבט שוין אן זיך ארויסצואווייזען ביי דעם יונגען דור פון אונזערע אידישע געלערנטע און וועלכעס וועט ברייגגען גאנץ אנדערע רעזולטאטען, איידער מען האט זיי ביז יעצט ערווארטעט צווישען די דייטשע קולטור־אידען.

אויך דאס פראנצויזישע יודענטום, אין וועלכען עס איז נאך ניט פארגעקומען קיין שפאלטונג צווישען רעפארם און ארטאדאק־סיע און וועט אויך להבא ניט מעהר פארקומען, איז דאך ניט גע־בליעבען פריי פון דער טענדענץ, צונויפצומישען די פערשיעדענע היסטארישע קולטען, וועלכע זוכט צו דערגרייכען איהר ציעל דער־מיט, וואס זי נעהמט אוועק פון די קולטען זייער היסטארישען און באמת תאראקטעריסטישען אינהאלט.

איהר האט שוין געוויס געהערט פון דזשאזעף ס א ל וו א־ד א ר, דער פערפאסער פון דעם ווערק: ג ע ש י כ ט ע פ ו ן די א י נ ס ט י ט ו צ י א נ ע ן פ ו ן מ ש ה א ו ן פ ו ן ד ע ם א י ד י ש ע ן פ א ל ק. ניט לאנג האט סאלוואדאר ארויסגעגעבען א ווערק אונטער דעם נאמען: פאריז, רוים, ירושלים, פון וועלכען איהר וועט, אגב אורחא, קענען זעהען, דאס אפילו צווישען אונזערע אויפגעקלעהרטע ברידער זיינען פאראן טרוי־מער פון דעם ווידעראויפבוי פון ירושלים און דעם בית־המקדש. אבער זייער נייער בנין פון ירושלים און דעם בית־המקדש וועט

ניט געפעלען ניט די פרומע און ניט די אויפגעקלעהרטע אידען און קריסטען. זייער נייער ירושלים דארף זיין די וועלט־הויפטשטאדט פון אלע רעליגיאנס־צונויפמישער. — סאלוואדאר מיינט נאך, דאס די אידען מוזען פריהער ווערען קריסטען, כדי דערנאך מאכען די קריסטען פאר אידען. דיעזע ארבייט האט זיך אבער שוין אנגע־הויבען מיט אכטצעהן הונדערט יאהר פריהער, און איז דערפאר ניט אזוי ניי, ווי סאלוואדאר מיינט. דאס יודענטום, וועלכעס סאלוואדאר האט זיך געמאכט אין זיין קאפ, איז, פערשטעהט זיך, אזוי ניי, ווי זיין קריסטענטום.

אנדערע רעליגיאנס־צונויפמישער, ווי מיין פריינד ה י ר ש פון לוקסעמבורג, ווילען בענוצען דאס פריימאורערטום, כדי צו־נויפצושמעלצען אלע היסטארישע קולטען. דער לוקסעמבורגער ראַ־בינער הירש, דער היפך פון דעם פראנקפורטער ראבינער הירש, האט אין זיינע אויסגעצייכענטע פארטרעגען, וועלכע ער האט גע־האלטען אין דער לוקסעמבורגער לאדזש און ארויסגעגעבען אונטער דעם נאמען: „די הומאניטעט אלס רעליגיאן" דערפיהרט דעם גע־דאנקען פון רעליגיאנס־צונויפמישונג ביז צום לאגישען סוף. די אידישע גלחים דארפען יעצט נאר צומאכען זייערע רעפארם־טעמפּ־לען און שיקען זייערע אידישע קירכען־קינדער אין דעם טעמפעל פון די פריימוירער. — די קאנסעקווענצען פון דער רעפארם האַ־בען, געגען איהר אייגענעם רצון, באמת געפיהרט אויף דיעזען וועג אלע די אידען, וועלכע האבען זיך גערעכענט ערנסט מיט די דרשות פון די אידישע פרעדיגער, ווי איהר ווייסט עס זעהר גוט אלס פראנקפורטער קינד. אומזיסט האט מען שפעטער אויסגעשמיקט די דרשות וועגען רעליגיאנס־פערמישונג מיט תלמודישע מאמרים און ווערטער, עס איז שוין געוועזען צו שפעט, און מען האט גע־מוזט פרעדיגען די דרשות פאר פוסטע בענק.

אונזערע אידישע ראציאנאליסטען, וועלכע האבען קיין גרונד ניט צו בלייבען אין יודענטום, אזוי ווי די קריסטליכע ראציאנאליס־טען האבען ניט קיין גרונד צו בלייבען אין קריסטענטום, זיינען אקוראט אזוי ווי יענע ערפינדעריש אין דער אויסקלערונג פון גרינ־דען פאר די ערהאלטונג פון א רעליגיאן, וועלכע האט פערלארען פאר זיי יעדען זין. — לויט זייער מיינונג איז דער ג ל ו ת פון אי־

דען די מ י ס י א ן פון יודענטום. — די אידען אין גלות דאר־
פען אלזא נאָך א סך זאכען בעזאָרגען! ערשטענס דארפען זיי
פערטרעטען דעם „ריינעם“ מאָנאָטעאיזם געגען דאָס קריסטענטום.
צווייטענס דארף דאָס „טאָלעראַנטע“ יודענטום לערנען דעם ניט־
טאָלעראַנטען קריסטענטום הומאניטעט. ווייטער דארף דאָס יודענ־
טום אין גלות זיך מיהען, דאָס די לעהרע און דאָס לעבען, וועלכע
זיינען אין קריסטענטום צוריסען, זאָלען זיך ווידער פעראייניגען.
— איז דאָס שוין אַלעס? ניין, די אידען זיינען אויך נויטיג
פאר די גוים, צווישען וועלכע זיי לעבען, צוליעב דער ענטוויקלונג
פון האנדעל און אינדוסטריע, און זיי טראגען אויך אריין גייסטיגע
אונרוהיגקייט. יע, איך האָב אפילו געהערט, דאָס די אינדאָ־
גערמאַנישע ראסע מוז פערבעסערט ווערען דורך די אידישע!

אָבער איהר דארפט וויסען, דאָס פון אַלע אמת׳ע און
אויסגעטראכטע טובות, וועלכע די אידען האָבען אין גלות גע־
בראכט דער ציוויליזירטער וועלט, וועט קיינע ניט געהען לאבוד,
ווען עס וועט זיין א אידישע מלוכה. ווארום אזוי ווי אין בית
שני זיינען ניט אַלע אידען צוריקגעקומען אין ארץ־ישראל, נאָר דער
גרעסטער טייל איז געבליבען אין דעם דאמאָליגען גלות, אזוי קע־
נען מיר ניט ערוואַרטען ביי דער צוקינפטיגער אויפלעבונג אַזאַ
וואונדער. איבריגענס דוכט זיך מיר, דאָס דיעזע אידישע טובות
פאר דער וועלט זיינען אביסעל איבערטריעבען. עס איז א פעראל־
טעטע זאַך, ווען מען גיט אידען מיסיאָנען, וועלכע זיי האָבען גע־
האט אין אַלטערטום, אפשר טיילווייז נאָך אין מיטעלאלטער, וועלכע
זיי קענען אבער געגענווערטיג מעהר ניט האָבען. — וואס אנבע־
טרעפט די איינהייט פון דער לעהרע און דעם לעבען, איז זי נאָר
מעגליך ביי א נאציאָן, וועלכע איז אָרגאניזירט אין א מלוכה און
פערווירקליכט זי אין די סאָציאַלע אינסטיטוציאָנען. — פון וועלכע
אידען פון גלות זאלען די היינטיגע קריסטען זיך אייגענטליך לערנען
טאָלעראנץ און מענשליכקייט? — ווען מען גיט די אידען די מי־
סיאָן, צו בעפרייען די וועלט פון פאנאטיזם און אבערגלויבען, מיינט
מען דאָס א ו י פ ג ע ק ל ע ר ט ע יודענטום. איז דען אבער דער
אויפגעקלערטער ק ר י ס ט ניט בערעכטיגט, צו ענטפערן דעם
אויפגעקלערטען איד דאָסזעלבע, וואָס ל ע ס י נ ג לאָזט זאָגען

אין זיין נתן דער חכם דעם אויפגעקלערטען קריסט צו דעם אויפגעקלערטען איד?

„וואָס עם מאכט מיך פאַר אייך א קריסט,
דאָס מאכט אייך פאַר מיר א איד".

אָדער וועו, פערקעהרט, דער אויפגעקלערטער איד זאָל קענען זאָגען צום אָרטאָדאָקסישען קריסט: דיין גלויבען איז אבערגלויבען, דיין רעליגיאָן איז פאנאטיזם, קען דאָך דער אויפגעקלערטער קריסט זאָגען עטוואָס עהנליכעס צום אָרטאָדאָקסישען אידען לטובת פון דער קריסטליכער רעליגיאָן! — אונזערע אויפגעקלערטע קולטור־אידען, וועלכע בעשולדיגען די קריסטען אין דעם בעגעהר צו פערפאָלגען, דענקען אקוראט אזוי, ווי בעטמאַן־האָלוועג, וועלכער מאכט דעמזעלבען פארוואורף צו די אידען. דורך אזעלכע ערקלערונגען ווערט די געשיכטע ניט געענדערט און ווערט ניט געשטערט אין איהר לויף.

פון אויפגעקלערטען שטאַנדפונקט זעה איך ניט קיין גרונד פאר די וייטערדיגע עקזיסטענץ פון יודענטום אדער פון קריסטענטום. — דער איד, וועלכער גלויבט ניט אין די נאציאָנאַלע אויפלעבונג פון זיין פאָלק, קען נאָר ארבייטען, אזוי ווי דער קריסט, פאר די אויפלעזונג פון זיין רעליגיאָן. איך פערשטעה, דאָס מען קען האָבען אזא מיינונג. איך פערשטעה אבער ניט גוט, ווי אזוי מען קען ארבייטען צו דערזעלביגער צייט פאר אויפקלערונג און פאר די „מיסיאָן פון יודענטום אין גלות", דאָס הייסט זיין בעגייסטערט פאר זיין אויפלעזונג און פאר זיין וייטערע ערהאַלטונג.

אַנמערקונג.

1) נאָכדעם ווי איך האָב געשריעבען דיעזע שורות, איז פיעלע מאָל אויסגעדריקט געוואָרען די מיינונג, אפילו צווישען די פּרומסטע אידען און קריסטען, דאָס דער אויפבוי פון א אידישער מלוכה איז מעגליך אויף א נאטירליכען אופן. (זעה נאָטע 10).

נײנטער בריעף.

א דילעמא. — הײליגע געשיכטע פון דער מענשהײט. — אונזערע בונדעס־גענאָסען. — אײנהײט פון מענשען־געשלעכט. — ראסען און פאלקס־טיפען. — ארגאניזם פון דער מענשהײט. — ארגאן פון ליעבע.

איהר שטעלט אויף א דילעמא, אדער מען מוז מיט דעם לוק־סעמבורגער הירש זעהען דאָס ציעל און דאָס וועזען פון יודענטום אין דער הומאניטעט, און דאן איז איהר מענשליכעס און ניט איהר נאציאנאלעס ציעל דאָס ווירדיגע, און דאן מוז דאָס יו־דענטום, ווי יעדע קירכליכע אדער שטאאטליכע פעראײניגונג, פער־שלונגען ווערען פון דער אלגעמײנער מענשהײט; — אָדער מען זעהט, אזוי ווי דער פראנקפורטער הירש, אין יודענטום די אײנציגע ערלעזונג, דאן קומט מען אריין אין א סתירה מיט די מאָדערנע הומאניטעטס־שטרעבונגען און מען האָט קײן רעכט ניט, אזוי ווענינ ווי דאָס אָרטאָדאָקסישע קריסטענטום, זיך צו ווענדען צו דער עפענטליכער מײנונג פון אונזער יאהרהונדערט.

ליעבע פרײנדין, איך מײן, דאָס מײנע געדאנקען געהערען צו א גאנץ אנדערע אָרדנונג פון אידעען. איך מײן, אז דאָס נאציאָ־נאלע וועזען פון יודענטום שליעסט ניט אויס די הומאניטעט און ציוויליזאציאן, נאָר פערקעהרט, די הומאניטעט איז איהר קאָנסע־קווענץ. ווען איך אונטערשטרײך אבער מעהר די נאציאנאלע וואור־צעל פון יודענטום, אײדער זײנע הומאנע בליטען, האָט עס דעם גרונד דארין, ווײל מען איז אין הײנטיגער צײט מעהר בערײט, צו זאמלען די שענע בלומען פון דער קולטור־געשיכטע און זיך מיט זיי אויסצושמיקען, אײדער צו קולטיווירען זיי אין דעם באָדען, אויף וועלכען זיי וואקסען. — פון דעם יודענטום איז ארויסגע־וואקסען אונזער הײנטיגע גאנצע הומאניטערע לעבענסאנשויאונג. עס איז גאָר נישט ניטאָ אין דער קריסטליכער מאָראל, אין דער סכאָלאסטישער פילאָזאָפיע פון מיטעלאלטער 1). אין דער מאָדער־נער פילאָזאָפיע, און אפילו ניט אין ספינאָזיזם, אין דיעזען לעצ־טען אויסדרוק פון יודענטום, אויך ניט אין דער מאָדערנער פילאָ־זאָפיע, וואָס די ווארצלען דערפון זאָלען זיך ניט געפינען אין יודענטום. דאָס אידישע פאָלק איז ביז צו דער פראנצויזישער

רעוואָלוציאָן געוועזן דאָס איינציגע פאָלק פון דער וועלט, וועלכעס האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַלען קולט צוזאַמען מיט אַ הומאַניטערען. דורך דאָס יודענטום איז געוואָרען די געשיכטע פון דער מענשהייט אַ הייליגע געשיכטע, דאָס מיינט, אַן איינהייטליכער, אָרגאַנישער ענטוויקלונגס־פּראָצעס, וועלכער הויבט זיך אָן מיט דער פאַמיליען־ליעבע און מוז זיך ענדיגען מיט דער מענשהייט־פאַמיליע, וואָס איהרע גלידער וועלען זיין אַקוראַט אַזוי סאָלידאַריש פערבונדען דורך דעם הייליגען גייסט, דורך דעם שעפּפערישען געניוס פון דער געשיכטע, אַזוי ווי די פערשיעדענע אָרגאַנען פון אַ לעבעדיגען קערפּער זיינען פערבונדען דורך די הייליגע, שעפּפערישע נאַטור־קראַפט. — זאָלאַנג קיין אַנדער פאָלק האָט נאָך ניט געהאַט דיעזען נאַציאָנאַל־הומאַניטערען געשיכטס־קולט, זיינען די אידען אַליין געוועזן דאָס פאָלק פון גאָט. זייט דער גרויסער רעוואָלוציאָן פון פראַנקרייך האָבען מיר געפונען אין דעם פראַנצויזישען פאָלק און די פעלקער, וועלכע שליסען זיך אָן צו דער פראַנצויזישער נאַ־ציאָן, איידעלע מיטקעמפּפער און טרייע גענאָסען. נאָך דעם נצחון פון דיעזע פעלקער איבער די מיטעלאַלטערליכע רעאַקציאָן וועלען די הומאַניטעטס־בעשטרעבונגען, אויב זיי זיינען נאָר ניט קיינע היפּאָקריטישע ווערטער, ווירקליך טראָגען בליטען און ברייננגען פרוכט. די אַנטינאַציאָנאַלע הומאַניטעטס־בעשטרעבונגען זיינען אָבער אַזוי אונפרוכטבאַר, ווי די אַנטיהומאַנע נאַציאָנאַלע טענדענ־צען פון דער מיטעלאַלטערליכער רעאַקציאָן. אין די אַנטי־נאַציאָנאַלע, טעאָרעטישע הומאַניטעטס־בעשטרעבונגען זעה איך מעהר אידעאַליזם, איידער רעאַליטעט. מען גיט אונז דאָ צו אָטע־מען ספּיריטואַליסטישען טשאַד און הומאַניסטישען כלאָראָפאָרם, אַזוי דאָס מיר ווערען גאַנץ פער'שכור'ט און אונעמפּפינדליך צו דעם שמערץ, וועלכען דער נאָך בעשטעהענדער אַנטאַגאָניזם פון דער גרויסער מענשליכער פאַמיליע רופט באמת אַרויס. דיעזער אַנטאַגאָניזם ווערט ניט בעזייטיגט דורך פריינדליכע פּרע־דיגטען. דערצו איז נויטיג אַ געשיכטליכע ענטוויקלונג נאָך געזע־צען, וועלכע זיינען אַזוי איביג ווי די נאַטור־געזעצען. אַזוי ווי די נאַטור פּראָדוצירט ניט קיינע **אַלגעמיינע** בלומען און פרוכ־טען, קיינע **אַלגעמיינע** חיות און פלאַנצען, נאָר פלאַנצען־

טיפען און חיות־טיפען, אזוי בעשאפט אויף דער שעפפער אין דער געשיכטע נאָר פ אָ ל ק ס ־ ט י פ ע ן. אין דער מענשהייט האָט זיך דער פּלאַן פון דער פלאַנצען־מלוכה און חיות־מלוכה פערענדיגט. אָבער די מענשהייט, אלס זעלבסטשטענדיגע לעבענס־ספערע, אלס די ספערע פון דעם ס אָ צ י אַ ל ע ן לעבען, שטעהט נאָך אין דער ענטוויקלונג. אין דער מענשהייט געפינען מיר אן אורשפּרינגליכע פערשיעדענהייט פון פאָלקס־טיפּען, וועלכע האָבען פריהער, אזוי ווי אין דער פלאַנצען־מלוכה, עקזיסטירט איינע לעבען די אנדערע, וועלכע האָבען זיך שפעטער, נאָך דעם פלאַן פון דער חיות־מלוכה בעקעמפפט און פערניכטעט, און וועלכע ווערען איצטער פריי, כדי צו לעבען אין פריעדען מיט איינאנדער, ניט פערלירענדיג דערביי זייערע טיפּישע אונטערשיידען. — די געזעצען פון דער וועלט־געשיכטע, איך מיין די געזעצען פון דער ג ע ש י כ ט ע פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט, פון דער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דעם קאָס־מישען, אָרגאַנישען און סאָציאַלען לעבען, זיינען נאָך וועניג דער־קענט געוואָרען. מיר האָבען איינצעלנע וויסענשאַפטען, אָבער נאָך ניט קיין וועלט־וויסענשאַפט. מיר ווייסען נאָך ניט דעם צוזאַמענ־האַנג פון דעם גאַנצען לעבען. אויף אזוי פיעל איז זיכער, דאָס דורך די צונויפמישונג פון די רעליגיאָנען, וועלכע האָט זיך שוין אייגענט־ליך אָנגעהויבען אין אמאָליגען רוים, איז ניט בעשאַפען געוואָרען קיין אמת׳ר שלום אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, אזוי וועניג ווי דאָס קען ניט געשעהן דורך דעם אויפגעפרישטען גלויבען אין די איינ־ארטינקייט פון אלע מענשען. מען פערוועקסעלט די סאָלידאַרישע אָרגאַניזאַציאָן פון דעם סאָציאַלען לעבען, וועלכע קען דערגרייכט ווערען דורך מיהזאַמע ארבייט אין לויף פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג, מיט ניט־אָרגאַנישער גלייכהייט, ווען מען וויל אויפ־בויען די גלייכבערעכטיגונג פון אלע מענשען אויף אן אורשפּרינג־ליכע גלייכאַרטיגקייט פון די ראַסען און טיפּען. וואָס ווייטער מען געהט אין דער געשיכטע, אלץ וועניגער בעאָבאַכטעט מען דיעזע גלייכאַרטיגקייט. דער שלום פון די ראַסען קומט פאָר נאָך נאַטור־געזעצען, וועלכע מיר קענען ניט מאַכען ווילקירליך אָדער ענדערען. די צונויפמישונג פון די קולטען איז שוין אן אריבערגעשריטענע שטופע אין דער ענטוויקלונג פון דעם סאָציאַלען לעבען. זי האָט

נעהערט צו דער אַלגעמיינער רעליגיאָן, וועלכע פּערדאַנקט איהר עקזיסטענץ צו דעם טויט פון די אַלטע נאַציאָנען. היינט איז די פראַגע וועגען דעם, ווי די פּערשיעדענע פאָלקס־טיפּען זאָלען ווידער פריי ווערען און זיך ענטוויקלען. עס איז ניטאָ מעהר קיין סכנה, דאָס די פּערשיעדענע נאַציאָנען וועלען זיך אָבשליסען פון איינ־אנדער, אָדער בעקעמפּפען די שוואכע און מאכען זיי פאר שקלאפען. די היינטיגע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען שליסען אין זיך אריין די הו־מאַניטערע, וואָרים זיי זיינען אַ רעאקציאָן גענען די אויסגלייכונגס־טענדענצען פון דער מאָדערנער אינדוסטריע און ציוויליזאציאָן, וועלכע טויטען אָב יעדען אורקרעפטיגען, אָרגאַנישען לעבענס־כח דורך אַ ניט־אָרגאַנישען מעכאַניזם. — אויף ווי ווייט דיעזע טענ־דענצען זיינען געווען געריכטעט גענען די אָבשטארבענדע אינסטי־טוציאָנען פון אַ פערגאַנגענער געשיכטס־פּעריאָדע, זיינען זיי געווען בערעכטיגט. מען קען גענען דיעזע טענדענצען אויך גאָרנישט ניט האָבען, אויף ווי ווייט זיי זוכען צו בעשאַפען ענגערע בעציהונ־גען און פערבינדונגען צווישען די פּערשיעדענע פעלקער פון דער ערד. מען האָט אָבער געוואָלט אין לעבען, אַזוי ווי אין דער וויסענ־שאַפט, אָבלייקענען דאָס שעפּפערישע און דאָס טיפּישע, אַזוי דאָס עס איז בעשאַפען געוואָרען אַ אידעאַליסטישער דונסט און עס האָט זיך אויפגעהויבען אַן אַטאָמיסטישער שטויב, וועלכער האָט זיך געלעגט אויף יעדען זאָמענקערענדעל און האָט דערשטיקט יעדעס לעבען. נאָר גענען דיעזע אָבשוואַכונג פון דעם שעפּפערישען לעבען קעמפּפען די נאַציאָנאַלע טענדענצען פון אונזער צייט, און נאָר גענען זיי אַפּעליר איך צו דער אורשפּרינגליכער פאָלקס־קראַפט אין יודענטום.

די מענשהייט איז, אַזוי ווי דאָס אוניווערסאַלע קאָסמישע לעבען און דאָס אינדיווידועלע לעבען, אַ לעבעדיגער אָרגאַניזם, וואָס די אורשפּרינגליכע ראַסען זיינע אָרגאַנען און גליעדער. — אין אַן אָרגאַניזם קענען געוויסע טיילען אָבגעשוואַכט ווערען און פערשווינדען, בשעת דער אָרגאַניזם געפינט זיך אין דעם פּראָצעס פון פּאָלענדונג. אַנדערע אָרגאַנען, וועלכע זיינען פריהער געווען ניט קענטיג, בעקומען ערשט דאַן איינפלוס און בעדייטונג, ווען דער אָרגאַניזם ווערט רייף.

צו דיעזע לעצטע, אייגענטליך שעפפעריׄשע אָרגאַנען פון דער מענשהייט, געהערט אויך דאָס אידישע פאָלק. — אין אלטערטום, ווען דיעזעס פאָלק איז כמעט פערניכטעט געוואָרען פון די מעכטיגע עראָבערונגס־פעלקער, איז עס כמעט ניט בעמערקט געוואָרען. צוויי מאָל איז עס אין גלות פון מצרים און בבל כמעט אונטערגעגאַנגען. צוויי מאָל האָט עס אויפגעלעבט צום נייעם לעבען און האָט געקעמפפט געגען די מעכטיגסטע פעלקער פון אלטערטום, געגען די גריכען און רוימער. אין די לעצטע קעמפפען פון דער פאַרצייטיגער וועלט האָט עס בעפרוכטעט מיט זיין גייסט די גאַנצע מענשהייט, און הויבט אָן יעצט ווידער אויפצולעבען צוזאַמען מיט דער גייסטיגער ווידערגעבורט פון דער מענשהייט. — היינט בשעת דער גייסטיגער אויפלעבונגס־פראָצעס פון די וועלט־היסטאָרישע ראַסען האָט זיך פאָלענדעט, און יעדעס פאָלק הויבט אָן ווידער צו ערפילען זיין ספּעציעלען בערוף אין דעם אָרגאַניזם פון דער מענשהייט, היינט הויבען מיר אָן צו בעגרייפען די בעדייטונג פון דיעזע פערשיעדענע אָרגאַנען פון דער מענשהייט.

אין די ענגלענדער געפינען מיר די נערווען־קראַפט, וועלכע ברענגט אין בעוועגונג דאָס ע ר נ ע ה ר ו נ ס ־ ס י ס ט ע ם פון דער מענשהייט. פראַנקרייך רעפּרעזענטירט מיט זיך די אַלגעמיינע (סאָציאַלע) בעוועגונגס־קראַפט, דייטשלאַנד שטעלט פאָר דעם אָרגאַן פון ד ע נ ק ע ן, אַמעריקא שטעלט פאָר די קערפּער־פליסיגקייט, אין וועלכער אַלע עלעמענטען פון די געשיכטליכע פעלקער אַסימירען זיך. ווען יעדעס מאָדערנע פאָלק, יעדע מאָדערנע געזעלשאַפט בעקומט אויף אַזאַ אופן איהר ספּעציעלען בערוף אַלס אָרגאַן פון דער מענשהייט, טרעט אויך אַרוים די בעדייטונג פון דעם איינציגען פאַרצייטיגען פאָלק, וועלכעס עקזיסטירט נאָך היינט ווי אַמאָל אין זיין גאַנצער קראַפט און גאַנצקייט.

אין דעם גאַנצען אָרגאַניזם פון דער מענשהייט זיינען ניטאָ קיינע צוויי פעלקער, וועלכע זאָלען זיך אַזוי אָנציהען און אָבשטויסען, ווי דאָס דייטשע פאָלק און דאָס אידישע. עס זיינען אויך ניטאָ קיינע צוויי גייסטעסריכטונגען, וועלכע זאָלען זיין נעהנטער און ווייטער פון איינאַנדער, ווי די וויסענשאַפטליך־פילאָזאָפישע און די מאָראַליש־רעליגיעזע. — די רעליגיאָן אין איהר פאָלענדונג איז דער

גייסטיגער בונד, וועלכער פערבינדעט דעם שעפפער מיט דער שעפפונג, זי איז דער אונענדליכער פאַדים, וואָס דער ענד פאַלט צונויף מיט דעם אָנהויב, די בריק, וועלכע פיהרט פון שעפפונג צו שעפפונג, פון לעבען צום טויט, פון טויט צום לעבען, וועלכע מאכט דעם מענשען ניט נאָר טעאָרעטיש דערקענען דאָס אבסאָלוטע, נאָר דרינגט דורך און מאכט הייליג זיין גאַנצעס לעבען מיט דעם גייסט פון גאָט, וועלכער איז אומעטום און שטענדיג פאַראַן. — אין דער רעליגיאָן, אזוי ווי אין דער ליעבע, אויב זי איז, ווי די אידישע, ניט אַן איינזייטיג מאַטעריאַליסטישע און ניט אַן איינזייטיג ספּירי־טואַליסטישע, ווערט אויפגעלעזט דער גייסט אין דעם קערפּער און דער קערפּער אין דעם גייסט. — דער גרעסטער און געפעהרליכסטער שונא פון דער אידישער רעליגיאָן איז געווען אין אַלטערטום די רעליגיאָן פון דער מ א ט ע ר י א ל י ס ט י ש ע ר ליעבע פון די סעמיטען: די רעליגיאָן פון דעם בעל. אין מיטעלאַלטער איז דאָס געווען די רעליגיאָן פון דער ס פּ י ר י ט ו א ל י ס ט י ש ע ר ליעבע: דאָס קריסטענטום. — דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס איז, אַ דאנק זיינע נביאים פון אַלטערטום און זיינע רבנים פון מיטעל־אַלטער, געבליבען ריין פון דיעזע ביידע ע נ ט א ר ט ו נ ג ע ן פון זיין רעליגיאָן, איז געווען און איז היינט נאָך דער אָרגאַן פון דעם לעבעדיגען שעפפער אין דער געשיכטע פון דער וועלט, דער אָ ר ג א ן פ ו ן ד ע ר א י י נ ה י י ט ל י כ ע ר א ו ן ה י י ל י־ג ע ר ל י ע ב ע. — מיט דיעזען אָרגאַן איז דער ד ע נ ק־אָ ר ג א ן פערוואַנדט אָבער אויך ענטגעגענגעזעצט. ביידע שעפּען פון דעמזעלביגען אונענדליכען לעבענס־קוואַל. בשעת אָבער דאָס רעליגיעזע זשעניע אינדיווידואַליזירט דאָס אונענדליכע, נעהמט אַראָב דער פילאָזאָפישער און וויסענשאַפטליכער געדאַנק פון דעם לעבען אַלע זיינע אינדיווידועלע סוביעקטיווע פאָרמען. — די אָביעקטיווע פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט האָט מיט דעם לעבען גאָרנישט צו טהאָן, בשעת די רעליגיעזע לעהרע פאַלט־צונויף מיט דעם נאַציאָנאַלען, סאָציאַלען, מאָראַליש־רעליגיעזען לעבען. ווען ניט, איז די רעליגיאָן איבערהויפּט נאָר צביעות.

אָבער איך מערק, דאָס איך בין גאַנץ אַוועקגעגאַנגען פון מיין טעמאַ. איך האָב אייך נאָר געוואָלט געבען צו פערשטעהן, פאַר־

וואָס איך קען זיך ניט בעפריינדען מיט יענע אַלגעמיינע הומאַני־טעטס־שטרעבונגען, וועלכע בעזייטיגען יעדען אונטערשיעד אין דעם אָרגאַניזם פון דער מענשהייט און בויען מיט איינינע מיספערשטאַנענע בעגריפען פון „פרייהייט" און „פּאָרטשריט" מזבחות פּאַר ווילקיר און אונוויסענהייט, אויף וועלכע אונזער לייכט־בעגייסטערטע יוגענד אָפּפערט איהרע בעסטע קרעפטען.

אַנמערקונגען.

1) מ ו נ ק האָט בעוויזען דעם איינפלוס פון אביצברן אויף די סכאָלאַסטיקער. דער מ ק ו ר ח י י ם פון שלמה בן גבירול (אביצברן) איז אין דער מיטע פון 12טען יאָהרהונדערט איבערזעצט געוואָרען אין לאַטיין און האָט זייטדעם געשפּיעלט א בעדייטענדע ראָלע אין די פילאָזאָפישע מחלוקות פון דער צייט. אפילו זשיאָרדאַנאָ ברונאָ איז געווען בעקאַנט מיט דעם מקור חיים פון דעם אידישען פילאָזאָף. — אַ גרעסערע ווירקונג האָט געהאַט דער „מורה נבוכים" פון רמב"ם אויף די סכאָלאַסטישע פילאָזאָפיע, און אפילו אויף לייבניץ און קאַנט.

צעהנטער בריעף.

אַן אַנדערעס דילעמאַ. — ערפאָהרונגס־וויסענשאַפטען, פילאָזאָפיע און רעליגיאָן. — פּאָרטשריט און קרייזלויף. — שבת. — די ענטשטעהונג פון קאָסמישען, אָרגאַנישען און סאָציאַלען לעבען. — די מאָראַלישע נויטווענדיגקייט אָדער די הייליגקייט. — עפּאָכען פון דער סאָציאַלער ענטוויקלונגס־געשיכטע: פּאָרהיסטאָרישע צייטען, געבורטס צייטען און געבורטס־וועהען, עפּאָכע פון רייפקייט.

אקוראַט ווי איהר האָט מיר פריהער אָוועקגעשטעלט די דילעמאַ: הומאַניטעט אָדער נאַציאָנאַליטעט, און האָט מיר אַ פּאָרוואורף געמאַכט, האָס איך שטעה פאַר נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, וועלכע זיינען אין ווידערשפּרוך מיט די הומאַניטערע שטרעבונגען פון אונזער צייט, אַזוי טרעט איהר יעצט געגען מיר אויף מיט אַן אַנדער דילעמאַ. „פרייהייט אָדער נויטווענדיגקייט" — רופט איהר אויס געגען מיר. איהר זאָגט, דאָס עס איז ריינער פאַטאַליזם, ווען מען בעטראַכט די מענשהייט נאָר פּאַר אַ העכערען

אָרגאַניזם, און ווען מען זעהט אין דער געשיכטע פון די פעלקער דאָסזעלביגע אייביגע געזעץ, ווי אין דער געשיכטע פון דער ערד און די וועלט־קערפּער. אין קאָסמישען און אָרגאַנישען לעבען, מיינט איהר, זיינען ניטאָ קיינע מאָראַלישע כחות, און דאָרט ווירקען נאָר נאַטירליכע כחות, וועלכע קענען אפריהער אויסגערע־כענט ווערען. אַנדערש איז עס אָבער אין סאָציאַלען לעבען פון דער מענשהייט. דאָס סאָציאַלע לעבען איז אפילו אויך אָבהענגיג פון נאַטור־בעדינגונגען, אָבער דער פרייער מענש מוז גובר זיין דורך פרייע ווילענס־טהאַט דעם פאַטאַליזם פון דער נאַטור, וואָרים אָהן די פרייע ווילענס־טהאַט איז ניט דענקבאַר קיין מאָראַל און קיין פאָרטשריט.

עס פרעהט מיך זעהר, וואָס איהר זייט אַזוי גוט בעקאַנט מיט די פילאָזאָפישע אויסדרוקען פון אונזער העברעער דייטשער בילדונג. איך גלויב אויך, דאָס די „מאָראַלישע פרייהייט“ איז די בעשטימונג פון דעם מענשען און דער מענשהייט. דיעזעס העכסטע הומאַנע ציעל איז אָבער, לויט מיין אויפפאַסונג, די גאָטעס־ערקענטניס, וועלכע דאָס יודענטום האָט אָנגעזאָגט אין אָנהויב פון דער געשיכטע, וועלכע דאָס יודענטום האָט שטענדיג ענטוויקעלט און וועלכע איז זייט ספינאָזאַ געוואָרען צוגענגליך פאַר דער גאַנצער וועלט. — דיעזע ערקענטניס פון גאָט מוז אין היינטיגער צייט ענטוויקעלט ווערען צו דער מדרגה פון אַן עקזאַקטער וויסענשאַפט.

אַזוי ווי איהר נעהמט אייערע כלי־זין פון דער ספּעקולאַטי־ווער פילאָזאָפיע, כדי צו קעמפפען געגען מיין אידישע וועלט־אַנשויאונג, מוז איך אייך בעווייזען, דאָס די פילאָזאָפישע ספּעקו־לאַציאָן איז ניט האָס לעצטע וואָרט אין דער גייסטיגער ענטוויקלונג, אַזוי ווי די הערשאַפט פון אינדוסטריע און קאַפּיטאַליזם איז ניט דאָס לעצטע וואָרט אין דער מאַטעריעלער ענטוויקלונג. — די עקזאַקטע וויסענשאַפט, וועלכע אַנערקענט נאָר בעאָבאַכטונג און ערפאַהרונג, אַרבייטען און פאָרשען, כדי צו ערווערבען גייסטיגעס און מאַטעריעלעס אייגענטום, און וועלכע זעהט אין דער ספּעקו־לאַציאָן נאָר שווינדעל און אונבעוויזענע השערות, — די עקזאַקטע וויסענשאַפט איז די העכסטע אינסטאַנץ, וואָס צו איהר אורטייל מוז איך אַפּעלירען, כדי אייך צו בעווייזען, פאַר וואָס דיעזע וויסענ־

שאפט שטעהט אין ווידערשפּרוך מיט דער פילאָזאָפיע, וועלכע דערהויבט דעם גייסט איבער דער נאַטור, און שטעהט כלומרשט אויך אין ווידערשפּרוך מיט דער רעליגיאָן, וועלכע האַלט הייליג נאַטור און גייסט, דערמיט וואָס זי וואַרפט אונטער ביידע אונטער איין איינציגען וועזען. איך וועל איך אָבער שפּעטער בעווייזען, דאָס דיעזער ווידערשפּרוך פערשווינדעט אין דעם אמת'ן ווּיסען, וועלכעס בעגרייפט דאָס געזעץ פון דער נאַטור און פון דער געשיכטע, אלס איין און דאָסזעלביגע געזעץ. — איך מוז דערפאַר אייך קודם כל געבען צו פערשטעהן, דאָס אויך יענער כלומרשט'ער ווידערשפּרוך איז געוועזען בערעכטיגט, דאָס ער איז געוועזען נויט־ווענדיג אין דער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דער מענשהייט.

היינט נאָך איז ניטאָ קיין שלום צווישען וויסענשאַפט, פילאָ־זאָפיע און רעליגיאָן. פערקעהרט היינט ביים אָנהויב פון אַ נייעם וועלט־אלטער, אַקוראַט ווי אין דער קריטישער איבערגאַנגס־עפּאָכע פון דעם אַלטערטום אין מיטעלאַלטער, איז דער געגענזאַץ צווישען רעליגיאָן, פילאָזאָפיע און נאַטור־וויסענשאַפטען געוואָרען נאָך שאַרפער, איידער אין דער בליטע־צייט פון דער פאַרצייטיגער און מיטעלאַלטערליכער וועלט, וועלכע האָבען פון דיעזען געגענזאַץ כמעט גאָרנישט געוואוּסט. די סיבה פון דיעזע טעאָרעטישע סתירות פון סאָציאַלען לעבען, ליעגט אין דער אונגלייכמעסיגער ענטוויק־לונג פון דער מענשהייט, אין דעם פערהעלטנים צווישען די הער־שענדע און דיענענדע ראַסען און קלאַסען, אין דער פונאַנדערטיילונג צווישען דער מאַטעריעלער און גייסטיגער ארבייט. דיעזע אונ־גלייכהייט, וועלכע וואַקסט מיט דער הויך פון דער ציוויליזאַציאָן, איז געוועזען אויך די סיבה פון דעם אונטערגאַנג פון דער גאַנצער פאַרצייטיגער געזעלשאַפט. — אויף דעם מאַטעריעלען, און בעזונ־דערס אויף דעם גייסטיגען געביעט, זיינען היינט נאָך שאַרפער יענע סתירות, וועלכע האָבען געמאַכט אַ סוף צו דער פאַרצייטיגער ציוויליזאַציאָן, נאָך שאַרפער איידער צו ענדע פון אַלטערטום, בשעת די פונאַנדערטיילונג פון ארבייט איז נאָך ניט געוועזען אזוי ענטוויקעלט ווי אין דער היינטיגער איבערגאַנגס־עפּאָכע. די פאָלגע דערפון איז, דאָס היינט שטעהט ניט נאָר אין ווידערשפּרוך די רעליגיאָן מיט דער פילאָזאָפיע, ווי אין אַלטערטום, נאָר אויך די

פילאָזאָפיע שטעהט אין ווידערשפּרוך מיט דער וויסענשאַפט. — פונדעסטוועגען וועט איהר דאָך מיר אין אַלגעמיין צוגעבען, דאָס עס קען ניט זיין איין אמת אין דער וויסענשאַפט, אַן אַנדער אמת אין דער פילאָזאָפיע, און וויעדער אַן אַנדער אמת אין דער רעלי־גיאָן. אַזוי אָבער ווי עס איז נאָך ניט געקומען קיין שלום צווישען דיעזע פערשיעדענע געביעטען פון דער ערקענטניס, בלייבט נאָך אַלץ די שווערע אויפגאַבע, אייך פערשטענדליך צו מאַכען, דאָס וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע און רעליגיאָן שליסען זיך ניט געגענזייטיג אויס, דאָס זיי קענען זיך העכסטענס אַ צייט לאַנג געגענזייטיג איגנאָרירען, דאָס זיי מוזען זיך אָבער ענדגילטיג איינע די אַנדערע אונטערשטיצען און צווישען זיך פעראייניגען.

לאָמיר אונז דערווייל פערשטענדיגען מכח די בעגריפען „פרייהייט“ און „פאָרטשריט“, מיט וועלכע מען וואַרפט זיך אַרום געדאַנקענלאָז.

דער גלויבען אין אַ פערנינפטיגעס און דערפאַר אויך דערקענ־באַרעס געטליכעס געזעץ, אַזוי ווי עס האָט זיך נתגלה געווען דער מענשהייט אין יודענטום דורך די תורה און די געשיכטע, דיעזער גלויבען אין אַ געטליכער השגחה, דיעזער גלויבען אין אַ שעפּפונגס־פּלאַן, איז ניט קיין פאַטאַליסטישער בלינדער גלויבען אין אַ ניט־פערשטאַנענעם בלינדען שיקזאַל, אָבוואָהל דיעזער גלויבען שליסט אויס קאַפּריז און געזעצלאָזיגקייט.

איך זאָג ניט אַזוי ווי די מאַטעריאַליסטען: די אָרגאַנישע און גייסטיגע וועלט שטעהט, אַזוי ווי די ניט־אָרגאַנישע וועלט, אונטער דעמזעלבען מעכאַנישען געזעץ. איך זאָג פערקעהרט: די קאָסמישע מעכאַנישע ערשיינונגען האָבען דעמזעלביגען פּלאַן, דיזעלביגע צוועק־מעסיגקייט, זיי נעהמען זיך פון דעמזעלביגען הייליגען לעבען, ווי די אָרגאַנישע און גייסטיגע בעוועגונגס־ערשיינונגען, — נאַטור און מענשהייט זיינען אונטערוואָרפען אונטער דאָסזעלבע געטליכע געזעץ. דער אונטערשיעד איז נאָר, אַז דאָס געזעץ ווערט אין דער נאַטור אויסגעפיהרט בלינד, אַז דער מענש אָבער, ווען ער איז פאָלשטענדיג ענטוויקעלט, פיהרט אויס דיעזעס געזעץ מיט בע־וואוסטזיין און ווילען. — אַן אַנדערער נאָך פיעל וויכטיגערער אונ־טערשיעד ליעגט דערין, אַז די נאַטירליכע לעבענס־ספערען פון דער

קאָסמישער און אָרגאַנישער וועלט, וואָס אויף זייער גרונדלאַגע בויען מיר אויף אונזער סאָציאַלע, מענשליכע לעבענס־ספערע, האָבען שוין פערענדיגט זייער ענטוויקלונג און זיינע שוין פאַרטיג, בשעת די מענשהייט געפינט זיך נאָך אין דער ענטוויקלונג, אין דער שעפּפונג פון איהר לעבען.

זאָ לאַנג די מענשליכע געזעלשאַפט געפינט זיך נאָך אין דער פּראָדוקציאָן פון איהר אָרגאַניזם, טרעט אויף דער מענש, דער שעפּפערישער וועזען פון דער געזעלשאַפט, ווי כלומרשט אַ פרייער וועזען אין זיינע שעפּפונגען, אָבוואָהל באמת איז אויך ער אין זיינע שעפּפונגען, אַקוראַט ווי די נאַטור אין איהרע שעפּפונגען, אונטער־וואָרפען אונטער דאָס אייביגע געזעץ. — די פאַלשע אויפפאַסונג פון דער פרייהייט, אַז זי איז ווילקיר, נעהמט זיך נור דערפון, ווייל מיר ווייסען נאָך ניט דאָס געזעץ פון דער ענטוויקלונג פון דעם סאָציאַלען לעבען, זיין לעצטען צוועק. מיר ווייסען אָבער דערפאַר נאָך ניט דיעזעס געזעץ, ווייל מיר געפינען זיך אַליין נאָך אין דער ענטוויקלונג. — אָבער ווען די וויסענשאַפט שוויינט נאָך פון דיעזען געזעץ, האָט אונזער רעליגיעזער זשעניע אָבער דיעזעס געזעץ שוין לאַנג אָנגעזאָגט. מיר אידען האָבען שטענדיג, זייט דעם אָנהויב פון דער געשיכטע, אַרומגעטראָגען מיט זיך דעם גלויבען אין דעם מלכות המשיח. דיעזער גלויבען איז אויסגעשפּראָכען געוואָרען אין אונזער געשיכטס־קולט דורך די הייליגקייט פון שבת. אין דער הייליגקייט פון שבת איז פערקערפּערט דער געדאַנקען, וועלכער איז שטענדיג געוועזען אונזער רוח החיים, דער געדאַנקען, אַז די צוקונפט וועט אונז אַזוי זיכער ברענגען דעם היסטאָרישען שבת, ווי די פערגאַנגענהייט האָט אונז געבראַכט דעם נאַטור־שבת, אַז די געשיכטע, אַזוי ווי די נאַטור, וועט האָבען איהר עפּאָכע פון הארמאָנישער פאַלענדונג. די ביבלישע שעפּפונגס־געשיכטע איז געגעבען געוואָרען נאָר צוליעב דעם שבת. זי זאָגט אונז: נאָכדעם ווי די שעפּפונג פון דער נאַטירליכער וועלט איז פאָלענדעט געוואָרען מיט דער בעשאַפונג פון דעם העכסטען אָרגאַ־נישען וועזען פון דער ערד, מיט דעם מענשען, און דער שעפּפער האָט געהאַלטען זיין נאַטור־שבת, דעמאָלט ערשט האָט זיך אָנגע־הויבען די שעפּפונגס־געשיכטע פון דער סאָציאַלער וועלט,

וועלכע וועט פייערען איהר שבת אין דעם מלכות המשיח נאך דער פאלענדונג פון דער גאנצער וועלטגעשיכטליכער ארבייט. — אט דא האט איהר די הויכע בעדייטונג פון דעם ספר בראשית, אין וועלכען בעשרענקטע נאטוראליסטען שטודירען וויסענשאפט. — ווי איהר זעהט, מיין פערעהרטע פריינדין, גיט אונז שוין האס שבת־געזעץ די געוויסהייט, אז אין דער נאטור און דער געשיכטע וואלטעט אן איינהייטליכעס און אייביגעס גאטעס־געזעץ. — נאר די מענשען, וועלכע פערשטעהען ניט די התגלות פון דעם רעליגיעזען געניוס פון די אידען, קומט פאר די געשיכטליכע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט ווי א געזעצלאזער, אונבעשטימטער, אונענדליכער „פארטשריט“, אין געגענזאץ צום נאטור־לעבען, וועלכעס זעהט אויס ווי אן אבגעשלאסענער קרייז־לויף, וואס זיינע געזעצען זיינען בערעכענבאר. איהר בעגרייפט, אז דיעזע כלומרשט'ע דיפערענץ צווישען די געזעצען פון דער נאטור און די געזעצען פון דער געשיכטע איז נאר א רעזול־טאט פון א סוביעקטיווער אויפפאסונג, וועלכע קען זיך ניט דער־הויבען צו דעם גרויסען געטליכען וועלט־געזעץ. — אקוראט אזוי וועניג ווי די פרייהייט פון דעם שעפפערישען וועזען פון דער געשיכטע איז געזעצלאזע ווילקיר, אקוראט אזוי וועניג איז זיין פארטשריט אן אונענדליכער.

אין נאטירליכען זין איז יעדעס וועזען פריי, וועלכעס קען לעבען און קען זיך אונגעשטערט ענטוויקלען לויט זיין אייגענער בעשטימונג, זיין אינוועגדיגען בערוף אדער זיין נאטור. מאראליש פריי איז נאר דאס וועזען, וועלכעס לעבט מיט בעוואוסטזיין און ווילען לויט זיין בעשטימונג, וועמעס ווילען איז איינשטימיג מיט דעם געזעץ אדער ווילען פון גאט. יעדער אנדערער ווילען איז ווילקיר, וועלכע פער־דאנקט איהר עקזיסטענץ ניט דעם הייליגען איינהייטליכען געטליכען וועזען פון דעם ווילענדען, נאר צו די איינזייטיגע אינסטינקטען פון דעם ווילענדען. דיעזע פעהיגקייט נאכצוגעהן תאוות און קאפריזען, וועלכע פיהרען אראב פון דעם וועג פון שכל און מאראל, האט דער מענש נאר אזוי לאנג, ווי זיין וועזען איז ניט אויסגעבילדעט. דער מענש האט געוויס ניט קיין אורזאכע צו שטאלצירען מיט דיעזער נעגאטיווער פעהיגקייט, וועלכע איז ניט מעהר ווי א קראנקהייט, אן ע נ ט וו י ק ל ו נ ג ס ־ ק ר א נ ק ה י י ט פון דער מענשהייט.

זי שטעלט איהם ניט איבער, נור אונטער דער חיה, וואָרים דאָס לעבען פון די חיות, אזוי ווי פון די פלאַנצען, איז אין אונזער עפּאָכע שוין פאָלשטענדיג ענטוויקעלט און אויסגעבילדעט געוואָרען. „דער מענש מאַכט טעות'ן, זאָ לאַנג ער שטרעבט“, זאָגט געטהע. אָבער עס איז ניטאָ קיין שטרעבען אָהן אַ ציעל. — דאָס ציעל פון דעם מענשליכען שטרעבען אין לויף פון דער געשיכטליכער ענט־וויקלונג איז די ערקענטניס פון דעם געזעץ, אונטער וועלכען עס זיינען אונטערוואָרפען אַלע דריי לעבענס־ספערען, דאָס סאָציאַלע, דאָס אָרגאַנישע, און דאָס קאָסמישע לעבען.

דאָס וועלט־געזעץ איז דאָס געזעץ פון ענטשטעהונג און ענט־וויקלונג, אָדער ווי מען זאָגט עס געוועהנליך, דאָס געזעץ פון דעם „פאָרטשריט“. — דיעזעס געזעץ איז נאָך ניט ערקענט געוואָרען פאָלשטענדיג אין אַלע דריי לעבענס־ספערען. צוליעב דער פאָל־שטענדיגער ערקענטניס פון דיעזען געזעץ פעהלט נאָך אַ טייל פון דעם אָביעקט: דער שלום פון דער סאָציאַלער ענטוויקלונג. דאָס געזעץ פון דער געשיכטע קען דערפאַר היינט נאָך ניט וויסענשאַפט־ליך ערקענט ווערען: די וועגען פון דער השגחה זיינען פאַר אונז נאָך דונקעל. — אָבער אַ דאַנק דעם רעליגיעזען געניוס פון די אידען און דער געטליכער התגלות דורך זיי פון דעם אָנהויב פון דער געשיכטע אָן, זיינען דיעזע וועגען פון דער השגחה אַלץ נעהענטער געבראַכט געוואָרען צו דעם מענשליכען גייסט, אַפריהער אין דער נבואה, דערנאָך דורך די מיסטיק, און ענדליך דורך די פילאָזאָפישע חקירה. — יעצט איז נאָך איבער געבליבען, צו דערפאָרשען דאָס געזעץ פון דער געשיכטע דורך די ערפאַהרונגס־וויסענשאַפטען.

איך האָב מיך שוין אין אַנדערע ערטער בעמיהט צו בעווייזען, וואָס מיר וייסען אויף דעם היינטיגען שטאַנדפּונקט פון דער וויסענ־שאַפט מכח דעם געזעץ פון דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דעם קאָסמישען, אָרגאַנישען און סאָציאַלען לעבען. — דורך נאַטור־וויסענשאַפטליכע און היסטאָרישע פאָרשונגען בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, דאָס איין געזעץ איז דער יסוד פון אַלע בעוועגונגס־ערשיינונגען און לעבענס־ערשיינונגען פון די הימלישע קערפּער אין וועלטריים, אזוי ווי פון די אָרגאַניזמען אויף דער ערד און פון די פעלקער אין דער געשיכטע.

עס איז ניטאָ קיין אונענדליכער אונבעשטרייטבארער פּאָרט־שריט, אין דער סאָציאַלער מענשען־וועלט אזוי ווענינ ווי אין דער אָרגאַנישער פלאַנצען־וועלט און חיות־וועלט, וואָס אויף איהר שפּיץ שטעהט דער נאַטירליכער נאָך ניט ענטוויקעלטער מענש. אין דער מענשען־וועלט איז ניטאָ קיין אונענדליכער פּאָרטשריט, אזוי ווענינ ווי אין דער קאָסמישער וועלט, וואָס איהר שוי־פּלאַץ איז דער אונ־ענדליכער וועלט־רוים. אַלעס ענטשטעהט און ענטוויקעלט זיך, דערגרייכט דעם צוועק פון זיין לעבען און שטארבט־אָב, כדי ווידער אויפגעלעזט צו ווערען און אויפצושטעהן אלס נייעס לעבען אין דעם אייביגען קרייז־לויף פון דעם אונענדליכען, אוניווערסעלען, אייב־הייטליכען און געטליכען לעבען. וואָס מיר רופען אָן „פּאָרטשריט“ איז די ענטוויקלונג פון דעם קיים־אַלטער צו דעם רייפען לעבענס־אַלטער, אין דיעזען אַלטער האָט יעדעס וועזען דערגרייכט זיין בעשטימונג.

אזוי ווי די וועגען זיינען פערשיעדען, פון אטאָם ביז צו דער וועלט־ספערע, פון דעם נידעריגסטען אָרגאַנישען מיקראָסקאָפּישען וועזען ביז צו דעם העכסטען וועזען פון דער ערד — דעם מענש, אַזוי פערשיעדען איז אויך זייער ענטוויקלונג, אזוי פערשיעדען איז אויך זייער רייפער לעבענסאַלטער און פּאַלגליך אויך זייער בע־שטימונג. אָבער גאָרנישט לעבעדיגעס אין צייט און רוים בלייבט אונפערענדערליך, גאָרנישט איז אייביג, אַלעס ענטשטעהט און פער־געהט, נאָכדעם ווי עס האָט ערפילט זיין בעשטימונג, כדי ווידער אויפערשטעהן אַלס נייעס לעבען *).

די גרויסע וועלט־קערפּער ענטשטעהען און ענטוויקלען זיך אין דעם וועלטרוים, אין צייטען, פאר וועלכע מיר האָבען ניט קיין מאָס. דאָס אָרגאַנישע לעבען, וועלכעס ענטוויקעלט זיך אויף די וועלט־קערפּער, נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין אָנגעהויבען קאַלט צו ווערען אויף זייער אויבערפלעכע, דאָס אָרגאַנישע לעבען בעדאַרף די גאַנצע פריהערדיגע עפּאָכע צוליעב זיין ענטוויקלונג. דער מענש, וועלכער הויבט אָן זיין גייסטיגע, הומאַנע, סאָציאַלע ענטוויקלונג אין רייפען לעבענסאַלטער פון דער אָרגאַנישער ספערע, דער מענש וועט דער־

*) נאָטע 7.

גרייכען זיין בעשטימונג נאך דער פאלענדונג פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, וועלכע איז נאך ניט געקומען צו איהר אבשלוס, וועלכע איז אבער אויף קיין אופן ניט אונבעגרענצט, ניט אונענדליך, געזעצלאז און שראנקענלאז.

וואס עס איז געבוירען געווארען אין דער צייט, בעדארף די צייט צוליעב דער אויסבילדונג, עס דערגרייכט אבער דיעזע אויס־בילדונג פאלשטענדיג אין אן ענדליכער בעשטימטער צייט.

מיר ערקענען נאר איין איינציגעס, אייביגעס, צייטלאזעס און רוימלאזעס אבסאלוטעס וועזען. מיר ערקענען עס דורך דאס איינ־ציגע אבסאלוטע געזעץ אין נאטור־לעבען און געשיכטס־לעבען, פון וועלכעס נאר דאס יודענטום האט בעקומען די געטליכע התגלות.

וויבאלד די ערקענטניס פון דיעזען געזעץ האט ניט אין זיך קיינע ווידערשפריכע, פאלגט דארום מיט נויטווענדיגקייט דאס לעבען נאך דיעזען געזעץ. ערקענען און האנדלען, אדער תורה און מעשה, זיינען אונטיילבאר. די סתירה, דער קאמפף אדער דער נצחון פון דער טוגענד, עקזיסטירען נאר אין דער צייט פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פון דער גאטעס־ערקענטניס. אין דער צייט פון דיעזער ענטוויקלונג ק ע נ ע ן מיר און ד א ר פ ע ן מיר שטרעבען נאך מאראל. נאך דער פאלענדעטער אויסבילדונג פון דער ערקענטניס אדער זיין געזעץ מ ו ז ע ן מיר לעבען מאראליש. דיעזע מאראלישע נויטווענדיגקייט איז די הייליגקייט. דאס יודענ־טום, וועלכעס האט פון אנהויב פון זיין געשיכטע אנגעזאגט די איינהייט און הייליגקייט פון געטליכען געזעץ אין נאטור און געשיכטע, שטעלט אויף פון אנהויב אן די פאדערונג פון הייליגקייט, און אלע זיינע נביאות דייטען אן אויף די צייט פון דער פאלענדעטער ערקענטניס פון גאט.

מיר טארען אונז ניט מאכען קיין צייטליך־רוימליכע פאר־שטעלונג ניט פון דעם הייליגען וועזען פון גאט און ניט פון אונזער וועזען, וועלכעס איז עהנליך צו גאט. די פאלענדעטע ערקענטניס איז די פאלשטענדיגע איבערוועלטיגונג פון צייטליכקייט און רוימ־ליכקייט, דאס הייסט פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג אין דער קאסמישער, ארגאנישער און סאציאלער לעבענס־ספערע. דאס איז נאר א צייכען פון אונזער נאך אונפאלענדעטער ענטוויקלונג און

אונרייפער ערקענטניס, ווען מיר שטעלען זיך פאר די איבּיגקייט אלס צייטליכע דויער. אזעלכע פארשטעלונגען בּשווייזען נאר איינס, אז אונזער ערציהונג צו היילינקייט איז נאך נים פאל־ענדעט געווארען. די התגלות פון דעם היילינען גייסט זאגט נים אן קיין אנדער צוקונפט, ווי די צוקונפט פון דער סאציאלער וועלט אין רייפען לעבענסאלטער. — דיעזעס וועלט־אלטער הויבט זיך אן לויט אונזער געשיכטס־רעליגיאן מיט דער משיח־צייט. דאס איז די צייט, אין וועלכער די אידישע נאציאן און אלע היסטארישע פעלקער וועלען וויעדער אויפערשטעהן צום נייעם לעבען, די צייט פון „תחית המתים“, די צייט פון דער „צוריקקעהרונג פון גאט“, די צייט פון דעם „נייעם ירושלים“, און ווי עס מעגען הייסען אלע דיעזע סימבאלישע בעצייכענונגען, וואס זייער בעדייטונג קען יעצט שוין ניט מעהר מיספערשטאנען ווערען.

די משיח־צייט איז דאס היינטיגע וועלט־אלטער, וועלכעס האט זיך אנגעהויבען מיט ספינאזא, און איז אריינגעטראטען זיים דער פראנצויזישער רעוואלוציאן אין די וועלט־געשיכטליכע עקזיסטענץ. מיט דער פראנצויזישער רעוואלוציאן האט זיך אנגעהויבען די וויעדערגעבורט פון די פעלקער, וועלכע פערדאנקען דעם יודענטום זייער נאציאנאלען געשיכטס־קולט.

די סאציאלע לעבענס־ספערע ענטוויקעלט זיך, אקוראט ווי די קאסמישע און ארגאנישע, אין דריי עפאכען, וועלכע זיינען גאנץ עהנליך אין אלע דריי לעבענס־ספערען.

די ערשטע אפענבארונגס־געשיכטע פון אלטען יודענטום און היידענטום איז די פארצייטיגע עפאכע פון דעם סאציאלען לעבען. — זי ענטשפרעכט דער צייט, ווען אויף דער ערד האבען ערשט אנגעהויבען צו ענטשטעהן די ארגאניזמען, און ווען אין אוניווערזום האבען ערשט אנגעהויבען צו ענטשטעהן די וועלטען, די קאמעטען און די נעבעלען.

די צווייטע אפענבארונגס־געשיכטע פון מיטעלאלטערליכען יודענטום, קריסטענטום און איסלאם, איז די געבורטס־עפאכע פון דער מארערנער געזעלשאפט. זי ענטשפרעכט אין דער ארגאנישער וועלט דער געבורטס־עפאכע פון די יעצט לעבענדע

ארגאניזמען, אין דער קאסמישער וועלט ענטשפּרעכט זי דער עפּאכע פון די לייכטענדע וועלט־קערפּער.

די דריטע אפּענבארונגס־געשיכטע, דאס היינטיגע וועלט־אלטער פון דער סאציאלער לעבענס־ספערע, ענטשפּרעכט דער עפּאכע פון די פּאלענ־עטע ארגאניזמען אין דער ארגאנישער לעבענס־ספערע, אין דער קאסמישער לעבענס־ספערע ענטשפּרעכט זי דער עפּאכע פון די אויסגעבילדעטע פּלאנעטען־סיסטעמען.

דיעזע עפּאכע פון ר י י פ ק י י ט, וועלכע הויבט זיך אן אין דער קאכמישער לעבענס־ספערע מיט דער צייט פון די לבנות אדער דאפּעל־שטערען, און ענדיגט זיך מיט דער צייט פון די פּלאנעטען, וועלכע ערשטרעקט זיך אין דער ארגאנישער לעבענס־ספערע פון די פארגעשיכטליכע ביז צו די געשיכטליכע מענשען־ראסען, — דיעזע עפּאכע פון רייפקייט ענטוויקעלט היינט אין סאציאלען לעבען דעם לעצטען ראסען־קאמפּף און קלאסען־קאמפּף, כדי צו קומען צום שלום פון אלע סתירות, צום גלייכגעוויכט צווישען פּראדוקציאן און פערברויך און צו א פּאלענדעטען קרייזלויף פון לעבען, וועלכער באראקטעריזירט שטענדיג די מענשליכע רייפקייט.

פערעהרטע פריינדין! איהר וועט געפינען די וועלט־אנשויאונג, וועלכע איך בעשרייב דא אין אלגעמיין, אין אלע מיינע ווערק. זייט מיין ערשטען ארויסטריט אלס שריפטשטעלער האב איך ניט געהאט קיין אנדער וועלטאנשויאונג. דאס איז די נשמה פון מיין גאנצען שטרעבען. די איינצעלנע ארומערדונג פון דיעזער וועלטאנשויאונג איז מיין לעבענס־אויפגאבע, און איך האף, אז איך וועל נאך אמאל דיעזע וועלטאנשויאונג ווייטער ענטוויקלען. אין די ענגע ראמען פון א בריעף קען מען זיך ניט ארייגלאזען באריכות אויף אזא ברייטען געגענשטאנד. אין דיעזען אויגענבליק בין איך אבער אויך צופיעל פערנומען מיט דעם שיקזאל פון מיין פאלק, דאס איך זאל קענען בעהאנדלען א פראגע, וועלכע הענגט אפילו זעהר ענג צוזא־מען מיט דער אידישער פראגע, אבער וועלכע וועט ערשט נאך דער לעזונג פון דער אידישער פראגע קענען געלעזט ווערען.

עלפטער בריעף.

דאָס רעגענעריערטע יודענטום און דער קרבנות־קולט. — צוויי טויזענד יעהריגעס זיפצען נאָך א נייער ליכט־שעפּפונג פאר ציון. — פאטריאָטישע שירים און תפלות. — אַן אַלטע לעגענדע. — צייכען פון צייט. — די צייט פון דער צוריקקעהרונג דערנעהנט זיך. — די אריענטאַלישע פראגע און די אידען. — בעגייסטערטער אויפרוף פון אַ פראַנצויז.

פון מיין „נסיעה צו די שטערען" פיהרט איהר מיך צוריק צו דעם באָדען פון פאלעסטינא. איהר ליעבט די אנטיטעזען. געגען דעם ערהאבענעם געשיכטס־קולט פון מיין רעגענערירטען יודענטום שטעלט איהר ארויס דעם בלוטיגען „קרבנות־קולט" פון דעם אלטען ישראל, און איהר מיינט, דאָס די פרומע אידען וועלען אָהן דיעזען קולט קיינמאָל ניט העלפען דעם אויפבוי פון בית־המקדש. — איהר מיינט דערביי, דאָס מיין ליעבע צו מיין נאציאָן געהט ניט אזוי וויט, דאָס איך זאָל צוליעב איהר אויך מיטמאכען דעם קרבנות־קולט.

איך בין מיט אייך ניט איינפערשטאנדען, ניט בנוגע צו דער בעדינגונג פון די פרומע אידען, און אויך ניט בנוגע צו אייער השערה וועגען מיין אידישען פאטריאָטיזם. — וואָס עס אָנבעטרעפט מיין אויפגעוואכטע, אָבער דערפאר זעהר טיעף־וואורצלענדע ליעבע צו מיין נאציאָן, פערגעסט איהר הפנים, דאָס די עכטע ליעבע, וועלכע בעהערשט דעם גייסט און דעם זין, איז ווירקליך ב ל י נ ד, בלינד דערפאר, ווייל זי ליעבט ניט נאָר די „פאָלקאָמענהייטען" פון דעם געליעבטען וועזען, נאָר ליעבט עס אזוי ווי עס איז, מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות. די ליעבע וויל ניט פערדעקען די חסרונות, נאָר זי ליעבט די גאנצע אינדיווידואליטעט. דער שניט אויפ'ן פנים פון מיין געליעבטער פערמינדערט ניט מיין ליעבע, נור איז מיר אקוראט אזוי טייער, און אפשר נאָך טייערער, איידער איהרע שעהנע אויגען, וועלכע זיינען פאראן אויך ביי אנדערע שעהנע מערכענס, בשעת דוקא דיעזער שניט איז כאראקטעריסטיש פאר די אינדיווידואליטעט פון מיין געליעבטער. — אויב דער קרבנות־קולט וואָלט זיך ניט געקענט באמת אָבטיילען פון דער אידישער נאציאָנאַליטעט, וואָלט איך אויך דעם קרבנות־קולט אָנגענומען. דערווייל

בין איך אָבער איבערצייגט פון דעם געגענטייל. אין אונזער ערהאַ־בענעם געשיכטס־קולט, וועלכער געהט פון ליכט־שעפּפונג צו ליכט־שעפּפונג, וועלכער אָטעמט נאָר מיט ליעבע צו דער מענשהייט און מיט דער ערקענטניס פון גאָט 1), קען דער קרבנות־קולט ניט זיין אַן אייביגע זאַך.

ניט קוקענדיג אָבער אויף מיין אינדיווידועלע איבערצייגונג, וויל איך עס פונדעסטוועגען ניט וואַגען אָנווייזען די דרכים פון דער געשיכטע. עס זיינען פאַראַן פראַגען, וועלכען זיינען אונלעזליך לכתחלה, וועלכע קענען אָבער געלעזט ווערען פון זעלבסט אין לויף פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג. צו דיעזע פראַגען געהערט די פראַגע פון קולט איבערהויפּט, און בעזונדערס די פראַגע מכח דעם, ווי פון דעם מאָראַל־רעליגיעזען גייסט פון דעם פאָלק, וועלכעס איז שטענדיג געוועזען דער שעפּפער פון זיין רעליגיאָן, זאָלען בעשאַ־פען ווערען בעשטימטע פאָרמען פון גאָטעסדיענסט.

דער ראַבינער זאַקס, וועמעס קלאַסישעס ווערק איך האָב אייך שוין איינמאָל דערמאָנט, זאָגט פאָלגענדעס וועגען דער אידי־שער רעליגיאָן אין גלות און אין ארץ ישראל:

„דער ברייטער באָדען פון דערווירקליכקייט קען ניט ארומ־גענומען ווערען לכתחלה שוין דורך א פארטיגע סיסטעם פון געזע־צען. אפילו די דינים און געזעצען זיינען ניט אזוי פערגליווערט אין זיך, דאָס זיי זאָלען בלייבען אונפערענדערט אונטער דעם דרוק פון דעם פרייען לעבען. דער שטראָם פון לעבען וואשט אראָב די גרעניצען און ער רייסט זיך אריין אין די פעסטע ברעגען". —
„ערשט נאָך דער אָבטויטונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, וועלכע האָט די רעליגיאָן געשאַפען, און איז צוריק אויך פון דער רעליגיאָן בעאיינפלוסט געוואָרען, איז די רעליגיאָן פערגליווערט געוואָרען. דיעזע פערגליווערונג וועט זי אָבער פערלירען, ווען די נאַציאָנאַלע בעוועגונג וועט ערוואכען צו נייעם לעבען, ווען דער פרייער שטראָם פון א נאַציאָנאַלער היסטאָרישער ענטוויקלונג וועט זיך ווידער אריינרייסען אין די פעסטע ברעגען."

דער הייליגער גייסט, דער שעפּפערישער געניוס, פון וועלכען עס זיינען ענטשטאַנען דאָס אידישע לעבען און די אידישע תורה, האָט זיך אָבגעטהאָן פון פאָלק ישראל, נאָכדעם ווי עס האָט זיך

אַנגעהויבען צו שעמען מיט זיין נאַציאָנאַליטעט. אָבער דיזער גייסט וועט נאָך אַמאָל בעזעעלען אונזער פאָלק, ווען עס וועט ווידער ערוואַכען צום לעבען, און ער וועט ארויסברענגען שעפּפונגען, פון וועלכע מיר קענען היינט אפשר נאָך ניט חלום'ען.

וואָס פאַר א געשטאַלט דאָס לעבען און דער גייסט וועלען אָננעהמען ביי די ווידערגעבאָרענע פעלקער, קען קיינער לכתחלה ניט בעשטימען. וואָס עס אָנבעטרעפט זייער קולט, און בעזונדערס דעם אידישען קולט, וועט ער געוויס זיין פערשיעדען פון דעם היינטיגען קולט, אזוי ווי פון דעם אַמאָליגען. — דער קרבנות־קולט, ווי די תורה בעפעהלט איהם, איז ניט קיין סתירה געגען די הומאַניטעט, פערגליכען מיט די מענשען־קרבנות פון די פעלקער, וועלכע האָבען ארומגערינגעלט דאָס פאָלק ישראל. פערקעהרט, דער קרבנות־קולט איז געווען דער שעהנסטער נצחון פון דער הומאַניטעט *).

אויב דער קרבנות־קולט קען בעטראַכט ווערען אַלס א הנחה, וועלכע אונזער תורה האָט געמוזט מאַכען דעם היידענטום, כדי צו פערהינדערען, אז דאָס פאָלק ישראל זאָל ניט צוריק אריינפאַלען צו די היידען, אָדער מען קען אין דעם קרבנות־קולט זעהן סימבאָלישע האַנדלונגען, וואָס זייער בעדייטונג און בעדירפניס ווייסען מיר מעהר ניט, איינס איז אָבער זיכער, אז די אידען האָבען טראָץ זייערע „בלוטיגע קרבנות", אויף וועלכע מיר קוקען היינט פון אויבען אראָב, געהאַט א גרעסערען שרעק פאַר דאָס פערגיסען און עסען פון בלוט, וועלכעס „איז די נשמה", איידער אונזערע מאָדערנע פעלקער, וועלכע עסען דאָס בלוט מיט דעם פלייש אָהן קרבנות און אָהן צערעמאָניען. — אָבער דער קרבנות־קולט איז שוין זייט אכצעהן־הונדערט יאָהר ארויס פון דער מאָדע, און דערפאַר שעמען זיך מיט איהם אזוי אונזערע ניימאָדישע אידען. פונדעסטוועגען איז ער היינט אפילו נאָך אַן אויסדרוק פון דעם פרומען קינדליכען גייסט. געטהע דערצעהלט, דאָס ער האָט אין זיין יוגענד געקענט בעפרידיגען זיין רעליגיעזען זין נאָר דורך קרבנות, וועלכע ער האָט געבראַכט צו דעם עוויגען, דערמיט וואָס ער פלעגט אָנצינדען א פייער און אריינוואַרפען אהין זיינע ליעבסטע שפּיעלצייג. —

*) נאָטע 8.

אבער אונזערע נביאים פון אמאל און די רבנים פון מיטעלאלטער האבען קיינמאל ניט בעטראכטעט דעם קרבנות־קולט פאר אזוי וויכטיג, ווי אונזערע היינטיגע פארגליווערטע ארטאדאקסען, וועלכע האלטען איהם פאר אונטיילבאר פון דעם ווידער־אויפבוי פון אונזער נאציאנאליטעט. — ר ב י י ו ח נ ן ב ן ז כ א י האט שוין ערקלערט אויפווייזענדיג אויף דעם נביא הושע (קאפיטעל 6, פסוק 6), דאס צדקה קען קומען אנשטאט קרבנות.

היינטיגע רבנישע אויטאריטעטען, וועלכע לייקענען דאס אונזערע היינטיגע בני אהרן האבען א רעכט צו זיין כהנים ביי קרבנות, רערען פונדעסטוועגען מכח דעם ווידער־אויפבוי פון א אידישער מלוכה *).

דער קולט, וועלכען מיר וועלען אמאל איינפיהרען אין דעם נייעם ירושלים, קען און מוז דערפאר בלייבען אן אפענע פראגע. רוים איז ניט אויפגעבויט געווארען אין איין טאג, אויך דער נייער ירושלים בעדארף צייט פאר זיין גרויסען אויפבוי. וואס מיר דארפען היינט טאן פאר דעם ווידער־אויפבוי פון דער אידישער נאציאנאליטעט, בעשטעהט דערוויייל אין דעם, צו דערהאלטען ביים לעבען די האפנונג אויף אונזער פאליטישע ווידערגעבורט, און צו דערוועקען זי דארט, וואו זי שלאפט. אויב שפעטער וועלען די וועלט־פאסירונגען, וועלכע בערייטען זיך פאר אין אריענט, ערלויבען א פראקטישען אנהויב פאר דעם ווידער־אויפבוי פון דער אידישער מלוכה, וועט דיזער אנהויב לכתחילה בעשטעהן אין דער גרינדונג פון אידישע קאלאניען אין אונזער ארץ אבותינו. פראנקרייך וועט אהן ספק אונז דארין העלפען. — איהר ווייסט, וואס פאר אן אנטייל די אידען האבען גענומען אין דער סובסקריבציאן לטובת פון די סירישע שלאכט־קרבנות.

ק ר ע מ י ע האט דא גענומען די איניציאטיווע. דערזעלביגער ק ר ע מ י ע, וועלכער איז מיט 20 יאהר פריהער געפאהרען מיט משה מאנטעפיארע אין סיריען, כדי צו בעשיצען די אידען גענען די פערפאלגונגען פון די קריסטען. — אין דעם זשורנאל דע דעבא, וועלכער דרוקט שירים נאר זעהר זעלטען, איז אין דער צייט פון דער סירישער עקספעדיציאן אבגעדרוקט גע־

*) נאטע 10.

וואָרען אַ שיר פון לעאָן ה ל ו י, וועלכער האָט אפשר דערביי אזוי ווייניג ווי קרעמיע געקלערט מכח דער ווידערגעבורט פון דעם פאָלק ישראל. פון דעסטוועגען זיינען זיינע שעהנע פערזען געשריבען געוואָרען מיט דעם געפיהל פון דיזער ווידערגעבורט. אויך אלכסנדר ו ו אַ י ל האָט אין דיזער צייט געדיכטעט אין דעמזעלביגען זין.

פראַנקרייך, מיין ליעבע פריינדין, פראַנקרייך איז דער העלד און דער ערלעזער, וועלכער וועט ווידער אריינברייגנען אונזער פאָלק אין דעם ריכטיגען וועג פון דער וועלט־געשיכטע.

ערלויבט מיר, אייך דאָ צו דערמאָנען אַ לעגענדע, וועלכע איהר ווייסט אליין אפשר:

אַ ריטער, וועלכער איז געפאָהרען אין דעם אָריענט, כדי צו בעפרייען ירושלים, האָט אין זיין לאַנד איבערגעלאָזען אַ פריינד. בשעת יענער איז געגאַנגען צום קאַמפף, איז דער פריינד געבליבען אין דער היים פערטיעפט אין זיין לערנען. ווארום דער פריינד איז געוועזן אַ פרומער רב.

אמאָל איז דער ריטער צוריקגעקומען צו זיין פריינד, וועלכער איז נאָך אַלץ געוועזן פערטיעפט אין דער גמרא, און האָט צו איהם געזאָגט:

„גאָט זאָל דיך גריסען, אַלטער פריינד! איך קום פון דעם הייליגען לאַנד און ברייננג דיר פון דאָרטען אַ צייכען פון אונזער פריינדשאַפט. וואָס איך קעמפף אוים מיט דעם שווערד, דערצי שטרעבסט דו מיט דעם גייסט. אונזערע וועגען קומען זיך סוף כל סוף צוזאַמען."

מיט דיזע ווערטער האָט דער ריטער דעם רב איבערגעגעבען אַ ראָזע פון יריחו.

דער רב האָט גענומען די בלום און האָט זי בענעצט מיט זיינע טרערען. די ראָזע האָט דערביי ווידער אויפגעבליהט, און דער רב האָט געזאָגט צו דעם ריטער:

"וואונדער דיך ניט, מיין פריינד, וואָס די ראָזע האָט אויפגעבליהט אין מיין האַנד. זי האָט פונקט דיזעלבע אייגענשאַפט, ווי אונזער פאָלק צו דערוואַכען צום לעבען דורך דעם ווארימען הויך פון ליעבע, אַבוואָהל זי איז שוין לאַנג ארויסגעריסען געוואָ־

רען פון דער ערד, אין וועלכער זי האָט איהרע וואָרצלען, און איז אין דער פרעמד פערדארט געוואָרען. אויך דאָס פאָלק ישראל וועט ווידער אויפבליהען. און דער הייליגער פונק, וועלכער ברענט יעצט אונטער דער אש, וועט נאָך אמאָל ווידער ליכטיג פאנאנדערפלאַקערען, בשעת מיר וועלען אונז נאָכאמאָל בעגעגנען אין לעבען.״ —

ליעבע פריינדין, די וועגען פון דעם רב און דעם ריטער בע־געגענען זיך היינט. דער רב — דאָס איז אונזער פאָלק, און דער ריטער איז דאָס פראנצויזישע פאָלק, וועלכע שיקט היינט, אזוי ווי אמאָל אין מיטעלאַלטער, זיינע סאָלדאטען אין סיריען, און האָט געעפענט די וועגען פון גאָט אין דער מדבר.

האָט איהר קיינמאָל ניט געהערט די ווערטער פון דעם נביא ישעיהו?

„נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם. דברו על לב ירושלים וקראו אליה, כי מלאה צבאה, כי נרצה עונה, כי לקחה מיד יהוה כפלים בכל חטאתיה... 2)“.

מיינט איהר ניט, דאָס אין דיזע ווערטער, מיט וועלכע ישעיה השני הויבט אָן זיין נבואה, און אין די ווערטער, מיט וועלכע דער נביא עובדיה ענדיגט זיין נבואה 3), ווערט ניט געשילדערט אונזער צייט? איז דען ניט געשיקט געוואָרען קיין הילף נאָך ציון, כדי צו ריכטען די ווילדע בערג־בעוואָהנער? ווערט דען ניט געבויט א וועג פון קולטור אין דער מדבר דורך קאנאל־ארבייטען ביים סועץ און אייזענבאהנען, וועלכע פערבינ־דען איירָאפּא מיט אזיען? — מען קלערט דאביי, פערשטעהט זיך, ניט מכח דעם ווידער־אויפבוי פון אונזער נאציאָנאליטעט. אָבער איהר ווייסט דאָך דעם שפּריכוואָרט: „דער מענש דענקט — גאָט לענקט“. — אזוי ווי מען האָט אמאָל געזוכט אין וועסטען א וועג צו אינדיען און געפונען א נייע וועלט, אזוי וועט מען דורך דעם וועג, וועלכער ווערט היינט געבויט אין אָריענט צו אינדיען און כינא, געפינען אונזער פערלאָרענעם פאטערלאנד. — אָדער צווייפעלט איהר אפשר, דאָס פראנקרייך וועט העלפען די אידען צו גרינדען קאָלאָניען, וועלכע זאָלען קענען אויסברייטען זייער נעץ פון סועץ ביז ירושלים און פון די ברעגען פון ירדן

ביז צום מיטעל־מעער? — טאַ לעזט נאָר די שריפט, וועלכע איז ניט לאַנג ערשינען אונטער דעם טיטעל: ד י נ י י ע אָ ר י ע נ ט א ל י ש ע פ ר א ג ע. דער פּערפאַסער האָט ניט געהאַנדעלט אין אויפטראַג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, אָבער אין גייסט פון פראַנצויזישען פאָלק, ווען ער פאָדערט אויף אונזערע ברידער, ניט אויס רעליגיעזע, נאָר אויס פּאָליטישע און הומאַנע מאָטיווען, אויפצובויען אונזער אַלטע מלוכה 4).

איך וואָלט געוואָלט רעקאָמענדירען דיזע שריפט פון ניט אַ אידישען נאָר אַ פראַנצויזישען פּאַטריאָט, צו אונזערע מאָדערנע אידען, וועלכע בעריהמען זיך מיט דער פראַנצויזישער הומאַניטעט. איך ברייננ דערפאַר איינינע זייטען פון דיזער שריפט אין דייטשער איבערזעצונג פון דער פראַנצויזישער שריפט: „ד י נ י י ע אָ ר י ע נ ט א ל י ש ע פ ר א ג ע", פון ערנעסט לאַהאראַן *).

„אין דיזע נייע אָריענטאַלישע פערוויקלונגען האָבען מיר אָפען געלאָזען פּאַלעסטינאַ, כדי פּאָרצולעגען דער וועלט די פראַגע, אויב דאָס אַלטע יהודה קען ניט נאָך אַמאָל געפינען זיין אָרט און זיין נאָמען אונטער דער זון.

דיזע פראַגע ווערט ניט היינט אויפגעוואָרפען צום ערשטען מאָל. מען האָט גערעדט וועגען דעם אויסקויף פון פלשתינא דורך די אידישע באַנקירען פון דער גאַנצער וועלט, אָדער נאָך בעסער וועגען דעם איידעלערען און פיעל וויכטיגערען אויסקויף דורך אַן אַלגעמיינע סובסקריבציאָן פון אַלע אידען. פאַר וואָס איז דיזער פּאַטריאָטישער פּלאַן נאָך ניט אויסגעפיהרט געוואָרען? געוויס איז דער פּלאַן ניט בטל געוואָרען דורך די גלייכגילטיגקייט פון די פרומע אידען, וואָרים זייער האַרץ שלאָגט הויך און זייערע אויגען ווערען נאַס ביי דעם געדאַנקען פון שיבת ציון 5). ווען ביז איצט האָט זיך דיזער פּראָיעקט אויסגעדוכט פאַר ניט־אויספיהרבאַר, איז די אורזאַכע דערפון לייכט צו פערשטעהן. די אידען האָבען ניט געטאָרט דענקען דערפון צו ווערען בעלי־בתים פון דעם לאַנד פון זייערע עלטערען. מיר קריסטען וואָלטען דאָך דאָס פערבאָטען. מיר קריסטען וואָלטען דאָך שטענדיג די אידען בעלעסטיגט און אין נאָמען פון אונזער אמונה זיי

*) נאָטע 9.

שטענדיג געלאָזט פיהלען, דאָס זייערע אור־אבות זיינען פערטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד אין דעם טאָג פון דער קרייציגונג. — אונזער נארישער קאטאָליציזם וואָלט געשטערט דאָס ווערק פון דער ווידערגעבורט פון פאָלק ישראל דורך זיין נוצלאָזע געגענ־ווארט. מיר וואָלטען נאָך אין 19טען יאהרהונדערט געהערט פרעדיגער, וועלכע וואָלטען נבואה געזאָגט דעם סוף פון דער וועלט און די אָנקונפט פון דעם אנטי־קריסט, אויב דאָס איידעלע און אונגליקליכע ירושלים וואָלט ווידער אויפגעבויט געוואָרען דורך אידישעם געלד. — אין דעם הייליגען ביהן־שטאָק וואָלטען מיר געהערט א שטענדיגען געזום פון יענע אינזעקטען, וועלכע בעגריסען ליעבער דעם שווערד אין די הענד פון דעם בארבאר, איידער די אויפערשטעהונג פון די פעלקער אונטער דער פאָהן פון א פרייען און גרויסען געדאנק. — דאָס איז אָהן ספק די אור־זאכע וועלכע האָט אָבגעהאלטען דאָס פאָלק ישראל פון יעדען פערזוך צו ווערען. דער בעל הבית פאר זיך זעלבסט, די אור־זאכע, פאר וואָס עס וויל נאָך ניט אראָבשאָקלען דעם שטויב פון זיינע פיס.

דאָס ערקלערט נאָר די מוטלאָזיגקייט פון די פאטריאָטישע אידען. אָבער די מאָדערנע אידען קענען ניט פריינעשפראָכען ווערען פאר דעם אינדיפערענטיזם, וועלכען זיי ווייזען ארויס צו דעם ווידער־אויפבוי פון דער אידישער מלוכה, און וואָס עס בריינגט ניט קיין כבוד ניט זייער פערשטאנד און ניט זייער הארץ. זייערע ערקלערונגען מכח דעם פונקט האָבען ניט קיין מאָ־ראלישען און ניט קיין פאָליטישען ווערט. — עס איז פאראַן אַן ערקלערונג פון די מאָדערנע אידען פון פראנקפורט, וועלכע ענט־האלט אין זיך פאָלגענדע ווערטער:

„מיר אנערקענען אלס אונזער פאטערלאנד, נור דאָס לאַנד, אין וועלכען מיר זיינען געבאָרען, מיט וועלכען מיר זיינען פער־בונדען דורך בירגערליכע בעציהונגען 6).

מען קען זיך ניט אָבזאָגען פון אַן אייביגען רעכט. מען קען ניט פערלייקענען די אייגענע פערגאנגענהייט און די אייגענע עלטערן, בעזונדערס אין א צייט, ווען די אייראָפּעאישע פער־העלטניסע פערלאנגען דעם ווידער־אויפבוי פון דער אידישער

מלוכה. וועלכע איירָאפּעאישע מאכט וואָלט היינט געהאַט עפּעס דאגעגען, דאָס די אידען זאָלען זיך פעראייניגען אין אַ קאָנגרעס, און זאָלען בעראַטען און בעשליסען דעם אויסקויף פון זייער פאַטערלאַנד? ווער וואָלט עפּעס געהאַט דאגעגען, ווען די אי־דען וואָלטען אַ וואָרף געטאָן אַ הויפען געלד צו דער פאַנאַנדער־פאַלענדער טירקיי און צו איהר געזאָגט: גיב מיר מיין אייגען לאַנד צוריק און פערשטאַרק מיט דיזען געלד אַלץ, וואָס ביי דיר איז איבערגעבליבען פון דיין מלוכה.

ניין, קיינער וואָלט ניט געווען דאגעגען און דער שטאַאַט יהודה וואָלט געקענט פאַנאַנדערציהען זיינע גרענעצען פון סועץ ביז סמירנאַ, אריינשילסענדיג נאָך דעם מערב־טייל פון לבנון. ווארום מיר ווילען זיך ניט אויביג ארומשלאָגען. עס מוז קומען די צייט, ווען די אַלגעמיינע אָבשלאַכטונג, דער קאַנאָן־דונער און ליאַרעם וועט פעראורטיילט ווערען, און ווער עס וועט זוכען מלחמה, וועט ניט קענען זיך ווייזען פאַר דער וועלט. מיר מוזען דערפאַר עפּענען אַ ווייטען באָדען פאַר די פריעדליכע קעמפּפען פון ארבייט. די איירָאפּעאישע אינדוסטריע מוז יעדען טאָג אַלץ מעהר דערוויטערען איהר מאַרקעט. מיר קענען ניט פערלירען קיין צייט. דער אויגענבליק איז געקומען, צו דערוועקען צו לע־בען די אַלטע פעלקער, כדי זיי זאָלען עפּענען גרויס און ווייט די וועגען פון דער איירָאפּעאישער ציוויליזאַציאָן."

אויף אַן אַנדער פּלאַץ רעדט דער פּערפאַסער וועגען אונז מיט אַ בעגייסטערונג, מיט ליעבע און אַכטונג, וועלכע איבער־טרעפען אַלעס, וואָס אַ פּאַטריאָטישער איד האָט ווען געזאָגט איבער זיין אייגענער נאַציאָן:

„איבער דער פערענדערליכער געשיכטע פון דער מענשהייט הערשט אונבעוועגליך אַ געהיימניספולע מאכט. — ווען די האַנד פון גאָט האָט פערטיליגט אַ פאָלק פון דער ערד, און זיין פייני־גער האָט ארויפגעדריקט די חתימה אויף דעם קבר פון אַ נאַציאָן, דאַן איז דיזעס פאָלק פעראורטהיילט געוואָרען און איז אריינגע־פאַלען אין אייביגע פערגעסענהייט.

ווען אָבער אַ פאָלק ווערט ארויסגעריסען אין קינדעסאַלטער פון זיין וויגעלע, ווען נאָך אַ ביטערען גלות קעהרט ער זיך אום

צוריק צו זיין לאַנד, כדי דאָס קיינמאָל ניט צו פערגעסען אין דעם שפּעטערדיגען גלות, ווען אַ פאָלק האָט אין זיין צושטרייאונג די קראַפט, אויסצוהאַלטען אַ מאַרטירערטום פון 18 הונדערט יאָהר, און דאָס פאַטריאָטישע פייער זאָל אין זיין הארץ ניט אויסגעלאָשען ווערען, — דאַן שטעהען מיר פאַר אַן אונענדליכען געהיימניס אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט.

אין דיזע וויניגע ווערטער ליגט די גאַנצע געשיכטע פון פאָלק ישראל.

וואָס פאַר אַ ביישפּיעל! וואָס פאַר אַ ראַסע!

איהר האָט געפיהרט אייערע לעגיאָנען, איהר רוימישע ערּאָבערער, געגען ציון, וועלכע איז געלעגען אין חורבות, און איהר האָט פערטריבען די קינדער פון ישראל פון זייער לאַנד. — אייראָפּעּאישע, אזיאַטישע און אפריקאַנישע באַרבאַרען! איהר האָט געּשענקט אייער אויער צו דער שטימע פון אבערגלויבען און האָט אויסגעשפּראָכען איבער אידען די קללה. — איהר מיטעלאַלטערּליכע מלוכות, איהר האָט אויסגעצייכענט מיט אַ שאַנד־פלעק די אידען, וועלכע האָבען אייך געגעבען דאָס געלד, כדי אויסצוהאַלּטען אייערע סאָלדאַטען, און האָבען פערזאָרגט מיט סחורות אייערע שוואַכע מאַרקעטס. — איהר גרויסע אינקוויזיטאָרען, איהר האָט צווישען די צושטרייעטע קינדער פון ישראל געזוכט די רייכּסטע קרבנות, די אומשולדיגסטע קעפּ, כדי אָנצופילען אייערע געפענגניסע און אייערע קאַסען און כדי צו געבען נאַהרונג צו אייערע אויטאָ־דע־פעס. — און איהר, אָבלייקענער פון דעם עדיקט פון נאַנטעס, איהר האָט ארויסגעטריבען פון לאַנד די אידען, וועלכע זיינען נצול געוואָרען פון דעם אַפּאָסטאָלישען פאַּנאַטיזם. — און איהר, מאָדערנע נאַציאָנען, איהר האָט ניט געגעבען קיין בירגער־רעכט צו דיזע אונערמיעדליכע ארבייטער און געשעפטסלייט.

וואָס פאַר פערפאָלגונגען, וויפיעל טרערען, וויפיעל בלוט אין אַ משך פון 18 הונדערט יאָהר! — אָבער איהר קינדער פון ישראל זייט נאָך אַלץ פאַראַן אין דער וועלט! איהר האָט אריּבערגעשריטען איבער די אונענדליכע מניעות, וועלכע די שנאה, די פעראַכטונג, דער פאַנאַטיזם האָבען אַנגעוואָרפען אויף אייער וועג. די האַנד פון דעם עוויגען האָט אייך שטענדיג געפיהרט.

ענדליך האָט אייך פראַנקרייך פריי געמאַכט. ערב דעם גרויסען וועלט־אַלטער האָט פראַנקרייך, וועלכעס האָט זיינע איי־גענע קיימען צושלאָגען, אַלע פעלקער און אויך אייך גערופען צו פרייהייט און גלייכבערעכטיגונג. איהר זייט געוואָרען בירגער און איהר זייט היינט אונזערע ברידער. דאָס יאָהר 1789 איז געווען די ערשטע שטופע צו אייער אַנערקענונג, אויב מען קען רעדען פון אַנערקענונג דאָרט, וואו עס איז ניט געווען עהרלאָזיג־קייט, נאָר אומגליק. — אין זיין בעפרייאונגס־מיסיאָן האָט פראַנק־רייך אויפגעזוכט אַלע פערפאָלגטע ראַסען, אַלע וועלט־שקלאַווען, און האָט אויך אייך געפונען אין אייערע געטהאָס און האָט אויפ־געעפענט זייערע טויערען. פראַנקרייך האָט אייך איינגעלאַ־דען אין זיין פּאַרלאַמענט. איהר האָט אַנטייל גענומען אין זיין גליק און אומגליק. איהר האָט גערעדט אין דעם טאָג פון דער בעראַטהונג. איהר האָט אויסגעדריקט בייפאַל ביי אונזערע נצחונות און האָט פערגאָסען טרערען ביי אונזערע מפּלות. איהר זייט בירגער און טרייע ברידער. פראַנקרייך וועט זיין פאַר אייך להבא אַ ליכט פון ערלעזונג געגען אייערע שונאים, וועלכע זיי־נען אויך די שונאים פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע געגען די שלאַנגען פון פאַנאַטיזם, וועלכע שפּריצען אויס זייער גיפט אויף אַלץ, וואָס זיי האָבען נאָך ניט פערגיפטעט, געגען די בעשמוצער פון אייער נאַציאָנאַליטעט, אייער פאָלקס־כאַראַקטער און אייער קולט.

איהר זייט קראַפט־נאַטורען און מיר בויגען אונז פאַר אייך. איהר זייט געווען שטאַרק אין אייער אַלטער געשיכטע, שטאַרק נאָך דער צערשטערונג פון ירושלים, שטאַרק אין מיטעלאַלטער, בשעת עס זיינען געווען נור צוויי דונקעלע מעכטע: די אינקווי־זיציאָן מיט דעם קרייץ און די גזלנים מיט דער האַלבער לבנה. — איהר האָט אייך ערהאַלטען אין גלות, אַבוואָהל דאָס האָט אייך געווים געקאָסט פערפאָלגונגען פון 18 יאָהרהונדערטען. אָבער דער רעשט פון אייער נאַציאָן איז נאָך גענוג שטאַרק, כדי ווידער־צו עפענען די טויערען פון ירושלים. דאָס איז אייער אויפגאַ־בע. די השגחה וואָלט אייך ניט געלאָזען קומען צו אונז, ווען זי וואָלט פאַר אייך ניט געהאַט אויפבעוואָהרט די הייליגסטע פון אַלע מיסיאָנען. — די שטונדע האָט געשלאָגען פאַר די ברעגען

פון ירדן. די דברי הימים פון די קעניגליכע נביאים קענען להבא
נאָר פון אייך ווייטער געשריבען ווערען.

א גרויסע מיסיאָן וואַרט אויף אייך. — איהר זייט א לעבע־דיגע פערבינדונג צווישען דריי וועלטען, און איהר זאָלט טראָגען די ציוויליזאציאָן צווישען די איינגעבילדעטע פעלקער און צו זיי ברייננען די אייראָפּעאישע וויסענשאַפטען, וועלכע איהר האָט אזוי גוט ערוואָרבען. איהר זאָלט זיין די פערמיטלער צווישען אייראָפּא און דעם ווייטען אזיען. איהר זאָלט עפענען די וועגען, וועלכע פיהרען צו אינדיען און כינא, אין יענע אומבעקאנטע לענדער, וועלכע מוזען געעפענט ווערען פאר דער ציוויליזאציאָן. איהר וועט אָנקומען אין דאָס לאנד פון אייערע עלטערן מיט דעם מאר־טירער־קרוין און מיט די צייכען פון אייערע לאַנגיעהריגע שמער־צען. ערשט דאָרט וועט איהר פאָלשטענדיג געהיילט ווערען. אייערע קאַפּיטאַלען וועלען ווידער אויפבויען יענע אונפּרוכטבארע לענדער. אייער ארבייט און אינדוסטרי וועלען גרין מאכען יענעם באָדען, וועלכען דער מדבר האָט פערשאָטען מיט זיין זאמד, — און די וועלט וועט בעוואונדערען דעם עלטעסטען פון אלע פעלקער.

דער אויגענבליק איז געקומען, דאָס איהר זאָלט אייער פא־טערלאנד, וועלכעס איז ביז יעצט פון דער טערקיי צוטרעטען גע־וואָרען, פאָדערען פאר זיך, אויף א פריעדליכען אופן, דורך געלד, אָדער אויף וועלכען עס איז אַנדערן אופן.

איהר האָט גענוג געהאָלפען צו ציוויליזירען די פעלקער, ארויפצוברייננען אייראָפּא אויף דעם וועג פון פאָרטשריט, ארויס־צורופען און צו אונטערשטיצען רעוואָלוציאָנען. — יעצט מוזט איהר דענקען וועגען זיך זעלבסט, וועגען די בערג פון לבנון, וועגען דאָס גרויסע לאנד ארום כנרת.

גנעהט פאָרווערטס! אונזערע הערצער וועלען נאָכפאָלגען אייער רענעסאנס, אונזערע ארמען וועלען אייך העלפען.

גנעהט פאָרווערטס, אידען פון אלע לענדער!

דאָס אלטע פאטערלאנד רופט אייך, און מיר וועלען שטאָלץ זיין, וואָס מיר האָבען אייך געעפענט זיינע טויערען.

גנעהט פאָרווערטס, איהר זיהן פון מארטירער!

די ערנטע פון צרות, וועלכע איהר האָט אַנגעקליבען אין

אייער גלות, וועט נאָך אויפהויבען דעם אמאָליגען גלאַנץ פון דוד'ס טעג און וועט ניי־בעלעבען יענע אמאָליגע געשיכטע.

געהט פאָרוועדטס, איהר איידעלע הערצער!

דער טאָג, אין וועלכען די שבטים וועלען זיך צוריקקעהרען, וועט מאַכען אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט.

ווי וועט דאָך דער אָריענט דערציטערט ווערען אין דעם טאָג פון אייער קומען! אונטער דעם געזעץ פון ארבייט וועט פער־שווינדען די שוואַכקייט פון די ראַסען אין יענע לענדער, וואו ביז יעצט האָבען זייט יאהרטויזענדען געהערשט תאוות, פוילקייט און רויב!

איהר וועט זיין אין דעם אָריענט דער מאָראַלישער וועלט־פאָל. איהר האָט געשריבען דאָס בוך פון די ביכער. יעצט דאַרפט איהר ווערען די ערציהער פון די ווילדע אראַבישע שבטים און די אפריקאַנער פעלקער. ארום אייער ביבעל זאָל זיך פערזאַמלען די אַלטע חכמה פון דעם מזרח, די פּאַרצייטיגע התגלות פון צענד, פון די וועדאַס און קינגס, און אויך די היינטיגע התגלות פון דעם קאָראַן און עוואַנגעליום וועלען ריין ווערען פון אַלע פסולת פון אבערגלויבען און וועלען נאָר פּראָקלאַמירען די זעלבינע פּרינ־ציפּען פון פרייהייט און הומאַניטעט, פון שלום און אחדות! — איהר זייט דער טריאומף־בויגען פון דער צוקינפטיגער צייט, אונטער וועלכען עס וועט פאָרקומען דער גרויסער בונד פון דער מענשהייט פאַר די עדות פון דער פערגאַנגענער און צוקינפטיגער געשיכטע. — די ביבלישע טראַדיציאָנען, וועלכע לעבען אויף אונ־טער אייערע שריט, וועלען אויך אונזער וועסט־אייראָפּעאישע גע־זעלשאַפט נאָך אַמאָל הייליג מאַכען און וועלען פערטילינגען מיט דעם וואָרצעל דעם שאָדען פון דעם מאָדערנעם מאַטעריאַליזם.

און ווען איהר וועט געהן אַזוי פאָרוועדטס. זאָלט איהר, קינ־דער פון פאָלק ישראל, געדענקען דעם מאָדערנעם פראַנקרייך, וועל־כעס האָט אייך שטענדיג געליעבט זייט זיין ווידערגעבורט און האָט אייך קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו פערטיידיגען".

אַנמערקונגען.

1) בונזען זאָגט אין זיין ביבעל־ווערק: די תורה געהט פאָר־ווערטס פון ליכט־שעפּפונג צו ליכט־שעפּפונג. — דאָ קען מען אָנ־ווענדען דאָס וואָרט „ניבא ואינו יודע מה ניבא“. בונזען האָט געווים ניט געהאַט אין זין אונזער צוויי־טויזענד־יעהריגע האָפנונג צו אַ נייער ליכט־שעפּפונג פאַר ציון. דיעזע האָפנונג ליעגט אין דער תפילה פאַר „שמע“, וואו עס שטעהט „לעושה אורים גדולים“ און ״אור חדש על ציון תאיר ונזכה כלנו מהרה לאורו“. די תפילה פון „שמע“ איז אויסגעשמיקט געוואָרען מיט הימנען, תפילות און געבעטען פון ריינסטען גאָלד, מיט ״אהבת עולם“, „ואהבת“, „אהבה רבה“, וועלכע אָטהעמען מיט ליעבע און וויסען.

2) ישעיהו י״א, א.

3) ועלו מושיעים להר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לד׳ המלוכה.

4) מיט אייניגע יאָהר צוריק האָט, ווי איך הער איצטער, אַן אמעריקאַנער בעהאַנדעלט דיזעלביגע פראַגע פון אַ פּראַקטישען שטאַנדפּונקט. אויך ענגלענדער זיינען פיעלע מאָל ארויסגעטרע־טען פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון דער אידישער מלוכה.

5) מיין פריינד, ארמאַנד ג., וועלכער איז מיט אייניגע יאָהר צוריק ארומגערייזט דורך די באַלקאַן־לענדער, האָט מיר דערצעהלט, דאָס די דאָרטיגע אידען האָבען געוויינט מיט טרערען, בשעת ער האָט זיי אָנגעזאָגט, דאָס עס איז געקומען די ענדע פון זייערע ליידען. אונזערע רייכע מערב־אייראָפּעאישע קולטור־אידען ווייסען ניט, מיט וואָס פאַר אַ זעהנזוכט די גרויסע אידישע פאָלקס־מאַסע פון מזרח־אייראָפּאַ וואַרט אויף די גאולה פון גלות. זיי ווייסען ניט, דאָס דער פרומער נאַציאָנאַלער איד קען ניט פערגעסען אפילו אין זיינע פרייליכע ליעדער דעם שמערץ פאַר דעם לאַנגען גלות. אזוי, למשל, ענדיגט זיך דאָס פּאַטריאָטישע ליעד פון חנוכה מיט דעם שמערצליכען פערז: כי ארכה לנו הישועה ואין קץ לימי הרעה.

„זיי האָבען ביי מיר געפרעגט“, האָט מיר מיין פריינד ווייי־טער דערצעהלט, „דורך וועלכען צייכען קען מען דערקענען, דאָס

עס איז נאָהענט דער סוף פון דעם גלות?" „דאַרורך", האָב איך זיי געענטפערט, „דאָס די מאַכט פון דער טערקיי און דעם פאַפּסט איז געבראָכען געוואָרען."

6) איך ווייס ניט, וועלכע ערקלערונג ווערט דאָ געמיינט. אפשר די ערקלערונג פון דער ראַבינער־פערזאַמלונג פון פראַנק־פורט פון יאָהר 1845. — די ערקלערונג איז יעדענפאַלס אין גייסט פון אונזערע דייטשע קולטור־אידען. ביז יעצט האָט זיך צווישען זיי נאָך קיין איין־איינציגע שטימע ניט אויפגעהויבען. ווען אזא שטימע האָט זיך געלאָזט הערען פון אַן אַנדער זייט, איז זי פון זיי אויפגענומען געוואָרען ניט מיט גלייכגילטיגקייט, נאָר מיט שפּאָט.

צוועלפטער בריעף.

דער אָנהויב פון סוף. — סאָלידאַריטעט פון די אידען. — פילאַנטראָפּישע אילוזיאָנען. — די סאָציאַלע מלוכה פון די חיות. — די הייבאַמען פון דעם פאָרטשריט. — די טרייע בעשיצער פון דעם היילינען קבר און דער אידישער נאַציאָנאַליטעט. — ירושלים. — די לעצטע קאַ־טאַסטראָפע.

די שריפט פון דעם פראַנצויז, וואָס איינינע בלעטלעך פון איהר האָב איך אייך מיטגעטיילט, האָט ביי אייך אַרויסגערופען ספקות. איהר מיינט, דאָס די קריסטליכע פעלקער וואָלטען דער־פאַר געווען פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון דעם אידישען שטאַאַט, ווייל זיי וואָלטען זיך דאַדורך בעפרייט פון אַ פרעמדער בעפעלקע־רונג, וועלכע איז זיי שטענדיג אַ דאָרען אין אויג. איהר מיינט, דאָס ניט נור פראַנצויזען, נאָר אויך דייטשען און ענגלענדער האָ־בען זיך שוין מעהר ווי איינמאָל אויסגעדריקט פאַר די צוריקקעהר־רונג פון אידען אין פאַלעסטינאַ. איהר ציטירט מיר אַן ענגלענ־דער, וועלכער ברייננט פון דער תורה דעם בעווייז פאַר דיזע צוריק־קעהרונג און פאַר דעם גלייכצייטיגען איבערגאַנג פון אַלע אידען צום קריסטענטום. לויט דער מיינונג פון אַן אַנדער ענגלענדער שטאַמט די היינטיגע ענגלישע דינאַסטיע פון דוד המלך, און דער שטיין, אויף וועלכען יעקב אבינו האָט געלאָזט רוהען זיין קאָפּ,

שפיעלט א הויפט־ראָלע ביי דער קרוינונג פון די ענגלישע מאיעס־טעטען. א דריטער ענגלענדער שטעלט אַלע ענגלישע שיפען צו דינסטען פאַר די אידען, וועלכע ווילען זיך אומקעהרען אין פּאַלעס־טינאַ. — איהר מיינט, דאָס איז נאָר א מילדע פאָרם פון דעמ־זעלביגען וואונש, וועלכער האָט זיך אין אמאָליגע צייטען אויס־געדריקט אין די אלגעמיינע אידען־פערטרייבונגען. פאַר אזא גוטסקייט צו אידען וועלען זיך אונזערע ברידער געוויס בעדאנקען. אין אַלע דיזע פּאָרשלעגע, אזוי מיינט איהר, ליגען אויך א חך שטות׳ען, וועלכע נעהמען זיך פון א שטיקעל רעליגיעזען משוגעת און פערדינען ניט קיין ווייטערע אויפמערקזאמקייט. ווען דיעזע ווינשע קומען פון פרומע קריסטען, האָבען זיי געגען זיך אַלע אי־דען, און ווען זיי קומען פון פרומע אידען, האָבען זיי געגען זיך אַלע קריסטען. ווארים די אידען ווילען אין דעם נייעם ירושלים ווידער אויפלעבען די קרבנות, און די קריסטען ווילען, דאָס מיר זאָלען ביי דעם הייליגען קבר פון קריסטוס מקריב זיין אונזער אידישען נאציאָנאַלען קולט פאַר דער קריסטליכער רעליגיאָן. אין דיזעם פעלז, אזוי מיינט איהר, מוזען צובראָכען ווערען אלע נאַ־ציאָנאַלע שטרעבונגען פון אידען.

עס איז קיין ספק ניט, דאָס אויב די קריסטליכע און די אי־דישע אָרטאָדאָקסיע וואָלטען ניט אָנגעריהרט געוואָרען פון דעם לעבעדיגען שטראָם פון דער געשיכטע, וואָלטען זיי פערשאַפט די גרעסטע שטערונגען געגען אונזערע פּאַטריאָטישע שטרעבונגען. — דערפאַר האָט דער געדאַנקען פון א אידישען פאטערלאַנד נאָר אין אזא צייט געקענט אויפטרעטען, ווען די אָרטאָדאָקסישע פער־גליווערטקייט איז שוין פערשוואונדען. דער תלמוד, אויף וועלכען עס שטיצט זיך די גאַנצע היינטיגע אידישע אָרטאָדאָקסיע, רע־כענט זיך מיט די פאָדערונגען פון לעבען. — אויב די אידישע נאַ־ציאָנאַליטעט איז א לעבעדיגע, וועט זי זיך ניט לאָזען אָבשרעקען דורך קיינערליי ספקות, צו ארבייטען פאַר איהר פּאָליטישע ווי־דערגעבורט. אויב די צייט איז אפילו נאָך ניט געקומען, דאָס א שאָף זאָל זיך פיטערען אין שלום מיט א וואָלף, האָט דאָך אָבער יעצט שוין פערלאָרען די הערשענדע מאיאָריטעט דעם אפּעטיט פון א וואָלף און די אונטערדריקטע מינאָריטעט די געדולד פון א שאָף. — אויסער דעם שטעל איך מיר פאָר דעם צוקינפטיגען קולט

פון אַלע ווידערגעבאָרענע נאַציאָנען גאַנץ פערשידען פון די היינ־טיגע קולטען, וועלכע שטאַמען פון אַ צייט, בשעת די פאָלקס־אינדיווידואַליטעטען זיינען געווען אונטערדריקט. אין דיזע קול־טען, וועלכע וועלען לאַנג ניט אָנהאַלטען, קען איך ניט זעהן קיין שוויריגקייט פאַר אונזער צוקינפטיגען נאַציאָנאַל־קולט. — אונזער צוקינפטיגער קולט וועט אָבער קומען ניט פאַר אונזער ווידער־געבורט, נאָר נאָך איהר. — קודם־כל מוז מען דערוועקען אַ פאַט־ריאָטישען זין אין די הערצער פון די געבילדעטע אידען און מען מוז בעפרייען די אידישע פאָלקס־מאַסע דורך דעם נאַציאָנאַליזם פון דעם רעליגיעזען פאָרמאַליזם, וועלכער טויטעט אָב זייער גייסט. אויב די התחלה וועט זיך אונז איינגעבען, וועלען מיר די שוויריגקייטען, וועלכע וועלען נאָך צוקומען לרוב אין לויף פון דער פראַקטישער אויספיהרונג, בעזייטיגען דורך די פראַקטישע אויספיהרונג גופא. — נאָר אויב אַלע אידישע הערצער זיינען טויט, נאָר אויב אַלע אידען זיינען ניט מעהר פעהיג צו אַ נאַציאָנאַלער בעגייסטערונג, דאַן וואָלטען מיר זיך גערארפט אָבזאָגען פון אַ ווערק, וועלכעס קען ניט דורכגעפיהרט ווערען אָהן גוואַלדיגע קעמפ־פען, ווי יעדעס גרויסע ווערק אין דער מענשליכער געשיכטע.

ניט קוקענדיג אויף פאַלשע אויפקלערונג און אָרטאָדאָקסיע, האָבען דאָך די אידען צופיעל געזונדען מענשענפערשטאַנד, דאָס זיי זאָלען זיך אָנשליסען אָן רעליגיעזע פאַנטאַזיען, וועלכע האָבען ניט קיין באָדען אין דער געגענוואַרט. אָבער דוקא דער רעאַליס־טישער זין פון אונזער ראַסע וועט מאַכען אָנשליסען אונזערע ברידער, די אויפגעקלערטע אַזוי ווי די אָרטאָדאָקסישע, צו די נאַ־ציאָנאַלע שטרעבונגען, וועלכע בעוועגען זיך דורכאויס אויף דעם פראַקטישען באָדען פון דער ווירקליכקייט.

די טענות פון די אויפגעקלערטע אידען נעגען דעם ווידער־אויפבוי פון דער אידישער מלוכה האָבען זייער גרונד ניט אין בילדונג פון גייסט און הארץ, וועלכע האָט קיינמאָל ניט קיין מורא פאַר די שוויריגקייטען פון אַ גרויסער זאַך, און רעכענט קיין מאָל ניט אויס די אָפפער, וועלכע מען מוז ברייננען פאַר אַ גרויסע זאַך. נאָר די טענות נעהמען זיך פון אַ מאָראַלישער און גייסטיגער בעשרענקטהייט, וועלכע איז אומפעהיג זיך אויפצוהויבען אויף אַ

הויכען מענשליכען שטאנדפונקט, פון וועלכען עס לאָזען זיך זעהען
די גרוים פון דעם אומגליק און די מיטלען פון דער הילף. — די
אידישע רעליגיאָן איז ווירקליך זייט צוויי טויזענד יאָהר געוועזן
מעהר אַן אומגליק איידער אַ רעליגיאָן, ווי היינע
און מיט איהם אַלע געבילדעטע אידען פון זיין צייט האָבען דאָס
ריכטיג געפיהלט. מען קען אָבער פון דיזען אונגליק ניט אנטלויפען
דורך אויפקלערונג אָדער שמד, ווי די געבילדעטע ווילען דאָס זיך
איינריידען. יעדער איד, מעג ער דאָס וועלען אָדער ניט, איז סאָ־
לידאַריש פערבונדען מיט זיין גאַנצער נאַציאָן, און ערשט ווען
דאָס אידישע פאָלק וועט בעפרייט ווערען פון דער לאַסט, וועלכע
עס האָט זייט יאָהרטויזענדע העראָאיש געטראָגען אויף זיין רו־
קען, וועט דיזע לאַסט אראָבגענומען ווערען אויך פון די שולטערן
פון יענע אויפגעקלערטע, וועלכע וועלען שטענדיג זיין נאָר אַ
קליינע צאָהל. — מיר מוזען אַלע טראָגען דעם עול מלכות שמים
ביז צום סוף.

אין דער ערשטער שכרות פון דער מאָדערנער אויפקלערונג
האָט מען געקענט אריינפאַלען אין דעם טעות, צו פערפרעמדען
דאָס אידישע פאָלק פון זיין נאַציאָנאַלען קולט דורך בלומרשטע
הומאַניטעט, אין וועלכער דאָס יודענטום האָט געזאָלט אונטערגעהן
מיט זיין גאַנצען בעזונדערען לעבען. היינט קען אפילו דער אוי־
בערפלעכליכסטער ראַציאָנאַליסט ניט גלויבען אין דיזע פילאַנ־
טראָפּישע אילוזיאָן. די געשיכטליכע בעוועגונג האָט שוין גע־
עפענט די אויגען פון אונזערע ראַציאָנאַליסטען. אפילו אין מערב
איירָאָפּאַ, וואו די אידען זיינען דורך טויזענד פעדים פערבונדען
מיט דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציאָן, האָט די אויפקלערונג ניט
געקענט צושטערען דעם אַלט־אידישען קולט. אין
מזרח־איירָאָפּאַ זיינען כמעט אַלע אידען נאָך טריי דיעזען קולט.
ניט די עמאַנציפּאַציאָן און ניט די מיסיאָנערען, וועלכע שפּעקו־
לירען אויף מאַטעריעלע נוצען און רעליגיעזע גלייכגילטיגקייט,
האָבען געקענט פיהרען די גרויסע מעהרצאָהל פון די אידען צום
שמד. פערקערט ווייזען זיך היינטיגע צייטען אַלץ מעהר און
מעהר סימפּאַטיען פאַר דאָס אַלטע אידישע לעבען אפילו צווישען
יענע אידען, וועלכע האָבען אמאָל געזעהען אין דער אָבפאַלונג
פון יודענטום אַ הומאַניסטישען אידעאַל. — אַלע אויסגלייכענדע

טענדענצען האָבען ניט געהאַט קיין איינפלוס אויף די אידישע פאָלקסמאַסע און וועלען קיינמאָל קיין איינפלוס ניט האָבען. די מאַסע ענדערט זיך קיינמאָל ניט דורך שכל׳דיגע אבסטראַקציאָנען, און די סבות פון פאָרטשריט ליגען אומעדום פיעל טיעפער, איידער די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערען האָבען געגלויבט. מעהר איידער ביי אַלע אַנדערע נאַציאָנען, וועלכע ווערען אונטערדריקט אויף זייער אייגענעם באָדען, מוז ביי אידען די נאַציאָנאַלע זעלבסט־שטענדיגקייט קומען פריהער, איידער יעדער פּאָליטיש־סאָציאַלער פאָרטשריט. אַ געמיינזאַמע היים איז פאַר אידען די ערשטע בע־דינגונג פאַר געזונדע ארבייטספערהעלטניסע. דער סאָציאַלער מענש בעדאַרף, אַזוי ווי די סאָציאַלע פלאַנצען און חיות, אַ וויטען פרייען באָדען פאַר זיין וואוקס און פאָרטשריט. אָהן דעם איי־גענעם באָדען זינקט אראָב דער מענש צו אַ פּאַראַזיט, וועלכער קען זיך ערנעהרען נאָר אויף דעם חשבון פון פרעמדער פּראָדוקציאָן. דאָס פּאַראַזיטישע לעבען דורך די אויסבויטונג פון די אַנדערע מענשען האָט אין דער ביז־איצטיגער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דער מענשהייט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע, און אידען זיינען ניט געווען די איינציגע, וועלכע האָבען געהאַט אַן אייגענטימליכקייט פאַר אַ פּאַראַזיטישעם לעבען. אַזוי לאַנג ווי וויסענשאַפט און אינדוסטריע זיינען נאָך געווען אין קינדעס־אַלטער, האָט דער באָ־דען פון אַ נאַציאָן ניט אויסגערייכט, כדי צו ערנעהרען זיינע איינ־וואָהנער. די פעלקער האָבען געמוזט קעמפּפען איינס געגען דאָס אַנדערע און מאַכען סקלאַווען, אָדער האָבען געמוזט צווישען זיך זעלבסט פאַנאַנדערפאַלען אין הערשענדע און דינענדע קלאַסען.— אָבער די סאָציאַלע חיות־מלוכה, וועלכע לעבט פון דער געגענזיי־טיגער אויסבויטונג פון די מענשען, געהט צו איהר סוף, ווי באַלד די מאָדערנע וויסענשאַפט און אינדוסטרי הויבען אָן צו בעהערשען די וועלט. די ציוויליזירטע פעלקער בעריטען זיך צו דער שותפות׳דיגער אויסבויטונג פון דער נאַטור דורך די ארבייט, וועלכע שטיצט זיך אויף די וויסענשאַפט און בעדאַרף מעהר ניט זיין קיין פּאַראַזיטישע פערמיטלונג. די ציוויליזירטע פעלקער בערייטען זיך צו דיזער נייער עפּאָכע — דאָס איז ניט „די פריי־סישע עפּאָכע" — דורך די אויסקעמפּפונג פון אַ פרייען נאַציאָ־נאַלען באָדען, דורך די פערניכטונג פון יעדער ראַסענהערשאַפט

און קלאַסענהערשאפט, דורך די קאָאָפּעראַציאָן פון אַלע פּראָדוקטיוו־קרעפטען, אין וועלכע עס וועט פערשווינדען דער פיינדליכער גע־גענזאַץ פון קאַפּיטאַליסטען־ספּעקולאַציאָן און פּראָדוקטיווע אר־בייט, אַזוי ווי אויך דער געגענזאַץ פון פילאָזאָפישער ספּעקולאַציאָן און וויסענשאַפטליכער אַרבייט. — איך ווייס, דאָס אויך אין יודענטום פיהלט זיך טיעף דער בעדאַרף אין געזונדע אַרבייטס־פערהעלטניסע, וועלכע זאָלען זיך שטיצען אויף די אויסבויטונג פון דער נאַטור דורך דעם מענשען. איך ווייס פון די גרויסע אָנשטרענגונגען, וועלכע ווערען צווישען אונז געמאַכט, כדי צו ער־ציהען אונזער אינגערען אידישען דור צו ניצליכע אַרבייטער. אָבער איך ווייס אויך, דאָס די אידען וועלען זיך אין גלות קיינ־מאָל ניט קענען איבערגעבען אין זייער מעהרצאָהל צו אַזעלכע אַרבייטען, ווארים עס פעהלט ביי זיי די ערשטע בעדינגונג דערצו, דער אייגענער באָדען, און ווייל זיי קענען זיך ניט פערמישען מיט די פעלקער, צווישען וועלכע זיי לעבען צושטרייט, ניט ווערענדיג דערביי אונטריי צו זייער נאַציאָנאַלען קולט. יענע אָנ־שטרענגונגען צוליעב געזינטערע אידישע אַרבייטס־פערהעלטניסע, וועלכע פיהרען אינדירעקט צו דער צערשטערונג פון דעם אידישען קולט, וועלען בלייבען אַקוראַט אַזוי אונפּרוכטבאַר, ווי די רעפאָרם, וועלכע האָט דירעקט געפיהרט דערצו. דאָס יודענטום קען אין גלות ניט ווידערגעבאָרען ווערען. עס קען העכסטענס דורך רע־פאָרמען און פילאַנטראָפּישע בעמיהונגען געפיהרט ווערען צו שמד. דאָס וועט זיך אָבער ניט איינגעבען קיין רעפאָרמאַטאָר און קיין טיראַן. — די אידישע פאָלקסמאַסע וועט זיך נור דאַן בעטייליגען אין דער געשיכטליכער בעוועגונג פון דער מאָדערנסטער מענש־הייט, ווען זי וועט האָבען אַ אידישעס פאַטערלאַנד. זאָ לאַנג אָבער ווי די מאַסע פון די אידען בלייבט אין איהר אויסנאַהמע־שטעלונג, ווערען אויך די וויניגע אידען, וועלכע זוכען אינדי־ווידועל צו אַנטלויפען פון דער פאַלשער לאַגע פון דעם אידישען פאָלק, נאָך מיט מעהר שמערץ מוזען פיהלען דיעזע לאַגע, איידער די פאָלקסמאַסע, וועלכע פיהלט זיך נאָר אומגליקליך, אָבער ניט בערויבט פון איהר עהרע. — דערפאַר קען זיך קיין איד, סיי אַן אָרטאָדאָקסער אָדער ניט־אָרטאָדאָקסער, ניט בעפרייען פון דער אויפגאַבע, צו אַרבייטען פאַר די דערהויבונג פון דעם גאַנצען יודענ־

טום. — יעדער איד, אפילו דער געטויפטער, איז ערב פֿאַר די ווידערגעבורט פון דעם פֿאָלק ישראל.

ווען מען בעגרייפט די אונענדליך־טראַגישע ראָלע, וועלכע דאָס אידישע פֿאָלק שפּיעלט ביז היינט אין דער געשיכטע, פערשטעהט מען אויך דאָס איינציגע מיטעל פֿאַר די ראַדיקאַלע הילף פון אונזער עלענד. דיזעס מיטעל איז היינט ניט אַזוי אונאויספיהרבאַר ווי עס קען אויסזעהן אויף דעם ערשטען בליק. די סימפּאַטיען פון דעם פראַנצויזישען פֿאָלק און די אינטערעסען פון דער פראַנצויזישער פּאָליטיק פּאָדערען פון פראַנקרייך, דאָס עס זאָל אויסשפּרייטען זיין ערלעזונג אויך אויף די אידישע נאַציאָן, נאָכדעם ווי די פראַנצויזישע אַרמעען האָבען אַראָבגעוואָרפען די היינטיגע נבכדנצר'ס פון דער הויך, אויף וועלכער זיי זיינען געווען בכח אַרויסצוגעבען געזעצען און אוקאַזען געגען די אונטערדריקטע פעלקער. — פראַנקרייך איז פּעראינטערעסירט אין דעם, דאָס דער וועג צו אינדיען און כינא זאָל זיין בעוואָהנט פון פעלקער, וועלכע שטעהען פאַר פראַנקרייך ביז צום טויט. ווארים נאָר אויף אַזאַ אופן וועט פראַנקרייך ערפילען די היסטאָרישע אויפגאַבע, וועלכע איז אויף איהם אויסגעפאַלען זייט דער גרויסער רעוואָלוציאָן. וועלכעס פֿאָלק איז אָבער מעהר פּאַסענד דערצו, איידער דאָס אידישע, וועלכעס איז פון אָנהויב פון דער געשיכטע בעשטימט געוואָרען פאַר דיזעלביגע מיסיאָן? —

„פראַנצויזען און אידען!“ — הער איך אייך אויסרופען:

„איז אַלזאָ די קריסטליך־גערמאַנישע רעאַקציאָן דאָך געקעכט!“

יאָ, ליעבע פריינדין, דער טירישער אינסטינקט, וועלכער דערשפּירט דעם פיינד שוין פון ווייטען, האָט קיינמאָל קיין טעות ניט. די רעאַקציאָן האָט שוין אומעדום דערקענט איהר טויטפיינד, בשעת די אַ מ ע ן פּ ו ן פּ אָ ר ט ש ר י ט, וועלכע שטעהען נאָך אַלץ אין דערמיטען צווישען דער רעוואָלוציאָן און רעאַקציאָן, האָבען געלאָזט האָדעווען דעם רעאַקציאָנערען ריעז, וועלכער וועט שוין זיי באַלד אַריבערשטייגען איבער'ן קאָפּ.

פראַנצויזען און אידען! געוויס זיינען זיי ווי געשאַפען איינע פאַר די אַנדערע. זיי זיינען עהנליך אין זייערע הומאַנע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. זיי אונטערשיידען זיך אָבער אין

די אייגענשאַפטען, וועלכע ערגענצען זיך, אָבער קענען ניט זיין פעראייניגט אין איין און דעמזעלבען פאָלק. — דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט אַ גרעסערע לייכטיגקייט, איידער דאָס אידישע פאָלק, האָט אַ סימפּאַטישעס וועזען צו אַסימילירען אַלע עלעמענטען. דאָס אידישע פאָלק האָט אַ גרעסערען מאָראַלישען ערנסט, איידער דאָס פראַנצויזישע פאָלק, און דריקט ארויף זיין אייגענעם טיפ אויף די אומגעבונג, פיעל מעהר, איידער עס ערלויבט, דאָס פרעמדע טיפּען זאָלען אויף איהם ווירקען. — דאָס פראַנצויזישע פאָלק בעהערשט די וועלט; דאָס אידישע פאָלק קען נאָר זיין אַ בעל־הבית אין זיין אייגענעם הויז און קען מיט זיין אייגענעם הייליגען פייער דערוואַרמען און בעלייכטען אַ וועלט, וועלכע איז שטענדיג אין סכנה ווידער אויפגעלעזט צו ווערען אין איהרע פרעשידענ־אַרטיגע עלעמענטען און פערזינקען אין דעם פינסטערען תהו ובהו פון נאַטור־לעבען, פון וועלכען דאָס יורענטום האָט זי שוין אַמאָל ערלעזט.

די איידעלע הילף, וועלכע פראַנקרייך גיט אַלע ציוויליזירטע פעלקער צוליעב דעם ווידער־אויפבוי פון זייער נאַציאָנאַליטעט, וועט ניט געפינען קיין מעהר דאַנקבאַרעס פאָלק, ווי דאָס אידישע. מיר ווען זיך מיט דעם הומאַנעם און טאָלעראַנטען פראַנצויזישען פאָלק אויף זעהר גוט פערשטענדיגען וועגען אונזער קולט אין היילינען לאַנד. — מיר האַלטען אָבער נאָך ניט אַזוי ווייט. דאָס אידישע פאָלק מוז זיך דערווייל ארויסווייזען ווירדיג צו דער ווידערגעבורט פון זיין וועלט־היסטאָרישען קולט. עס מוז דער־פיהלען דאָס בעדירפניס צו זיין נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט. דער־ווייל דאַרפען מיר נאָך ניט קלערען מכח דעם בית המקדש, נאָר מיר דאַרפען געווינען די הערצער פון אונזערע ברידער פאַר אַ זאַך, וועלכע וועט בריינגען דער גאַנצער אידישער נאַציאָן אויביגען כבוד און אַ ישועה דער גאַנצער מענשהייט. פאַר אידישע קאָלאָניזאַ־ציאָן אויף דעם צוקינפטיגען וועג צו אינדיען און כינאַ איז ניטאָ קיין מאַנגעל אין אידישע ארבייטער, אין אידישע טאַלאַנטען און קאַפּיטאַלען. אַזוי באַלד ווי עס וועט אונטער דעם שוץ פון איי־ראָפּעאישע מעכטע איינגעפלאַנצט ווערען די שוואַכע זריעה, וועט שוין דער נייער בוים פון לעבען פון זעלבסט וואַקסען און בריינגען פרוכט.

אָבער איהר לאַכט מיט מיטלייד פון מיין גלויבען אין דעם אידישען פּאַטריאָטיזם. איהר האָט געלעזען די „סצענען פון דעם געטהאָ“ און איהר ווייזט אָן אויף די פיגור פון דעם אַלטען מענדעל ווילנא, וועלכער האָט געהאַט די משוגענע אידעע צו וועלען געווינען די ראָטשילדס פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון ירושלים און דעם בית־המקדש, אָבער וועלכער האָט געקענט בעגייסטערען פאַר זיין וואונש נור אַ קינד. בשעת דאָס קינד איז שפּעטער אויסגעוואקסען און איז געוואָרען אַ סטודענט, איז עס געוואָרען קלוג גענוג צו פערשטעהן, דאָס נאָר קינדער און נארען קענען קלערען מכח דעם ווידער־אויפבוי פון ירושלים. דער אידישער פּאָעט, אַזוי מיינט איהר, זעהט אין די נאַציאָנאַלע געפיהלען פון די פרומע אידען, וועלכע ער אַליין שילדערט, נאָר אידישע קריסטמאַס בוימער פאַר קליינע קינדער און גרויסע נארען. — אָבער דאָס אַלעס, מיין פערעהרטע פריינדין, כאַראַקטעריזירט העכסטענס דעם מאָדערנעם אידישען פּאָעט, וועלכער האָט בעקומען „גערמאַנישע בילדונג“, האָט אָבער ניט אויסגעגאָסען זיין הארץ־בלוט אין זיינע אידישע פּאָעזיען, אַזוי ווי יהודה הלוי, וועלכער נעהמט דעם וואַנדער־שטאַב און געהט אין ארץ־ישראל, כדי דאָרט צו שטאַרבען. אייערע דיכטער כאַראַקטעריזירען ניט דאָס אידישע לעבען. איהר ווייסט דאָך דעם אַלטען שפּריך־וואָרט: קינדער און נארען זאָגען דעם אמת. — דער געדאַנקען, פון וועלכען עס זיינען געוועזען כמעט משוגע מענדעל ווילנא, די קליינע נערווען־קראַנקע און מאָריץ, בשעת ער האָט זיך נאָך גערופען משה׳לע — דאָס איז דער גרונד־געדאַנקען פון אַלע פרומע אידען פון חורבן ירושלים ביז היינט, און — זאָל זיך העֶרר קאָמפּערט ניט ערגערן — אפילו צווישען די רייכע ברידער פון די ראָטשילדס.

איהר דאַרפט איבריגענס ניט פערגעסען, דאָס קאָמפּערט לאָזט אַ אידישען סטודענט אָבלייקענען די אידישע נאַציאָנאַליטעט. דיזער סטודענט שפּיגעלט אָב זעהר טריי דעם סקעפּטיציזם פון אונזער צייט, ווען ער איז אין ספק מכח דעם פרומען געדאַנקען פון דער פּאָליטישער ווידערגעבורט פון אונזער פּאָלק. אָבער וועלכער געבילדעטער איד וואָלט מיט איינינע יאָהר פריהער אין דייטשלאַנד געוואַגט אויסצודריקען זיך פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון אונזער נאַציאָן, ווית האָבענדיג קיין מורא ערקלערט צו ווערען

פאר משוגע! — קאמפערט פיהרט ארוים אין זיין ערצעהלונג לעבען דעם אידישען סטודענט מיט זיין טעאָרעטישער גלייכגילטיגקייט און פראַקטישער בעגייסטערונג פאר די אידישע נאַציאָן — א צעכישען סטודענט, וועלכער איז טעאָרעטיש בעגייסטערט פאר הוס און בעהמען, ווערט אָבער צום סוף א זעלבסט־צופרידענער גלח, וועלכער פערבייט דעם קאמפפס־שווערד אויף דעם גלח'שען פאס מיט ווייררויך. — איך געפין דערפאר מעהר ניט אין קאַמפּערט'ס שילדערונג פון דעם געבילדעטען איד יענע קלאָגעדיגע גלייכגיל־טיגקייט, וועלכע מען האָט פאַרגעוואָרפען ביז איצט א טייל פון אונזערע דייטשע אידען. היינט קען מען שוין, ווי געזאָגט, ניט מאכען זיי אזא אבסאָלוטען פאָרוואורף.

פערגעסט ניט, ליעבע פריינדין, דאָס איהר האָט דאָך קרי־טיקירט מיין זעהר שטרענגע בעאורטיילונג פון די געבילדעטע דייטשע אידען, וועלכע איך וויל יעצט אביסעל אָבשוואכען. איך האָב אנערקענט די גוטע ווירקונג פון דעם אידישען פאטריאָטיזם, וועלכע לאָזט זיך פיהלען געגען די אידישע גלייכגילטיגקייט, וועל־כע איז אָבער מעהר א מאָדע־זאך און ליגט מעהר אויף די ליפען פון די "נייע־מאָדישע", ווי זי נעהמט זיך ווירקליך פון הארצען. די בײנקעניש צו דעם לאנד פון די עלטערן און דער וואונש צו העלפען אונזערע ברידער, וועלכע פאָהרען אהין־צו שטארבען, האָט אויך אָנגעהאפּט די הערצער פון אונזערע געבילדעטע. די רייזען אין ירושלים, די אונטערשטיצונגען פון אונזערע דאָרטיגע ברידער, די פערשיעדענע אנשטאלטען אין פאלעסטינא קומען שוין ניט נאר אויסשליעסליך פון אָרטאָדאָקסישער זייט. — דיזע ערנסטע בעמיהונגען צום בעסטען פון אונזערע ברידער אין אָריענט בע־וויזען, דאָס עס פעהלט היינט ניט צווישען אידען פון אלע קלאַ־סען דער גוטער ווילען צו העלפען דער נויט. — מען דארף נאָר נאָך אריינטראָגען מעהר פלאנמעסיגקייט אין דאָס פרומע נאציאָ־נאלע ווערק. אונזערע אידישע פילאנטראָפּען שטויסען זיך אָן אין ירושלים, אזוי ווי אומעדום, אויף געוואלדיגע מניעות, ווען זיי ווילען העלפען דעם וועלט־היסטאָרישען אומגליק פון אונזערע ברידער דורך פילאנטראָפּישע אנשטאלטען און נדבות, אָדער ווען זיי ווילען העלפען די מאָראליש־גייסטיגע ענטוויקלונג פון אונזערע ברידער אין אָריענט דורך טעאָרעטישע בילדונגס־מיטלען, פאר

וועלכע עס איז ניטא קיין סאָציאַלער יסוד. — די ערְאָבערונג פון אַ שותפות׳דיגען נאַציאָנאַלען באָדען, די פערבעסערונג פון די געזעצליכע צושטענדען, די גרינדונג פון אידישע געזעלשאַפטען פאַר אַקערבוי, אינדוסטרי און האַנדעל לויט אידישע, דאָס הייסט סאָציאַליסטישע פּרינציפּען, דאָס זיינען די יסודות, אויף וועלכע דאָס יודענטום קען זיך אויפהויבען אין אָריענט. דער פייער פון דעם אַלט־אידישען נאַציאָנאַליזם, וועלכער פלאַקערט נאָך אונטער דעם אש פון דעם טויטען רעליגיעזען פאָרמאַליזם, וועט זיך ווידער פאַנאַנדערברענען און ניי־בעלעבען דאָס גאַנצע יודענטום. אויף דעם געמיינזאַמען באָדען פון דעם אידישען נאַציאָנאַליזם וועלען זיך די פרומע און די אויפגעקלערטע, די אָרעמע און די רייכע דערקענען אַלס די קינדער פון די זעלביגע העלדען, וועלכע האָבען געקעמפּפט מיט די מעכטיגסטע און ציוויליזירטעסטע פעלקער פון דער אַלטער וועלט, מיט מצרים, אשור, גריכענלאַנד און רוים, און האָבען דיזע אַלע פעלקער איבערגעלעבט. זיי וועלען זיך דערקענען אַלס די קינדער פון דעמזעלביגען שטאַם, וועלכער האָט איבערגעטראָגען אַ צוויי־טויזענד־יעהריגעס מאַרטירערטום און האָט שטענדיג הויך און הייליג געהאַלטען די פאָהן פון זיין נאַציאָנאַליטעט, די ספר תורה, צוליעב וועלכער ער איז פערפאָלגט געוואָרען...

אין דיזען אויגענבליק, בשעת אַנדערע ארבייטען צווינגען מיך צו אונטערברעכען מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט אייך, ווערט מיר איבערגעגעבען די העברעאישע שריפט פון אַן אָרטאָדאָקסישען אידישען רב, וועלכער קומט פון אַ תלמודישען שטאַנדפּונקט צו דיזעלביגע רעזולטאַטען, ווי דער קריסטליכער פראַנצויז אין זיין „נייער אָריענטאַלישער פראַגע“. איך קען נאַטירליך די רעזולטאַטען פון זיין בעהאַנדלונג פון דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע אונטערשרייבען אין אַלע פּונקטען. פון דיזער העברעאישער שריפט וויל איך אייך איבערגעבען דעם הויפּט־אינהאַלט אין דייטשער איבערזעצונג, אַזוי ווי איך האָב דאָס געטהאָן מיט דער פראַנצויזישער שריפט:

„אַבוואָהל עס איז אפילו נאָך ניט נעקומען די צייט פון גנאָד צו זוכען מיטלען, ווי מיר זאָלען אויפבויען גאָטס מזבח אין ציון,

אבוואהל די האפנונג איז נאך ווייט, צו בעקומען דערצו אן ער־לויבנים פון דעם טערקישען סולטאן, איז דאך דער פאלגענדער פלאן ראטזאם אין אונזער צייט, ווען גרויסע אידישע מענשען האבען בעקומען מיט גאטס הילף א פאליטישען איינפלוס און האבען אין זייערע הענט דעם גאלדענעם הערשער־שטאק, ווען עס זיינען פאראן אמת׳ע אידישע פירסטען, ווי מ א נ ט ע פ י א־ר ע, א ל ב ע ר ט ק א ה ע ן, ר א ט ש י ל ד, פ ו ל ד א. ז. וו., אידישע שרים, וועלכע זיינען ביי אונז ניט געוועזען זייט דעם חורבן. זאל זיי גאט העלפען! זאלען זיי בעשאפען א קא־לאניזאציאנס־געזעלשאפט פאר ארץ ישראל, א חברת ארץ נושבת! מיט זיי זאלען זיך פערבינדען בכבוד׳יגע און רייכע אידען פון אלע וועלט־טיילען, אידען, וועלכע ליעבען דאס הייליגע לאנד. — זייער טעטיגקייט זאל בעשטעהן אין פאלגענדעס:

א) זיי זאלען קלייבען נדבות, כדי אבצוקויפען וויסטע שטערט, פעלדער און כרמים אין הייליגען לאנד, כדי דער מדבר זאל ווערען א לבנון, די חורבות זאלען ווערען פרוכט־פעלדער, און דאס אונבעוואהנטע וויסטע לאנד זאל ווידער אויפבליהען ווי א ליליע און זאל בריינגען פרוכט, ווי דאס פעלד, וועלכעס גאט האט געבענשט. ביסלעכווייז וועלען בערג, טהאלען, דערפער און וויס־טע שטערט אריינקומען אין דעם בעזיץ פון דער געזעלשאפט, וועלכע וועט קענען ארויסגעבען אקציען, וועלכע וועלען זיך אהן צווייפעל מיט דער צייט אויך קענען רענטירען.

ב) פיעלע אידען פון רוסלאנד, פוילען און דייטשלאנד זאלען אונטערשטיצט ווערען פון דער געזעלשאפט, כדי צו בעאר־בייטען דאס לאנד אונטער דער לייטונג פון ספעציאליסטען, און זאלען בעקומען נחלאות, לכתחילה אומזיסט, ביז זיי וועלען אימ־שטאנדע זיין, ווען דאס לאנד וועט אנהויבען טראגען ריוח, צו בעארבייטען דאס לאנד אלס פעכטער.

ג) מיליטעריש אויסגעלערנטע אידען זאלען אנגעשטעלט ווערען, כדי צו קעמפפען געגען די רויבערישע איבערפאלען פון די בעדואינען. זיי זאלען אויך זיין די פאליציי, זאלען געבען קראפט דעם געזעץ און זאלען בעשאפען ארדנונג אין לאנד.

ד) א לאנדווירטשאפטליכע שולע זאל אויפגעבויט ווערען,

כדי צו ערציהען אידישע קינדער און יונגע לייט צו אַקערבוי אין ארץ ישראל. דיזע שולע, אין וועלכער עס קענען געלערנט ווערען נאָך אַנדערע וויסענשאַפטען און קונסטען, וועלכע זיינען נים גע־גען אונזער רעליגיאָן, קען געגרינדעט ווערען אין פּאַלעסטינאַ אָדער אין אויסלאַנד, יעדענפאַלס אָבער אין אַזאַ לאַנד, ווי למשל פראַנקרייך, פּראָדוצירט וויין און אייל, כדי די תלמידים זאָלען זיך פּראַקטיש אויסבילדען פאַר די אַגריקולטור, וועלכע איז פערברייטעט אויך אין ארץ־ישראל.

גאָט וועט אונז דאַן ביישטעהן מיט זיין גנאָד און מיר וועלען אָנהויבען קליין אָבער אַלץ מעהר און מעהר ערווערבען אייגענטום אין הייליגען לאַנד, ווי דער נביא האָט עס אָנגעזאָגט. פון אונזער זייט מוז אָבער דער אָנפאַנג געמאַכט ווערען, ווי איך האָב עס בעוויזען מיט ראיות פון תלמוד און מדרש."

דאָס האָט געשריבען דער ראַבינער ק א ל י ש ע ר, פון טאָרן.

בין איך דען ניט געווען גערעכט, בשעת איך האָב פאַר אייך גרויס געהאַלטען דעם געזונדען פּראַקטישען זין פון אונזער פאָלק און האָב געזאָגט, דאָס די פרומע אידען וועלען אויסשטרעקען די האַנד צו די אויפגעקלערטע אידען אויף דעם געמיינזאַמען באָדען פון אונזער נאַציאָנאַליטעט?

פון אַן אַנדער זייט ווערט מיר בעריכטעט, דאָס אין דעצעמבער פאָריגען יאָהר איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין אויסטראַליען אַ גרויסער מיטינג, אויף וועלכען בעריהמטע אידען און קריסטען האָבען פאָרגעשלאָגען עהנליכע בעשליסען, וועלכע די פערזאַמלונג האָט גוט־געהייסען *). אַלזאָ, ניט נאָר אידען פון פערשיעדענער בילדונג, נאָר אויך די פערשיעדענע קריסטליכע רעליגיאָנען און קולטור־פעלקער פערייניגען זיך אַלע אין דעם וואונש, צו העלפען אונזער פאָלק צו זיין נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט. דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, דאָס אַלע זיינען כמעט ווערטליך איינשטימיג אין די מיטלען, וועלכע זיי שלאָגען פאָר צו דיזען צוועק. — אויב איך וואָלט זיך גענויטיגט אין אַ בעשטעטיגונג צו מיינע איבער־

*) נאָטע 10.

ציינונגען, וועלכע איך האָב אויפגעקליבען אין לויף פון לאנגע שטודיען און ערפאהרונגען, וואָלט איך זי געפונען אין דער איינ־שטימיגער מיינונג פון אזוי פיעל מענשען און פעלקער, וועלכע זיי־נען פון די פערשידענסטע שטאנדפונקטען געקומען צו דיזעלביגע רעזולטאטען. איך זעה שוין די געזעלשאַפט, וועלכע א פרומער אי־דישער פאטריאָט האָט פאָרגעשלאָגען, און וועלכע הויבט אָן די קאָלאָניזאציאָן פון פאַלעסטינא אונטער דעם שוץ פון די מערב־איירָאָפּעאישע פעלקער. ווי באלד דער וואָהלשטאנד וועט ווערען גרעסער אונטער דעם שוץ פון דעם געזעץ און אויף דעם יסוד פון ארבייט, וועלען אין ארץ ישראל אזוי גוט ווי אין דייטשלאנד און די איבריגע איירָאָפּעאישע לענדער ענטשטעהען אידישע אוניווער־זיטעטען אונטער דער לייטונג פון טיכטיגע געלערנטע, וואָס זייער גייסטעס־בילדונג וועט ניט דארפען קומען מעהר אין סתירה מיט דעם אלט־אידישען נאציאָנאל־קולט.

די טרייע בעשיצער פון דעם הייליגען קבר פון אונזער נאציאָ־נאליטעט ווילען, ניט קוקענדיג אויף זייער אָרימקייט, גאָר נישט וויסען פון אונטערשטיצונגען און אונטערנעהמונגען, וועלכע בריינ־גען אין סכנה דעם אלט־אידישען קולט. דערפאר הערען אונזערע מעריב־איירָאָפּעאישע פילאנטראָפּען ניט אויף זיך צו קלאָגען, דאָס „מען קען מיט דיזע מענשען גאָר נישט ניט מאכען“. — געוויס, אייער פלאנלאָזיגקייט און אייערע משונה׳דיגע פלאנען פיהרען צו גאָרנישט, זיי קענען מעהר ניט אומעטום בריינגען שאדען און מחלוקת. פארקלאָגט אָבער ניט יענע מענשען, וועלכע ווילען בע־סער שטארבען אין עלענד אויף דער הייליגער ערד, איידער ווערען אונטריי דעם אלטען קולט. קלאָגט זיך אויף אייער אונבעקאנט־שאַפט מיט די בעדירפניסען פון יודענטום און פון דער צייט, ווען איהר קענט ניט דערגרייכען קיין גליקליכען רעזולטאט, ניט אין מזרח און ניט אין מערב.

דאָס הארטע אָרטאָדאָקסישע אייז וועט זיך באלד צוגעהן, ווען נאָר דער פונק פון דעם אידישען פאטריאָטיזם, וועלכער פלאקערט אונטער דיעזען אייז, וועט זיך פאנאנדערברענען צו א פייער, וואָס אונטער זיין איינפלוס וועט קומען דער פריהלינג און אונזער נאציאָן וועט אָנהויבען ווידער אויפלעבען. — פארקערט איז דאָס מערב־

אייראָפּעאישע יודענטום נאָך ארומגערינגעלט מיט א הארטען שאָ־לעכץ, מיט די טויטע רעסטלאך פון די ערשטע לעבענס־רעגונגען פון מאָדערנעם גייסט, מיט דער אונאָרגאנישער שיכט פון א אָב־געשטאָרבענער ראציאָנאַליסטישער אויפקלערונג. דיזער שאָלעכץ קען ניט צוגעהן דורך דאָס פייער פון דעם אידישען פּאטריאָטיזם, ער קען נאָר צובראָכען ווערען דורך אן אויסערליכען דרוק, וואָס אונ־טער זיין קראפט מוז אלעס אָבשטארבען, וואָס האָט ניט קיין צו־קונפט. — אין גענענזאַץ צו דער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע קען ניט צושטערט ווערען פון אויסען און ניט ברייגגען דערביי אין סכנה דעם קערן פון דער אידישער נאציאָנאליטעט, קען דער הארטער פּאנצער, וועלכער רינגעלט ארום די הערצער פון אונזערע מאָדער־נע קולטור־אידען, צובראָכען ווערען נאָר דורך א גוואלדיגען שטורם פון אויסען. פיליבט וועלען שוין אין דער נאָהנטער צוקונפט די וועלט־פערהעלטניסע ארויסרופען דיזען שטורם.—דער אלטער בנין פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט, וועלכער איז אזוי אָפט בעשע־דיגט געוואָרען פון די שטורמס פון דער רעוואָלוציאָן, פלאצט און פאלט יעצט פאנאנדער אין אלע עקען און ענדען; ער קען מעהר קיין נייעם שטורם ניט אריבערטראָגען. — פאראן מיטעל־וועזען, וועלכע שטעהען צווישען רעוואָלוציאָן און רעאקציאָן, וועלכע ווי־לען האָדעווען די מאָדערנע געזעלשאפט און ווערען פון איהר דער־נאָך פערשלונגען, אזוי ווי די שקארפּיאָנמוטער פון איהרע קינדער. י ע נ ע אמען פון פּ אָ ר ט ש ר י ט, וועלכע פּרעדי־גען דעם שעפּפער זעלבסט ווייזהייט, מעסיגונג און שפּארזאמקייט, כדי ער זאָל זיך חלילה ניט איבעראיילען אין זיינע שעפּפונגען, יע־נע טרעגער פון דער קולטור, יענע רעטער פון דער געזעלשאפט און פערוואלטער פון שפּארקאסען: די שפּעקולאנטען אין פּאָליטיק, אין רעליגיאָן, אין פילאָזאָפיע און אינדוסטרי, יענע אלע וועלען די לעצטע שטונדען ניט איבערלעבען. — אויך אונזערע אידישע רע־פאָרמאטאָרען וועלען צוזאמען מיט אלע איבריגע אמען פון פּאָרט־שריפט באלד פארענדיגען זייער צייטווייליגע עקזיסטענץ. — דער־פאר אָבער וועט נאָך דער לעצטער קאטאסטראָפע, וועלכע מוז באלד קומען, דאָס אידישע פאָלק צוזאמען מיט אלע אנדערע געשיכטס־פעלקער אָנהויבען פאָדערען זיין רעכט.

זכור ימות עולם, בינה שנות דור, שאל אביך ויגדך, זקנך ויאמר לך. בהנחל עליון גוים, בהפרידו בני אדם...

אזוי ווי נאָך דער לעצטער קאטאַסטראָפע פון דעם אָ ר ג אַ נ י ש ע ן ל ע ב ע ן, בשעת די געשיכטליכע ראסען זיינען אויפגעטראָטען אין דער וועלט, האָבען די שבטים בעקומען זייער פּלאַץ און זייער ראָליע, אזוי וועט אויך נאָך דער לעצטער קאטאַסטראָפע פון דעם ס אָ צ י א ל ע ן לעבען, בשעת דער גייסט פון די היסטאָרישע פעלקער הויבט אָן אויפצובליהען, וועט אויך אונזער פאָלק צוזאמען מיט די אנדערע געשיכטס־פעלקער פארנעמען זיין פּלאַץ אין דער וועלט־געשיכטע.

עפּילאָג.

זכור ימות עולם.

1.

גריכען און אידען.

די גייסטיגע אנשויאונגען פון דעם מענשען, צו וועלכער רעליגיאָן און נאציאָן ער זאָל ניט געהערען, ענטוויקלען זיך מיט די לעבענסערפאהרונגען, וועלכע ער מאַכט אין דעם ס אָ צ י א ל ע ן לעבען, וואָס רינגעלט איהם ארום. דיזע אנשויאונגען האָבען אָבער זייערע ווארצלען, אקוראט ווי דאָס גאנצע סאָציאַלע לעבען, דורך די פערמיטלונג פון פאמיליע און ראסע, אין אָ ר ג א נ י ש ע ן לעבען, מיט וועלכען זיי שטעהען אין דעם זעלבען ענגען צוזאמענהאנג, ווי דאָס אָרגאנישע לעבען שטעהט מיט דעם ק אָ ס מ י ש ע ן.

עס איז ניטאָ צווישען דיזע דריי לעבענס־ספערען קיין אבסאָלוטער אונטערשיעד, קיין פאָלקאָמענע שיידע־וואנד, אזוי ווי עס איז ניטאָ קיין אבסאָלוטער אונטערשיעד צווישען דעם גייסטיגען און מאַטעריעלען לעבען. איינס ווארצעלט אין דאָס אנדערע. אָבער דיעזע דריי לעבענס־ספערען בילדען שארף פאנאנדערגעטיילטע לעבענס־שטופען אָדער לעבענס־אלטער אינערהאלב פון דעם א י י נ ע ם און אונטהיילבארען, אייביג יונגען און אייביג אלטען אוניווערסאלען לעבען. אזוי ווי אין יעדער איינצעלנער לעבענס־

ספערע, אזוי איז עס אויך אין דעם גאַנצען אוניווערסאַלען לעבען. די ענטוויקלונג צו אַ העכערער לעבענס־שטופע איז פערבונדען מיט דעם רעגרעס פון אַ נידריגערער לעבענס־שטופע. — פערגליכען מיט דער העכערער לעבענס־שטופע פון דער אָרגאַנישער וועלט, איז אויך די קאָסמישע וועלט אַן אונטערגעאָרדנטע און אַ ל ע ב ל אָ ז ע, בעזונדערס אויף דעם גרעניץ־שיכט, וועלכעס פיהרט פון לעבען פון די וועלט־קערפּער צום לעבען פון די אָרגאַניזמען. אויף דער אויבערפלעכע פון אונזער וועלט־קערפּער, פון וועלכען מיר קענען בעאָבאַכטען נאָר איינצעלנע און פּאַראיינצעלטע טיילען פון דער וועלט, זעהען מיר נאָר די טויטע איבערגעבליבענע רעסטען פון דער קאָסמישער לעבענס־ספערע, פון וועלכע עס ענטוויקעלט זיך די נייע העכערע אָרגאַנישע לעבענס־ספערע. ווען מיר בעאָבאַכטען אָבער דאָס לעבען פון די וועלט־קערפּער אין וועלט־רוים, דאָס הייסט דאָרטען וואו דאָס לעבען ענטשטעהט פון זעלבסט און ענטוויקעלט זיך, זעהען מיר אין איהם די צייכען פון געטליכען לעבען, אזוי ווי דאָס איז אויסגעדריקט געוואָרען זעהר ריכטיג אין אונזער ליטעראַטור מיט די ווערטער: סוף מעשה במחשבה תחלה. די מערקווירדיגע ערשיינונגען, וועלכע מען האָט בעאָבאַכטעט ביי די קאָמעטען אין דער היינטיגער צייט, אזוי ווי אין 17טען יאָהר־הונדערט; די פאַנאַנדערטיילונג פון דעם ביעלאַ׳שען קאָמעט; די בעאָבאַכטעטע פערענדערונגען ביי דיעזען קאמעט אזוי ווי ביי אַנדערע קאמעטען; די קאסמישע נעפּעלס, זייערע דרעהונגען און זייער גרופּירונג אין שטערען־סיסטעמען און פּלאַנעטען־סיסטעמען, דיזע אַלע און עהנליכע ערשיינונגען, וועלכע דער טעלעסקאָפּ צייגט אונז, זיינען לעבענס־פּראָצעסען. זיי קענען ניט ערקלערט ווערען דורך די מעכאַנישע גראַוויטאַציאָנס־טעאָריע, אזוי ווי עס קען ניט ערקלערט ווערען מעכאַניש דער טיילונגס־פּראָצעס פון אַן עמבריאָן אָדער די גענעטישע ענטוויקלונג פון די אינפוזאָריען אָדער די גרופּירונג פון די אָרגאַנען אין אַ לעבעדיגען אָרגאַניזם, וועלכער איז נאָר ק אָ מ פּ ל י צ י ר ט ע ר, איידער דער אויך־לעבעדיגער קאָסמישער אָרגאַניזם.

אויף דעם גלייכען אופן שטעהט דאָס מענשליכע, סאָציאַלע לעבען העכער, איידער דאָס אָרגאַנישע, אָבער עס אונטערשיידעט זיך

ניט פון איהם אבסאָלוט, אזוי ווי דאָס אָרגאַנישע אונטערשיידעט זיך ניט פון קאָסמישען לעבען. אויף דעם גרעניץ פון דער אָרגאַנישער צו דער סאָציאַלער לעבענס־ספערע שטעהט די נאַטירליכע אָרגאַנישע ראַסע, וועלכע איז נאָך גייסטלאָז אין פערגלייך מיט דעם העכערען הומאַנעם לעבען. די ראַסע איז אָבער די וואָרצעל פון דער סאָציאַלער לעבענס־ספערע, אזוי ווי דער וועלט־קערפּער איז די וואָרצעל פון דער אָרגאַנישער.

דאָס סאָציאַלע לעבען איז לכתחילה אַ פּראָדוקט פון בעשטימטע מענשען־ראַסען, פון פערשיעדענע פאָלקס־שבטים, וועלכע אָרגאַניזירען זייערע לעבענס־איינריכטונגען נאָך אַ בעשטימטען טיפּ.— אין לויף פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג קומען אין אַ ווידערשפּרוך צווישען זיך די טיפּישע געגענזעצען פון די אורשפּרינגליכע לעבענס־איינריכטונגען אין די פּרימיטיווע לעבענס־אַנשויאונגען. ערשט פון זייער צוזאַמענשטויס קומען אַרויס די גייסטעס־פונקען, וועלכע ווערען די ליכט־קערענדלאַך פאַר אַ העכערע האַרמאָנישע לעבענס־געשטאַלט.

די איינהייט פון דעם מענשען־געשלעכט ענטוויקעלט זיך אין דער היסטאָרישער ארבייט, און איז ניט געגעבען געוואָרען שוין לכתחילה דורך די נאַטור. זי איז ניט קיין אונמיטעלבאַרעס פּראָדוקט פון אָרגאַנישען לעבען, נאָר זי איז די לעצטע פרוכט פון דעם סאָציאַלען, היסטאָרישען ענטוויקלונגס־פּראָצעס. איהר מקור איז די פערשיעדענאַרטיגקייט פון די אורשפּרינגליכע פאָלקס־שבטים, איהר בעדינגונג איז דער קאַמפּף פון די פעלקער, און זייער האַרמאָני איז איהר ציעל.

די אויף אזא אופן פערשטאַנענע איינהייט פון דעם מענשען־געשלעכט מיינט, דאָס עס איז פאַראַן אַ פּלאַן אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. — די פערשידענאַרטיגע ערשיינונגען פון סאָציאַלען לעבען זיינען לכתחילה דערצו בעשטימט צו קומען אין אַ האַרמאָניע, אזוי ווי די פערשיעדענאַרטיגע ערשיינונגען פון אָרגאַנישען און קאָסמישען לעבען. אָט דיעזער איינהייטליכער געטליכער פּלאַן אין דער געשיכטע איז שוין קלאָר געוואָרען היינט, אין דער לעצטער שטופע פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג. — אין אַלטערטום אָבער, בשעת די פעלקער זיינען נאָך געווען פער־

זונקען אין דער נאַכט פון נאַטור־לעבען, איז געווען נאָר איין פאָלק, וועלכעס האָט דורך זיין זשעניע דערקענט אָדער וועניגסטענס גע־פיהלט אַ געטליכען פּלאַן אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, אַזוי ווי אין דער געשיכטע פון דעם קאָסמישען און אָרגאַנישען לעבען. יענעס פאָלק האָט מגלה געווען דיעזען פּלאַן אין אַ ליטעראַ־טור, וועלכע ווערט היינט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענשהייט פערעהרט אַלס אַ הייליגע התגלות.

ווען מיר פערשטעהען ריכטיג דעם געשיכטס־פּלאַן, וועלכער איז ענטהאַלטען אין די הייליגע אידישע ספרים, דערקענען מיר אין איהם ניט נאָר די איינהייט פון מענשענגעשלעכט, נאָר די אחדות פון דעם גאַנצען קאָסמישען, אָרגאַנישען און סאָציאַלען לעבען. די הייליגע ספרים פון אונזער פאָלק ערקלערען די אחדות פון גאָט, אַבוואָהל די וועלט איז אַ ריבוי, זיי ערקלערען די אחדות פון דעם מענשען־געשלעכט, אַבוואָהל די מענשען־ראַסען זיינען פערשיעדען. וואָרים דער גאַנצער פּלאַן פון דער געשיכטע פון דער וועלט האָט געשוועבט פאַר דעם גייסט פון אידישען פאָלק פון אָנהויב אָן פון זיין אייגענער געשיכטע.

די גאַנצע ליטעראַטור פון די אידען קען פערשטאַנען ווערען נאָר פון דיעזען גענעטישען געזיכטס־פונקט פון אידישען פאָלק. דאָס יודענטום איז אַ געשיכטס־רעליגיאָן, א געשיכטס־קולט, אין געגענזאַץ צו דעם נאַטור־קולט פון די אומות העולם.

די התגלות פון דעם אידישען גייסט אין אָנהויב פון דער מענשליכער געשיכטע וואָלט געווען דורכאויס אונערקלערליך און איבערנאַטירליך, ווען עס וואָלטען ניט געווען לכתחילה קיינע פער־שיעדענע פעלקער מיט אייגענטימליכע טיפּישע גייסטעס־תכונות, וועלכע האָבען שוין פון אָנהויב אָן געמוזט קומען צו פערשיעדענע אנשויאונגען. דיעזעלבע וואונדער פון גייסט טרעטען אויף פאַר אונז אין די פערשיעדענע שפּראַכען פון די אור־פעלקער. די פּרי־מיטיווע רעליגיאָנען און פּרימיטיווע שפּראַכען זיינען ראַסען־שעפּפונגען, אַזוי ווי רענאַן האָט עס ריכטיג בע־מערקט, אַבוואָהל ער האָט ניט געהאַט קיין פאָרשטעלונג פון דער בעדייטונג פון דער פּרימיטיווער אידישער געשיכטס־רע־

ליניאָן. — די געשיכטע בעשטעטיגט אלזאָ, אזוי ווי מיר ווייסען דאָס אויך פון אנטראָפּאָלאָגיע, דאָס עס זיינען לכתחילה געוועזען פערשיעדענע מענשען־ראַסען און פאָלקס־שטאַמען.

אויב די פערשיעדענע ראַסען און פאָלקס־שטאַמען, וועלכע עק־סיסטירען נאָך היינט, וואָלטען ניט געווען קיינע אורשפּרינגליכע, וואָלטען זיי היינט אין מערב־אזיען, אין נאָרד־אפריקא און אין איי־ראָפּא, וואו זיי לעבען צוזאַמען זייט יאָהר־טויזענדער און פאַרמישען זיך, דורך די שטענדיגע פערמישונגען אין די קלימאַטישע איינפלו־סען געדאַרפט שוין לאַנג ארויסברייגגען אזעלכע נייע טיפּען, אין וועלכע מען וואָלט ניט געדאַרפט מעהר געפינען קיין שפּור פון זייע־רע אור־עלטערען. — באמת אָבער האָבען זיך אַלע מענשען־ראַסען און פאָלקס־טיפּען, וועלכע זיינען אונז בעקאַנט פון היסטאָרישע מאָנומענטען, אָדער וועלכע לעבען נאָך היינט אין זייער אורשפּרינג־ליכער היימאַט, דערהאַלטען אין זייער פאָלשטענדיגער גאַנצקייט, ניט קוקענדיג אויף אַלע קלימאַטישע און קולטורעלע איינפלוסען. דער קענער קען זיי אונטערשיידען אויף דעם ערשטען בליק נאָך זייערע פיזיאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע צייכען. די עלטסטע עגיפּ־טישע מאָנומענטען צייגען אונז שוין נעגער, אינדאָ־גערמאַנען, און סעמיטען, אַלזאָ ראַסען, וועלכע האָבען געלעבט צושטרייט זייט אונדענקליכע צייטען לעבען איינאַנדער אין דעמזעלביגען לאַנד, אזוי ווי אויך אין פערשיעדענע לענדער און קלימאַטען. זייער אור־שפּרינגליכער טיפּ האָט זיך אָבער ניט פערענדערט.

די שפּראַכען פון די פעלקער, פון וועלכע אונזער ציוויליזאַ־ציאָן שטאַמט, געהערען מינדעסטענס צו צוויי פּרימיטיווע שבטים, צו די א י נ ד אָ ־ ג ע ר מ א נ י ש ע און די ס ע מ י ט י ש ע. די פאַרצייטיגע קולטור פון די אינדאָ־גערמאַנישע שבטים האָט דער־גרייכט איהר העכסטען פּונקט אין ג ר י כ ע נ ל א נ ד, די קול־טור פון די סעמיטען אין י ה ו ד ה. אין דיעזעביידע לענדער האָט דער טיפּישער גענענזאַץ צווישען די אינדאָ־גערמאַנישע און סעמיטישע פאָלקס־שבטים דערגרייכט זיין העכסטען פּונקט. זייע־רע גרונד־פערשיעדענע לעבענס־אנשויאונגען זיינען ענטהאַלטען אין די קלאַסישע ווערק פון די ג ר י כ ע ן און א י ד ע ן. מיר זעהען דערפון, דאָס די גריכען האָבען אויפגעפאַסט דאָס לעבען אלס

א מ א נ י ג פ א ל ט י ג ק י י ט, די אידען אלס אן א י י נ־ה י י ט, דאס די גריכען האבען געזעהן אין דער וועלט אן אייביגעס ז י י ן, די אידען אן אייביגעס ו ו ע ר ד ע ן. ביי די גריכען וויל דער גייסט דורכדרינגנען דעם רוים, ביי די אידען די צייט. אין גריכישען גייסט שפיגעלט זיך אב די פאלענדעטע שעפפונג, אין אידישען גייסט די אונזיכטבארע ארבייט פון דעם ווערדען. עס איז דער שעפפערישער פרינציפּ, וועלכער האט אנגעהויבען זיינע ארבייטס־טעג ערשט אין סאציאלען לעבען, בשעת ער האט אין נאַ־טור־לעבען שוין דערגרייכט זיין שבת. — די קלאסישע פערטרע־טער פון דעם נ א ט ו ר ־ ש ב ת עקזיסטירען שוין לענגסט ניט מעהר אלס פאלק, אבער דער גאט פון דער געשיכטע און פון דעם ווערדען האט אויף זיין פאלק, וועלכעם האט אנגעזאגט דעם ג ע ־ ש י כ ט ס ־ ש ב ת, צוזייט צווישען אלע פעלקער. אבער דיביידע אורשפּרינגליכע טיפּען פון גייסט, וועלכע האבען ניט מעהר קיינע קלאסישע פעלקער פאר זייערע טרעגער, האבען נאך אלץ קלאסישע אינדיווידוען פאר זייערע פארטרעטער, וועלכע געפינען זיך צווי־שען אלע מאדערנע קולטור־פעלקער.

די ביידע העלדען פון אונזער ליטעראטור ג ע ט ה ע און ש י ל ל ע ר, זיינען די דייטשע רעפּרעזענטאנטען פון דעם געניוס פון די גריכען און אידען, פון דעם נאטור־שבת און געשיכטס־שבת. ווען ה י י נ ע טיילט פאנאנדער אלע מענשען אין גריכען און נאזארענער, האט ער דערמיט אנגעצייכענט, ניט וויסענדיג דאס אליין גענוי, ביידע טיפּישע גייסטעס־ריכטונגען פון דעם נאטור־קולט און געשיכטס־קולט. — אין ה י י נ ע און ב ע ר נ ע האבען די מאדערנע אידען, אקוראט ווי די מאדערנע אינדא־גער־מאנישע פעלקער, ארויסגעבראכט די ביידע טיפּען פון דעם קולטור־לעבען.

נאכדעם ווי עס האט זיך פאלענדעט דער געגענזאץ פון די ביי־דע גייסטעס־ריכטונגען אין צוויי וועלט־היסטארישע פעלקער, איז די פעראייניגונג פון דיזען געגענזאץ געווארען די ארבייט פון דער גאנ־צער קולטור־געשיכטע.

נאך אן ערשטען אונפאלקאמענעם שלום־פערזוך דורך דאס קריס־טענטום איז דיזער פערזוך געמאכט געווארען דורך דעם איסלאם,

וועלכער האָט אָבגענומען ביי דעם ערשטען פערמיטלער, ביים קריס־טענטום, די הערשאַפט אין אזיען און אפריקא און אפילו א טהייל פון איירָאָפא און שפאניען. אזוי ווי פון דער בעריהרונג פון דער גרי־כישער מיט דער אידישער קולטור אין דעם אַלטען אידישען פאַטער־לאַנד איז אַרויסגעוואַקסען דער ערשטער שלום־פּראָצעס, אזוי איז פון דעם צוזאַמענשטוים פון דער אראבישער, אידישער און איירָאָפּע־אישער קולטור אין שפּאַניען, דעם צווייטען פאַטערלאַנד פון די אידען, אַרויסגעוואַקסען דער לעצטער שלום־פּראָצעס פון דיביידע וועלט־היסטאָרישע טיפּען.

דער גייסטעס־פּונקען אָבער, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון דעם צוזאַמענשטוים פון ביידע ריכטונגען, און איז געוואָרען דער זאַמען פאר א העכערע האַרמאָנישע ריכטונג, אין וועלכער עס דאַר־פען שלום מאכען די נאַטירליכע ראַסען־סתירות פון די וועלט־היס־טאָרישע קולטור־פעלקער, דיעזער סאָציאַלער ל י כ ט ־ ז א מ ע ן, דיעזע נייע ה ת ג ל ו ת איז שטענדיג אַרויסגעקומען פון א אידישען גייסט.

בשעת דאָס היידנישע רוים האָט געמאַכט א סוף צו דעם פאַרצייטיגען גריכישען און אידישען קולטור־לעבען, איז אויף די חורבות פון יענעם לעבען ביי דעם ענדע פון אַלטערטום אַרויסגע־וואַקסען א נייע וועלט־אַנשויאונג, וואָס איהר זאַמען איז נתגלה גע־וואָרען אין א א י ד י ש ע ן געניום. — און בשעת דאָס קריסט־ליכע רוים האָט גענעבען א טויט־שטוים דעם קולטור־לעבען אין שפּאַניען, איז אויף זיינע חורבות ביים סוף פון מיטעלאַלטער ענט־שטאַנען די מאָדערנע וועלט־אַנשויאונג נאָך א מאָל דורך א אידען. ס פּ י נ אָ ז א האָט אָבגעשטאַמט פון שפּאַנישע אידען, וועלכע זיינען אַנטלאָפען אין האָלאַנד, כדי זיך צו ראַטעווען פון די הינט פון דער הייליגער אינקוויזיציאָן.

2

קריסטוס און ספּינאָזא.

דאָס יודענטום, וועלכעס האָט שלום געמאַכט מיט דער ווי־סענשאַפט, קען זיין גערעכט צום קריסטענטום, קען פּאָלשטענדיג

אנערקענען זיין וועלט־היסטאָרישע בעדייטונג, דערביי אבער ניט אריינפאלען אין דעם וואסערדיגען קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער אידישער רעפאָרם און ניט פערלייקענען דעם כאראקטער פון דער אידישער רעליגיאָן. דער אידישער געשיכטס־שרייבער דארף שוין היינט ניט זיין פאנאטיש אדער אינדיפערענט צו א רעליגיאָן, וועלכע איז זעלבסט א פּראָדוקט און פאָלגליך א וועזענטליכער טייל פון דער אידישער געשיכטע. דער היסטאָריקער ג ר ע ץ האָט אין דריטען באנד פון זיין געשיכטע געלעזט דאס פּראָבלעם, ווי מען קען זיין א איד, א פרומער פאטריאָטישער איד און אויך אָביעקטיוו בעאורטיילען יענע גרויסארטיגע ערשיינונג, וועלכע איז אין לויף פון אכטצעהן הונדערט יאהר געוועזען פאר דאס אידישע פּאָלק נאָר א קוואל פון פערפאָלגונגען און אונטערדריקונגען.

אייניגע פּראָבען פון ג ר ע ץ וועלען ווייזען, מיט וואָס פאר א פרייהייט פון גייסט און טיעפקייט פון געפיהל א אידישער היסטאָריקער, וועלכער געהערט נ י ט צו דער רעפאָרם־פּארטיי, קען אָבשעצען דאָס קריסטענטום און זיינע גרינדער:

„בשעת יהודה האָט נאָך געציטערט", שרייבט אונזער אידישער היסטאָריקער *), דאָס דער גובערנאַטאָר פּ אָ נ ט י ו ס פ י ל א ט ו ס זאָל ניט טאָן וועלכע עס איז געוואלט־טעטיגקייט און דערמיט ארויסרופען א נייעם אויפשטאנד און נייע ליידען, האָט זיך אָנגעהויבען צו ווייזען א נייע ערשיינונג אין לעבען. זי איז אין אָנהויב געוועזען אזוי קליין, דאס מען האָט זי לכתחילה גאָר ניט בעמערקט, זי איז אבער א דאנק די גינסטיגע אומשטענדען ביסלעכווייז געוואָרען אזוי געוואלטיג און האָט דערגרייכט אזא ריזיגע מאכט, דאס זי האָט אָנגעצייכענט נייע וועגען פאר דער וועלט־געשיכטע... דאָס פאָלק ישראל האָט אָנגעהויבען ע ר נ ס ט צ ו פ ע ר ו ו י ר ק ל י כ ע ן זיין אויפגאבע: צו ווערען דער לעהרער פון די פעלקער.

„די נייע ערשיינונג, וועלכע איז ארויסגעוואקסען אונטער פילאטוס, האָט דערוועקט די גרעסערע אינווענדיגע טיילנאהמע פון די אומות העולם אן דער לעהרע פון יודענטום. אבער דיעזע

*) געשיכטע פון די אידען, טהייל 3, קאפּיטעל 11. זעהט אויך טהייל 4, קאפּיטעל 5, 8, 9. און אויך נאָטען 9, 14 און 19.

ערשיינונג איז באלד אריינגעקומען אין א שארפע סתירה צו איהר אורשפרונג א דאנק איהרע פרעמדע עלעמענטען און די אייגענע פערפרעמדונג פון דער אידישער לעהרע. די אידישע רעליגיאן, וועלכע האט געבארען דיזע ערשיינונג, האט פון איהר ניט געהאט קיינע מוטער־פריידען, ווארום די טאכטער האט זיך באלד פיינד־ליך אבגעזונדערט פון איהר אורשפרונג, און איז געגאנגען אין א וועג, וואוהין יענע האט ניט געקענט נאכגעהן. אויב דאס יודענ־טום וואלט ניט געוואלט אראבווארפען פון זיך זיין אייגענטימלי־כען כאראקטער און ווערען אונטריי צו זיינע אוראלטע איבערצייי־גונגען, האט עס געמוזט אריינטרעטען אין א נעגענזאץ צו זיין קינד. דערפאר האט די לייכטע שמערצלאזע געבורט פון דעם קינד, וועלכעס איז בעשטימט געווארען פאר גרויסע זאכען, געבראכט שפעטער דעם יודענטום שמערץ און פיין, וועלכע האבען איהם א צייט לאנג כמעט ווי פערניכטעט. דיזע נייע ערשיינונג, דיזע אלטע לעהרע אין נייעם קלייד, אדער בעסער געזאגט, דיזעס עסעערטום מיט פרעמדע עלעמענטען איז דאס ק ר י ס ט ע נ ־ ט ו ם , וועלכעס האט אנגעהויבען צו ענטשטעהען אין יענער צייט־עפאכע."

פון י ע ז ו ס זעלבסט זאגט גרעץ פאלגענדעס: „א דאנק זיין גאלילעאישער אבשטאמונג האט יעזוס ניט געקענט זיין אזא תלמיד־חכם, ווי די תלמידים פון שמאי און הלל אין יהודה. פון גליל האט ער געקענט שעפען זיינע קנאפע קענטניסע אין זיין האלב אראמעאישע שפראך. זייענדיג ארעם אין טעארעטישע קענט־ניסע, איז ער געווען רייך אין געפיהל. ער האט געהאט אין זיך איידעלקייט פון הארץ, מאראלישען ערנסט, און לעבענסהייליגקייט אין א הויכער מדרגה. דאס קלינגט פון אלע זיינע ווערטער, און אפילו פון די געפעלשטע לעהרען, וועלכע זיינע אנהענגער האבען פערברייטעט אין זיין נאמען. די ווייכקייט פון יעזוס'ען און זיין עניוות דערמאנען אן ה ל ל , וועלכער איז קענטיג געווען זיין מוסטער. הלל'ס שפריכווארט: „וואס דו ווילסט ניט האס מען זאל דיר טאן, זאלסטו אויך דעם אנדערען ניט טאן", האט ער גע־מאכט פאר דעם אויסגאנגספונקט פון זיינע לעהרען. אזוי ווי הלל האט אויך יעזוס געהאלטען פאר די העכסטע טוגענד — שלום.

זיין גאנצעם וועזען איז געווען אָנגעפילט פון יענער העכערער פרומקייט, וועלכע גיט אב צו גאָט ניט נאָר א שטונדע פון תפילה, א היילינגען טאָג, א שטימונג, נאָר יעדען שריט פון לעבען, יעדע בעוועגונג פון דער נשמה, און אנפערטרויט זיך אין גאנצען צו איהם. ער איז געווען דורכגעדרונגען פון דער ליבע צו דעם צוויי־טען, וועלכע דאס יודענטום פאָדערט אויך בנוגע צו דעם פיינד. ער האָט געווים ניט געשאָלטען זיינע שונאים, און זיינע פערעהרער האָבען איהם געטאָן אונרעכט, ווען זיי האָבען איהם ארייגעלייגט אין מויל קללות און ליעבלאָזע ווערטער געגען זיין אייגענער מו־טער. ער האָט דערגרייכט זיין אידעאל אין די ליידענדע טוגענ־דען, אזוי ווי דאס יודענטום פאָדערט עס: „דו זאָלסט געהערען צו די אונטערדריקטע און ניט צו די אונטערדריקער, זאָלסט הערען זידלערייען און ניט ענטפערען אויף זיי, זאָלסט אלעס טאָן אויס ליעבע צו גאָט און זאָלסט זיך פרעהען מיט די ליידען *)".

„זיין גאנצער געפיהל, וועלכער האָט פעראבשייט געוואלט־טעטיגקייט, וועלטליכע שטרעבונגען און פארטיי־מחלוקות, האָט גע־מוזט פיהרען יעזוס'ן צו די איסיים, וועלכע זיינען געווען פרעמד פון דער וועלט און איהרע הבלים. בשעת יוחנן דער טובל, אדער בעסער געזאָגט, דער איסי, האָט גערופען צו דער טבילה אין ירדן, צו תשובה און צו דער מלכות השמים, איז יעזוס צו איהם געגאַנ־גען און האָט זיך געלאָזט טויפען. די לעגענדע דערצעהלט, דאָס דער הימעל האָט זיך דערבייי געעפענט, און דאס דער רוח הקדש האָט זיך אראבגעלאָזען אויף איהם ווי א טויב, און האָט איהם אָנגע־זאָגט זיין בערוף. אבוואהל עס לאָזט זיך ניט בעווייזען, דאס יע־זוס איז ווירקליך אויפגענומען געווארען אין די כתה פון די איסיים, קען מען פיעלעס פון זיין לעבען און ווירקען דאדורך ערקלערען, דאָס ער האָט אויפגענומען לעהרען פון די איסיים. אזוי ווי די איסיים האָט יעזוס הויך געהאַלטען די פרייוויליגע ארעמקייט און האָט פעראכטעט דעם רייכטום, דאָס געלד, אזוי ווי די איסיים האָט אויך יעזוס געפּרעדיגט די שותפות פון דעם רייכטום. ווי די

*) שבת פ"ח, ב', יומא כ"ג, א', גיטין ל"ו, ב'. דיזע קוועלע האָט דעם כאַראַקטער פון אַן אַלטער בריתא.

איסיים האָט ער געפּרעדיגט דעם אבשיי פאַר יעדער שבועה. „איהר זאָלט ניט שווערען“, אזוי האָט געלערנט יעזוס, „ניט ביים הימעל, ניט ביי דער ערד, ניט ביי אייער קאָפּ, נאָר איהר זאָלט זאגען יאָ אָדער ניין“. די וואונדערהיילונגען, וועלכע ווערען איהם צוגע־שריבען, בעזונדערס די פערטרייבונג פון בייזע גייסטער דורך אָב־שפּרעכען, זיינען געוועזן שטארק פערברייטעטע צווישען די איסיים. עס ווערט ניט בעטראכט אלס אַ בעזונדערעס וואונדער, דאָס יעזוס האָט געקענט פערטרייבען די שדים, נאָר עס ווערט דערצעהלט, דאס ער האָט עס געקענט, אזוי ווי די אַנדערע, ד. ה. דאָס ער איז ניט אָבגעשטאַנען פון די איסיים. — אויך זיין גאנצער קרייז איז גע־שטאַנען נאָהענט צו די איסיים. פון זיין ברודער יעקב ווערט דער־צעהלט, דאָס ער האָט געפיהרט אַ לעבען ווי די איסיים, האָט ניט געטרונקען קיין וויין, האָט ניט געגעסען קיין פליייש, האָט ניט גע־שאָרען די האָר, האָט ניט געברויכט קיין אויל און האָט זיך שטענ־דיג געקליידעט אין לייווענדענע קליידער. אבער יעזוס האָט וואר־שיינליך איבערגענומען די וויכטיגע פאָרשריפטען פון די איסיים: די ליעבע צו ארעמקייט, די פעראַכטונג פון רייכטום און בעזיץ, דעם קאָמוניזם, די עהעלאָזיגקייט, דעם אבשיי פון שבועה, די פעַ־היגקייט צו היילען משוגעים און מטורפים. די אונוועזענטליכע פונקטען פון די איסיים, זייער ריינקייט, זייערע טבילות, דאָס טראגען פון אַ גארטעל האָט יעזוס ניט איבערגענומען. אפילו די טבילה איז ביי יעזוס ניט געוועזן קיין וויכטיגער פונקט, ווארום עס ווערט ערגעץ ניט דערצעהלט, דאס ער האָט דיעזע האנדלונג פארגענומען אדער זי געפּרעדיגט.

„בשעת יוחנן איז פון דעם קעניג הורדוס אריינגעזעצט גע־וואָרען אין די פעסטונג מאחעלוס, האָט יעזוס געוואָלט נור פאָרט־זעצען דאָס ווערק פון זיין לעהרע. ער האָט אָנגעזאָגט אזוי ווי יוחנן: „טהוט תשובה, ווארום די מלכות השמים איז נאָהענט“, האָט אבער דערביי ניט געמיינט, דאס ער וועט האָבען אַ הויפּט־ראָלע אין דעם מלכות השמים, דאָס הייסט אין דער קומענדער משיח־צייט. יעזוס האָט אבער ווארשיינליך פערשטאַנען, דאס אויב זיין רוף זאָל ניט בלייבען ווי יוחנן'ס אַ קול אין דעם מדבר, נאָר אויב ער זאָל האָבען אַ ווירקונג, דאַרף ער זיך דערמיט ווענדען ניט

צום אידישען פאָלק בכלל, נאָר צו א בעשטימטען קלאס. דער אי־דישער מיטעלקלאס, די איינוואָהנער פון די קלענערע און גרעסערע שטעדט, איז געווען מייסטענס אזוי שטארק דורכגעדרונגען פון יראת שמים, מאָראל און פרומקייט, דאס דער רוף צו תשובה וואלט פאר איהם ניט געהאט קיין זין. די ווערטער פון יענעם יונגען מאן צו יעזוס: „איך האָב פון מיין יוגענד אָן בעאָבאכטעט די גע־באָטען פון גאָט, האָב ניט געמאָרדעט, האָב ניט גע׳נואף׳ט, האָב ניט גע׳גנב׳עט, ניט געשוואָרען פאלש, געעהרט פאָטער און מוטער, געליעבט מיין נעכסטען ווי זיך זעלבסט“, דיעזע ווערטער זיינען האראקטעריסטיש פאר די דורכשניטליכע מאָראל פון דעם אידי־שען מיטעלשטאנד אין יענער צייט. די שפּעטערדיגע שילדערונ־גען פון דער פערדאָרבענהייט פון דעם אידישען פאָלק און די פרושים אין דער צייט פון יעזוס זיינען אויסגעטראכטע זאכען און ענטשפּרעכען ניט דער דאמאָליגער ווירקליכקייט. די תלמידים פון שמאי און הלל, די צייט־גענאָסען פון יהודה הקנאי, די בי־טערע שונאים פון הורדוס און די רוימער זיינען ניט געווען מאָ־ראליש קראנק און האָבען געוויס ניט געדארפט קיין דאָקטאָר. יעזוס האָט אויך גאָר ניט געוואלט זיי בעסער מאכען. ער האָט אבער אויך ניט געוואלט ווערען דער פערבעסערער פון די רייכע און אנגעזועהענע, פון די פריינד פון די רוימער און דעם מלכות הורדוס. זיי וואלטען געוויס בעהאנדעלט דעם אונגעלעהרטען מאָ־ראל־פּריידיגער מיט שפּאָט און געלעכטער, ווען יעזוס וואלט זיי דערמאָנט זייער גאוה, זייער פערקויפליכקייט און זייער פּרינצי־פּענלאָזינקייט. יעזוס האָט זיך דערפאר געווענדעט נאָר צו די, וועלכע זיינען ארויסגעשטויסען געוואָרען פון דער אידישער גע־זעלשאפט. אין ארץ ישראל זיינען דאמאלס געווען פּיעלע, וועל־כע האָבען גאר נישט געוואוסט פון דער תורה, פון די אמת׳ן פון יודענטום, פון זיין אלטער גלאנצפולער געשיכטע און זיין צוקונפט. דאָס זיינען געווען מענשען, וועלכע האָבען אריבערגעטרעטען דאס געזעץ, „עבריונים“ אָדער, ווי זיי האָבען זיך דאמאלס גערופען, ז י נ ד י ג ע, וועלכע זיינען פאר זייערע עבירות ארויסגעשטויסען געוואָרען פון דער געמיינדע און האָבען זיך צו איהר גאָר ניט גע־וואָלט אומקעהרען. עס זיינען געווען שטייער־איינמאהנער, וועל־

כע מען האָט אויסגעמידען פאַר זייער פערקרפּליכקייט צו די רוי־
מישע אינטערעסען, און וועלכע האָבען זיך אבגעווענדעט פון דער
תורה און האָבען געפיהרט א ווילדעס לעבען, ניט קימערענדיג זיך
פאַר די פערגאַנגענהייט און צוקונפט. עס זיינען געווען אונווי־
סענדע, נידריגע האַנדוועקער און קנעכט, „עם־הארץ“, וועלכע האַ־
בען זעלטען געהאַט א געלעגענהייט, צו קומען אין ירושלים, צו
זעהן דעם בית המקדש און צו הערען אדער צו פערשטעהן די תורה.
פאַר דיזע האָט דער סיני ניט געפלאַמט און די נביאים האָבען
ניט גערעדט, ווארום די תלמידי־חכמים האָבען ניט פערברייטעט
צווישען זיי די קענטניס פון דער תורה און די נביאים.

„צו דיזע פאָלקס־קלאַסען האָט זיך יעזוס געוואָלט ווענדען,
כדי זיי ארויסצורייסען פון זייער אונוויסענהייט, פון זייער שמוץ
און מאָראַלישער געפאַלענקייט, פון זייער פערפרעמדונג צו גאָט
און זיין געזעץ. ער האָט אין זיך געפיהלט דעם בערוף, „צו ראַ־
טעווען די פערלאָרענע שאָף פון הויז ישראל“. „די געזונדע, דאָס
הייסט די וועלכע עס ווייסען און פאָלגען דאָס געזעץ, בעדאַרפען
קיין דאָקטאָר ניט“, אזוי האָט ער זיך אָפענהערציג אויסגעדריקט,
„נאָר די קראַנקע, כדי קיינער פון זיי זאָל ניט געהר פערלאָרען“*).

„יעזוס האָט עס פערשטאַנען, ווי אויפצוהויבען צו זיך דיזע
זינדיגע און שטייער־איינמאָהנער, ווי אָנצופּילען זייער זין מיט
ליבע צו גאָט, „כדי זיי זאָלען ווערען ווירדיגע קינדער פון פאָטער
אין הימעל“, ווי צו פעראיידעלען זייער הארץ מיט הייליגקייט און
צו פערבעסערען זייער לעבענס־וועג, „כדי זיי זאָלען אריינקומען
אין דעם מלכות השמים“. דאָס איז געווען דאָס גרעסטע וואונ־
דער, וועלכעס ער האָט בעשאַפען. דאָס זיינען געווען די טויבע,
וועלכע ער האָט געמאַכט הערען, די בלינדע, וועלכע ער האָט גע־
עפענט די אויגען, די קראַנקע, וועלכע ער האָט געהיילט, די טויי־
טע, וועלכע ער האָט דערוועקט צום לעבען. די לעגענדע, וועלכע
האָט פערוואַנדעלט זיינע מאָראַלישע וואונדער אין ווירקליכע, האָט
איהם דערמיט געוואָלט פערהערליכען, האָט איהם אָבער נאָר פער־
קלענערט. א בעשאַפער פון מענשען שטעהט אונענדליך העכער

*) מתתיהו, 9, 12; 10, 5; 24; 18, 11, 14; 21, 31 און
אַנדערע שטעלען.

איידער אַ וואונדער־מאַכער. יעזוס האָט געלערנט זיינע תלמידים די טוגענדען פון די איסיים: עניוות, אָרעמקייט, שלום און אחדות. ער האָט זיי געשטעלט אַלסביישפּיעל די קינדער, דאָס זיי זאָלען זיין אַזוי ווי זיי ריין פון עבירות, און זאָלען קענען ווערען מיט־גלידער פון דעם אָנקומענדען מלכות המשיח. דאָס געבאָט פון דער ליעבע צו פרעמדע און פון שלום האָט ער געשטייגערט ביז זעלבסטלאָזיגקייט. „ווען אימיצער שלאָגט דיך אויף׳ן באַק, שטעל איהם די צווייטע באַק אויס, און ווען אימיצער נעהמט ביי דיר אַוועק דאָס אויבערסטע קלייד, טאָ גיב איהם אַוועק דאָס העמד." די אָרעמע האָט ער געלערנט, דאָס זיי זאָלען ניט זאָרגען פאַר שפּייז און טראַנק און קליידונג. ער האָט זיי אָנגעוויזען אויף די פייגעלעך אין הימעל און די ליליען אויף דעם פעלד, וועלכע ווערען געשפּייזט און געקליידעט אָהן זאָרגען. צו די רייכע האָט ער געפּרעדיגט, דאָס זיי זאָלען געבען אויף אַזאַ אופן צדקה, „דאָס די לינקע האַנד זאָל ניט וויסען, וואָס די רעכטע טהוט". די פּער־האַרטעוועטע פאַרמאַליסטען האָט ער געלערנט, ווי צו דאַוונען אין זייער שטילען צימערל און האָט בעשאַפען דערצו אַ קורצע תפילה: „אונזער פאָטער", וועלכע איז וואַרשיינליך געווען פערברייטעט צווישען די איסיים.

„יעזוס האָט גאָר ניט געוואָלט ענדערן אָדער פערבעסערן די אידישע לעהרע אָדער בעשאַפען עטוואָס נייעס, ער האָט נאָר גע־וואָלט ערציהען די זינדיגע צו דער געטליכער לעהרע, און זיי מאַכען ווירדיג פאַר דעם מלכות המשיח. ער האָט אונטערשטריכען די איינהייט פון גאָט און האָט דורכאויס ניט געוואָלט אָבשוואַכען דעם גאָט־בעגריף פון יודענטום. בשעת אַ תלמיד־חכם האָט איהם אַמאָל געפרעגט, וואָס איז דער אמת פון יודענטום, האָט ער גע־ענטפערט: "שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד", און „ואהבת לרעך כמוך". דאָס זיינען די הויפּט־מצוות. בשעת איינער האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט די ווערטער: „ג ו ט ע ר ל ע ה ר ע ר!" האָט איהם יעזוס בעמערקט: „רוף מיך ניט גוטער, וואָרום נאָר איינער איז אַ גוטער, מיין פאָטער אין הימעל". זיינע אָנהענגער, וועלכע זיינען טריי געבליבען דעם יודענטום, גיבען איבער זיינע ווערטער: „איך בין ניט געקומען כדי אויפצולעזען דאָס געזעץ, נאָר איך בין געקומען, כדי עס מקיים צו זיין. עס וועלען גיכער

אונטערגעהן הימעל און ערד, איידער איין אות פון דער תורה"*). דעם שבת האָט ער געהאַלטען הייליג. זיינע אידישע תלמידים האָבען שטרענג געהיט דעם שבת, און אויב זייער לעהרער וואָלט דעם שבת מחלל געווען, וואָלטען זיי אויך דעם שבת ניט געקענט האַלטען הייליג. יעזוס איז געווען נאָר געגען יענע שטרענגקייט פון שבת, אויף וועלכע עס זיינען בעשטאַנען די תלמידים פון בית־שמאי, און לויט וועלכע מען האָט ניט געטאָרט שבת אפילו טאָן גוטס און היילען מענשען. יעזוס איז ניט געווען אפילו געגען קרבנות, ער האָט נאָר פערלאַנגט, אַקוראַט ווי די פרושים, דאָס איידער דער מענש זוכט פערגעבונג ביי גאָט, זאָל ער מאַכען שלום מיט די מענשען*). יעזוס איז אפילו ניט אויפגעטרעטען געגען תעניתים, נאָר געגען די פאַלשע הייליגקייט, מיט וועלכע מען פלעגט פערבינדען דעם פאַסטען. ער איז גאַנץ געשטאַנען אויפ'ן באָדען פון יודענטום, און האָט אפילו פעראַכטעט די היידען, אונ־טער וועלכע מען האָט דאַמאַלס פערשטאַנען די אונטערדריקענדע רוימער און זייערע העלפער, די אָריענטאַלישע גריכען און סיריער. מיט די היידען האָט ער גאָר נישט ניט געוואָלט האָבען צו טאָן. „מען זאָל ניט אַרויסוואַרפען די הייליגקייט פאַר די הינט, און די פעריל פאַר די חזירים, ווארים זיי וועלען עס צוטרעטען מיט די פיס און פערניכטען". בשעת אַ סיריש־גריכישע פרוי פון פע־ניציען האָט איהם געבעטען, דאָס ער זאָל איהר היילען איהר מטורפ'דיגע טאָכטער, האָט ער איהר געענטפערט הארט: „איך בין נאָר געשיקט געוואָרען צו די פערלאָרענע שאָף פון ישראל, און עס איז ניט רעכט אָבצונעהמען דאָס ברויט פון די קינדער און עס אוועקוואַרפען פאַר די הינט". זיינע תלמידים האָט ער פער־זאָגט: „איהר זאָלט ניט געהן דעם וועג פון די היידען און זאָלט ניט אַריינגעהן אין די שטעדט פון די שומרונים". יעזוס האָט זיך געהאַלטען אויף אַזאַ אופן שטרענג אן דאָס יודענטום, האָט ניט געוואָלט גרינדען קיין נייעם בונד*), נאָר האָט געוואָלט אַריינ־

*) מתתיהו, 7, 17, 19.

*) משנא, סוף יומא.

*) די בערג־פרעדיגט פון מתתיהו איז טיילווייז אַזוי געשריבען געוואָרען, אַזוי ווי יעזוס וואָלט וועלען אַרויסטרעטען מיט זיין נייער לעהרע געגען די תורה. עס איז אָבער זעהר אַ פראַגע אויב די בערג־פרעדיגט שטאַמט פון יעזוס.

ברענגען די עקזיסטירענדע רעליגיעזע און מאָראַלישע געדאַנקען אין אזעלכע הערצער, וועלכע זיינען ביז יעצט געווען קאַלט. יעזוס האָט אפילו ניט געפּרעדיגט די השארת הנפש, נאָר תחית המתים*), אזוי ווי אַלע איבעריגע לעהרער פון יודענטום אין יענער צייט. די אויפערשטעהונג פון די געדעכטע און פרומע וועט פאַר־קומען אויף דיזער וועלט, און עס וועט בעגרינדעט ווערען א נייע אָרדנונג, דער עולם הבא. דיעזע צוקינפטיגע וועלט האָט זיך יע־זוס פאָרגעשטעלט אקוראַט ווי די פרושים און איסיים, אין צוזאַ־מענהאַנג מיט די ימות־המשיח, מיט דעם קומען פון דעם מלכות השמים. פאַר די זינדיגע, וועלכע טהוען ניט קיין תשובה, האָט ער אויך געהאַט א פייערליכען גיהנום*). זיין פערדיענסט בעשטעהט אבער הויפּטזעכליך דאַרין, דאָס ער האָט די פאַרשריפּ־טען פון יודענטום נעהנטער געבראַכט צום הארצען און צום געפיהל, דאָס ער האָט אויפגעפּאַסט דאָס פערהעלטניס פון די אידען צו זייער גאָט, ווי פון קינדער צו זייער פאָטער, דאָס ער האָט אונטערגע־שטריכען די ברידערליכקייט פון אַלע מענשען, דאָס ער האָט אַרויס־געשטעלט פאַראויס די מאָראַל, און דאָס ער האָט אריינגעבראַכט דיעזע לעהרע פון היילינקייט אין די הערצער פון אונמאָראַלישע געשעפּסען.

„אמאָל האָט יעזוס ענטדעקט צו זיינע נאָהענטע תלמידים דאָס ציעל פון אַלע זיינע געדאַנקען, דעם געהיימניס פון זיין האַרץ. ער האָט זיי אוועקגעפיהרט אין א וויַיטע געגענד ביים בארג חרמון, ניט וויַיט פון צעזאַרעאַ, וואו דער ירדן שטראָמט אַרויס פון די מעכטיגע פעלזען. אין דיעזער שוידערליכער סביבה האָט ער גע־וואָלט ענטדעקען זיי זיין געהיימסטען געדאַנק. אָבער ער האָט דאָס געמאַכט אויף אזא אופן, האָס זיינע תלמידים האָבען אזוי צו זאָ־גען אַליין געטראָפען זיין געדאַנק, דאָס ער איז דער ערוואַרטע־טער משיח. ער האָט זיי געפרעגט, פאַר וואָס פאַר א מענשען זיינע אנהענגער האַלטען איהם. איינינע האָבען געזאָגט, דאָס ער איז אליהו הנביא, וועלכער מוז קומען פאַר משיח'ן. אנדערע האָ־

*) מתתיהו 22, 23—32.

*) מתתיהו 5, 22.

בען געזאָגט, דאָס ער איז דער נביא, וועלכען משה רבינו האָט אָנגעזאָגט. דאמאלס האָט יעזוס ביי זיי געפרעגט: „פאַר וועמען האלט א י ה ר מיך?“ שמעון פעטרוס האָט געענטפערט: „דו זעלבסט ביזט דער משיח (קריסטוס)“. יעזוס האָט געלויבט דעם שארפען בליק פון פעטרוס, האָט מודה געווען, דאָס ער איז משיח, האָט אָבער פערבאָטען זיינע תלמידים דערפון יעצט צו רעדען*). דאָס איז געווען די געהיימניספולע געבורטס־שטונדע פון קריסטענ־טום. בשעת שפּעטער האָבען איהם זיינע נאָהנטע תלמידים שמעון פעטרוס, יעקב און יוחנן בעמערקט, דאָס פאַר משיח'ן מוז דאָך קומען אליהו הנביא, האָט יעזוס געענטפערט, דאס אליהו איז שוין געקומען אין דער געשטאַלט פון יוחנן הטובל, אבער דאָס קיינער האָט איהם נים דערקענט*). האָט יעזוס ווירקליך געהאט דיעזען געדאנק פון אָנפאנג אן אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה? אדער איז איהם דיעזער געדאנק ערשט געקומען דורך דעם ערפאָלג פון זיין פרעדיגט? דאָס איז א רעטזעל, וועלכער וועט ווארשיינליך קיינ־מאָל ניט קענען געלעזט ווערען. אבוואהל יעזוס האָט זיך דאָ דאָס ערשטע מאָל ערקלערט פאַר משיח'ן, האָט ער זיך אָבער ק י י נ ־ מ אָ ל אליין נים אָנגערופען משיח, נאָר ער האָט געברויכט דערפאַר אנדערע אויסדריקע, וועלכע זיינען אָהן צווייפעל געווען פערברייטעט צווישען די איסיים. ער האָט זיך אָנגערופען מענשען־זאָהן (בר־נש), אזוי ווי ביי דניאל (13־7): חזה הוית בחזיי ליליא ואת עם ענני שמיא כבר נש אתה הוא ועד־עתיק יומיא“. דיעזען פסוק האָט מען דאמאלס געטייטשט אויף משיח'ן*). יעזוס האָט נאָך אנאנדער וואָרט געברויכט פאַר זיך, „ז ו ה ן פ ו ן ג אָ ט“, אויסטייטשענדיג דעם פסוק פון תהילים (7,2): „ד' אמר לי בני אתה אני היום ילדתיך“. דיעזען פסוק האָט מען דאמאלס אויך

---

*) מתתיהו 16, 13—20. אין עוואַנגעליום פון מאַרקוס. 8, 27—30, קלינגט דיזע מעשה נאָך פיעל אורשפרינגליכער. ביי לוקאַס, 9, 18, חאָט דיזע מעשה שוין פערלאָרען איהר אורשפרינגליכע פרישקייט.

*) מתתיהו 17, 10, 3.

*) מתתיהו 8, 40; 10, 27.

*) סנהדרין צ"ח, א.

צווישען אידען אויסגעטייטשט אויף משיח'ן*). האט יעזוס דיעזען אויסדרוק געברויכט נור אלס א בילד אדער אין ווירקליכען ווארט־זין? אויף וויפיעל מיר ווייסען, האט ער דאס קיינמאל ניט ער־קלערט געגויער, אפילו בשעת ער איז געשטאנען פאר זיין בית דין און איז פעראורטיילט געווארען צום טויט. זיינע תלמידים זיינען שפעטער ניט געוועזן איינשטימיג מכח דעם זין פון דיעזען ווארט און האבען זיך געשפאלטען צוליעב דעם אין צוויי פארטייען.

„יעזוס האט אויך געברויכט אנדערע אבער גאנץ אונשולדיגע נעמען פאר זיין משיחיות, ווי „ה י מ ע ל ס ב ר ו י ט“ (מן) „ב ר ו י ט פ ו ן ל ע ב ע ן“*), אלץ אויסדריקע, וועלכע זיינען געוועזן פערברייטעט צווישען די איסיים. זיינע תלמידים האט ער גערופען „דאס זאלץ פון דער וועלט“*). ווי יעזוס האט זיך פארגעשטעלט די ביאת המשית, איז ניט קלאר. עס איז אבער געווים, דאס ער האט דערביי געקלערט נאר וועגען דעם פאלק ישראל, וועלכעס ער האט געוואלט ערלעזען פון די זינד און אויך פון דעם שווערען יאך פון די רוימער*). אלס קריסטען האט יע־זוס אקוראט אזוי ווייניג געקלערט וועגען די היידען, ווי פריהער בשעת ער איז געוועזן יוחנן'ס תלמיד. די גאולה האט זיך יעזוס אהן ספק פארגעשטעלט אויף פאלגענדען אופן: ווען דאס אידישע פאלק וועט זיך דורך ליעבע צו גאט און צו מענשען, דורך פרייוויליגע ארימקייט דערהויבען צו א העכערען לעבען, דאן וועט גאט אויס ליעבע צו זיין פאלק עס בעלוינען מיט אלע ניסים, מיט דער בע־פרייאונג פון דער פרעמדער הערשאפט, מיט דער אומקעהרונג פון די פערטריבענע, מיט דעם אמאליגען גלאנץ פון דוד'ס צייטען. דאס איז א שענער חלום, וועלכער האט זיך נאך ניט פערווירקליכט נאך אכטצעהן יאהרהונדערטען.

„בשעת יעזוס האט זיך ענטדעקט צו זיינע תלמידים אלס משיח האט ער זיי פערזאגט עס צו האלטען בסוד. האט ער מורא גע־האט פאר דעם קעניג הורדוס, דאס איהם זאל ניט טרעפען דער

*) סוכה נ"ב, א.
*) יוחנן 6, 35, 41.
*) מתתיהו 5, 13—14.
*) לוקאס 24, 21.

זעלביגער שיקזאַל ווי יוחנן הטובל, אדער האָט ער געוואָלט צונויפֿ־
זאַמלען אַ גרעסערען קרייז פון אנהענגער, כדי אויפֿצוטרעטען מיט
מעהר מאַכט אלס משיח? מען וועט קיינמאָל ניט קענען ארויס־
געפינען דעם ריכטיגען גרונד. צו זיינע תלמידים האָט ער גע־
זאגט, דאס די צייט איז נאָך ניט געקומען, אבער דאס אַ צייט
וועט קומען, „וואו זיי וועלען קענען מיטטיילען אין ליכט, וואָס
ער האָט זיי געזאָגט אין דונקעל, און דאס זיי וועלען קענען פּרע־
דיגען פון די דעכער, וואָס זיי הערען יעצט איינגערוימט אין די
אויערען“. עס האָט אבער פּאסירט דאס געגענטייל פון דעם, וואס
יעזוס און זיינע תלמידים האָבען ערוואַרטעט. ווי באַלד עס איז
בעקאנט געווארען, דאס יעזוס פון נצרת פּרעדיגט ניט נאָר דעם
מלכות השמים, נאָר דאָס ער זעלבסט איז משיח, איז די עפענט־
ליכע מיינונג געווארען געגען איהם. מען האָט פון איהם ערוואַר־
טעט צייכען און בעווייזען, דאָס ער איז משיח. ער האָט אבער די
צייכען ניט געקענט געבען און האָט אויסגעמיעדען די פראגען.
פיעלע פון זיינע אנהענגער זיינען פון איהם דערפאַר אבגעפאַלען און
ניט מעהר „געגאַנגען אין זיין וועג“. יעזוס האָט געמוזט דערפאַר
עטוואס טאָן, כדי זיין ווערק צו קרוינען, אדער ער וואָלט געמוזט
אונטערגעהן. די תלמידים האָבען פון איהם ערוואַרטעט, דאס ער
וועט זיך פּסח אין בית המקדש אין ירושלים ערקלערען פאַר משיח
פאַר׳ן גאַנצען פאָלק. עס ווערט דערצעהלט, דאס זיינע אייגענע
ברידער האָבען בעשטאַנען, דאס ער זאָל געהען נאָך יהודה, „כדי
זיינע תלמידים זאָלען ענדליך זעהן זיין ווערק, וואָרום קיינער
טוט גאָר נישט ניט פערבאָרגענערהייט, נאָר אפען, און ווען דו
טוסט עטוואס, זאָ ווער נתגלה צו דער וועלט.“ אזוי האָט זיך
יעזוס געמוזט ענדליך ענטשליסען, צו געהען אויף דעם געפעהרלי־
כען וועג. ווי לאַנג ער האָט נאָך געפּרעדיגט אין גליל, איז ניט
בעקאנט. די הויפּט־קוועלען זאגען, דאס זיין ווירקזאמקייט האָט
געדויערט נאָר איין איינציגעס יאהר. לויט די שפּעטערדיגע קווע־
לען האָט זי אבער געדויערט דריי יאהר.*) „יעזוס האָט דאמאלס
ניט געהאט אין זין צו שטעלען זיך אין געגענזאַץ צום יודענטום

*) אורעגנייאוס קאָנטרא הערעזעס. II, 38—39.

און האָט נאָך דעם דין פון די עולי־רגל געמידען שומרון און איז געקומען אין ירושלים דורך עבר לירדן"*). צו אַ פּרוש האָט ער דאַמאָלס געזאָגט: „ווען דו ווילסט האָבען עולם הבא, דאַן היט דאָס געזעץ, פערקויף דיין האָב און גוט און גיב עס אָב צו אָרימע", דאָס הייסט צוטייל עס מיט מיינע אנהענגער, וועלכע גלויבען אין אָרעמקייט. בשעת ער איז געקומען איבער יריחו אין ירושלים, האָט ער זיך ניט בעזעצט אין שטאָדט, נאָר אויסערהאַלב פון שטאָדט אין דעם דאָרף בתניה אין דער מערב־זייט פון הר הזתים, וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען די מצורעים. אין דעם הויז פון אַזאַ מצורע, וועלכער האָט זיך גערופען שמעון, האָט ער געפונען אַ וואָהנונג. די אנדערע אנהענגער, וועלכע ער האָט געפונען אין בתניה, האָבען אויך געהערט צו דעם נידערען שטאַנד, ווי ל אַ־צ אַ ר ו ס און זיינע שוועסטער מרים און מאַרטהאַ. די קוועלען דערמאָנען נאָר איין איינציגען רייכען און אנגעזעהענעם מאַן פון ירושלים, וועלכער איז געוואָרען אַן אנהענגער פון יעזוס, יוסף פון ערימתיה.

„די לעגענדע בעשרייבט פאַנטאַסטיש דאָס אריינפאָהרען פון יעזוס אין ירושלים און זיין אויפטרעטען אין בית המקדש. דאָס פאָלק, אַזוי ווערט דערצעהלט, האָט איהם בעגלייטעט אין ירושלים מיט אַ טריאומף און מיט דעם געזאַנג פון הושענא. אָבער דאָס זעלבינע פאָלק האָט איינינע טעג שפּעטער געפאָדערט זיין טויט. ביידע זאַכען זיינען אָבער אויסגעטראַכט, ערשטענס כדי צו שיל־דערען יעזוס, ווי דעם משיח, און צווייטענס כדי אַרויפצוואַרפען די שולד פון זיין הינריכטונג אויף דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. ניט היסטאָריש איז אויך די מעשה, דאָס יעזוס האָט פערטריבען פון בית המקדש די פערקויפער פון טויבען, און דאָס ער האָט איבערגע־קעהרט די טישען פון די חלפנים פאַר די נדבות צום בית המקדש. אַזעלכע האנדלונגען וואָלטען ניט געבליבען פערשוויגען אין די לי־טעראַרישע קוועלען פון יענער צייט. אויך איז ניט בעקאַנט, דאָס טויבען־הענדלער און חלפנים האָבען געהאַלטען זייערע קראָמען א י נ ע ר ה א ל ב פון בית המקדש, ווארום דער בית המקדש האָט

*) מתתיהו 19, 1; מאַרקוס 10, 1

נאָר פערקויפט פאַר געלד צו אַלע, וועלכע האָבען געבראַכט קרבנות אין נדבות, וויין, אייל און מעהל *). יעזוס האָט ווארשיינליך פּראָטעסטירט געגען דעם מיסברויך, וואס דער בית המקדש מאַכט געשעפטען, און דיעזער פּראָטעסט איז אין דער לעגענדע פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טהאַט.

„איבערהויפּט איז דער וויכטיגסטער קאַפּיטעל פון זיין לעבען, די שטעלונג, וועלכע ער האָט גענומען אין ירושלים בנוגע צום פאָלק, צו די סנהדרין און צו די פּאַרטייען, געבליבען דונקעל און פול מיט לעגענדאַרע אויסשמוקונגען און דערגענצונגען. דער געבילדעטער טייל פון פאָלק האָט ניט געקענט ערוואַרטען די גאולה פון אַ מאַן פון גליל, וועלכער איז ניט געוועזען קיין תלמיד חכם. מען האָט ערוואַרטעט משיח'ן פון בית־לחם און פון מלכות בית דוד. דער שפּריכוואָרט: „פון נצרת קען קיין גוטס ניט אַרויסקומען“, איז ענטשטאַנען ווארשיינליך דאַמאַלס. די פרומע זיינען געוועזען זיינע געגנער, ווארום ער פּלעגט אַרומגעהן מיט זינדיגע און מיט שטייער־איינמאַנער, האָט מיט זיי געגעסען און געטרונקען. אפילו יוחנ'ס תלמידים, דאָס הייסט די איסיים, איז ניט געפעלען געוואָרען זיין פיהרונג *).

„די תלמידים פון בית שמאי איז ניט געפעלען געוואָרען, וואָס ער האָט געהיילט אום שבת. זיי האָבען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען אַ משיח, וועלכער איז מחלל שבת. די קנאים האָבען ניט געקענט ערוואַרטען קיין גרויסעס פון יעזוס, ווייל ער האָט געפּרעדיגט נאָר שלום, האָט ניט אָנגעפילט זיינע אנהענגער מיט האַס קעגען די רוימער, נאָר האָט געפּרעדיגט, דאָס זיי זאָלען זיך אונטערוואַרפען פריוויליג אונטער די רוימישע שטייערען: „גיט דעם קיסר, וואָס דעם קיסר געהערט, און גאָט וואָס גאָט געהערט“. דורך אַלע דיעזע איינגענטימליכקייטען, וועלכע האָבען זיך ניט געפּאַסט צו משיח'ן, איז דער מיטעלשטאַנד און בעזונדערס דער אנגעזעהענער טהייל פון דער נאַציאָן געוועזען קאַלט צו איהם און האָבען איהם געווים ניט געגעבען קיין גוטע אויפנאַהמע אין ירושלים. דאָס אַלעס איז אָבער

*) שקלים 3, 4; 5,4.

*) מתתיהו 11, 19.

נאָך ניט געווען קיין גרונד פאַר אַן אנקלאַגע געגען איהם און מען האָט איהם גאָרנישט ניט געקענט טהון. דורך די מחלוקות פון בית־שמאי און בית־הלל איז די פרייע מיינונג געוואָרען אַ מנהג, און קיי־נער איז ניט פערפאָלגט געוואָרען פאַר זיין רעליגיעזע מיינונג, זאָ לאַנג ער האָט ניט עובר געווען אויף די אָנגענומענע דינים פון דער רעליגיאָן און דעם גאָטעס־בעגריף פון יודענטום. — אָבער אויך אין דיעזען פונקט האָט מען יעזוס ניט געקענט פאַרקלאָגען. עס האָט זיך אפילו פאַרברייטעט אַ קלאַנג, דאָס ער רופט זיך אָן דער זוהן פון גאָט, אַ וואָרט, וועלכעס איז געוויס געווען זעהר שטאַרק גע־געגען די רעליגיעזע איבערצייגונג פון דער אידישער נאַציאָן. ווי האָט אָבער דער בית דין געקענט ארויסגעפינען, אויב ער גיט זיך ווירקליך ארויס פאַר דעם זוהן פון גאָט און וואָס פאַר אַ בעדייטונג ער גיט דיעזען וואָרט? יעזוס האָט וואַרשיינליך געברויכט דיעזעס וואָרט נור אין דעם ענגען קרייז פון זיינע תלמידים. ווי האָט מען געקענט ארויסגעפינען דאָס, וואָס איז געווען אַ געהיימניס פון דיעזען קרייז? מען האָט געפונען פעררעטער אין דיעזען קרייז גופא. יודאס איסקאריאט, וועלכער האָט פאַר געלד ארויס־געגעבען צו בית־דין דעמזעלביגען מאַן, וועלכען ער האָט פריהער געהאַלטען פאַר משיח. אַן אַלטע אידישע קוועלע ערקלערט עס, צוליעב וואָס מען האָט געדאַרפט האָבען דיעזען פעררעטער. בית דין האָט געדאַרפט צוויי עדות, כדי צו פאַרקלאָגען יעזוס אַלס פאַל־שען נביא און פאָלקס־פערפיהרער (מזיד). דער פעררעטער האָט אַלזאָ געדאַרפט בריינגען יעזוס צו רעדען, כדי די צוויי בעהאַלטע־נע עדות זאָלען קענען הערען יעדעס וואָרט *). נאָך דער קריסט־ליכער קוועלע האָט יודאס געגעבען אַ קוש יעזוס און אויף אַזאַ אופן איהם קענטיג געמאַכט פאַר די האַפּער און דאָס פאָלק. איז דען

---

*) תלמוד בבלי סנהדרין ס״ז, א׳, ירושלמי כ״ה: וכן עשו לבן סטרא בלוד ותלאוהו בערב פסח. כך עשו לבן סטרא בלוד. הזמינו עליו שני עדים והביאו אותו לבית דין וסקלוהו. — יעזוס און סטרא איז אין תלמוד דערזעלביגער נאָמען. די בעדייטונג פון דעם וואָרט „סטרא“ איז ניט קלאָר, די ערקלערונג וועלכע דער תלמוד בבלי גיט פון דיזען וואָרט (שבת ק״ד, ב׳, אין דער ניט־צענזורירטער אַמשטער־דאַמער אויסגאַבע פון 1645) איז אַן אויסגעטראַכטע.

אָבער יעזוס, וועלכער איז אריינגעפאָהרען מיט אַ טריאומף אין ירושלים און האָט עפענטליך געפּרעדיגט אין בית המקדש, ניט גע־ווען אַלעמען בעקאנט ? נאָכדעם ווי מען האָט איהם פערהאַפטעט, זיינען אַלע תלמידים פון איהם אַנטלאָפען, נאָר שמעון פּעטרוס איז איהם נאָכגעגאנגען פון דער ווייטען. ערב פסח איז יעזוס געבראכט געוואָרען פאַר דעם סנהדרין. אָבער ניט דער גרויסער סנהדרין האָט איהם גע׳משפט נאָר דער קליינער בית־דין פון דריי און צוואנ־ציג מיטגליעדער, ווארום דער פאָרזיצענדער איז ניט געוועזן דער ראש הסנהדרין פון בית הלל, נאָר דער כהן גדול יוסף קיפאס. דער בית־דין האָט געוואָלט אויסגעפינען, אויב יעזוס האָט זיך אַרוים־געגעבען פאַר דעם זוהן פון גאָט, ווי די עדות האָבען דאָס געזאָגט. עס קלינגט אונגלויבליך, דאָס מען האָט איהם דערפאַר גע׳משפּט, ווייל ער האָט פריהער ערקלערט, דאָס ער קען צושטערען דעם בית־המקדש און אויפבויען אין דריי טעג אַ נייעם. פאַר אַזאַ זאַך וואָלט מען איהם ניט געקענט פערקלאָגען. ער איז געווען פערקלאָגט פאַר גדוף־השם *). יעזוס האָט אויף די פראַגע פון דעם בית־דין ניט געענטפערט. בשעת דער ראש פון דעם בית־דין האָט איהם נאָך אמאָל געפרעגט, אויב ער איז דער זוהן פון גאָט, האָט ער געענט־פערט : „דו זאָגסט עס“ *), און האָט ווייטער געזאָגט, מען וועט באַלד זעהען ווי דער מענשען־זוהן זיצט ביי דער רעכטער האנד פון גאָטס טראָן, אַראָבלאָזענדיג זיך אויף די וואָלקען פון הימעל. פון דיעזער ערקלערונג האָט דער בית־דין פערשטאַנען, דאָס ער בעטראַכטעט זיך פאַר דעם זוהן פון גאָט. דער כהן גדול האָט צו־ריסען זיינע קליידער און דער בית־דין האָט איהם פאַראורטיילט אַלס אַ גאָטעס־לעסטערער *). פון דער ערצעהלונג פון די קריסט־ליכע קוועלען קען מען ניט זעהן, דאָס דער בית דין האָט איהם פאַר־אורטיילט אומגערעכט. די עדות זיינען געווען נעגען איהם. די

*) מתתיהו 63.

*) די פערפאַסער פון די עוואַנגעליען בעשרייבען דיזען פּונקט מיט ווידערשפּרוכען.

*) די דריי עלטעסטע עוואַנגעליען זאָגען, דאָס דער בית־דין האָט איהם פעראורטיילט פאַר גדוף־השם. דאָס זעלביגע זאָגט אויך יוחנן, 19, 7.

בעשטעטיגונג פון דעם טויט־אורטייל האָט דער סנהדרין בעקומען פון דעם גובערנאטאָר פאנטיוס־פילאטוס, וועלכער איז דאמאָלסט אין דער צייט פון יום־טוב געווען אין ירושלים.

„פילאטוס, פאר וועלכען מען האָט געבראכט יעזוס, האָט איהם נאָכאמאָל געפרעגט, אויב ער גיט זיך אַרויס פאר משיח'ן און פאר דעם מלך־היהודים. אזוי ווי יעזוס האָט דארויף געענטפערט: „דו זאָגסט עס“ *), האָט פילאטוס בעשטעטיגט דעם טויט־אורטייל. דאָס יעזוס איז פארשפּאָטעט געוואָרען און האָט געמוזט טראָגען די קרוין פון דערנער, דארין זיינען שולדיג ניט די אידען נאָר די רוימער, וועלכע האָבען אויף אזא אופן געוואָלט פערשפּאָטען די אידישע נאַציאָן. דער אידישער בית־דין האָט ניט געהאט קיין האס צו זיין פּערזאָן, און מען האָט איהם געלאָזט געבען ווי יערען פאר־אורטיילטען אַ בעכער מיט ווייז און בשמים, כדי איהם צו בעטויבען און גרינגער צו מאכען זיינע טויט־שמערצען *). דיעזער בשמים בעכער איז געגעבען געוואָרען פון רחמנות. נאָך דעם דאמאָלדיגען דין האָט אַ גאָטעס לעסטערער געקומט אַ פריהער סקילה און נאָך זיין טויט האָט מען איהם געראפט צושלאָגען צום קרייץ *). גע־

*) די דריי עלטערע עוואַנגעליען (מתתיהו 27, 11; מארקוס 15, 2; לוקאס, 23, 3) דערצעהלען פון יעזוס, דאָס ער האָט געענטפערט: דו זאָגסט עס. לויט יוחנן 18, 34 האָט יעזוס געלייקענט די פראַגע מיט דער געגענפראַגע: „זאָגסט דו דאָס פון דיר זעלבסט, אָדער האָבען עס אַנדערע וועגען מיר געזאָגט“ און דורך די ערקלערונג: „מיין מלוכה איז ניט פון דיזער וועלט“.

*) מתתיהו 27, 24, אבל רבתי II, 9. סנהדרין מ"ג, א'. ביי די עוואַנגעליען איז דאָס אָבער אָנגעגעבען אַלס אַ גרויזאַמקייט געגען יע־זוס. אויך דערצעהלען די עוואַנגעליען פערשיעדען מכח דער פליסיג־קייט, וועלכע איז איהם געגעבען געוואָרען. מארקוס דערצעהלט אַקוראַט ווי דער תלמוד פון ו ו י י ן א ו ן ב ש מ י ם; מתתיהו רעדט וועגען ע ס י ג מ י ט ג אַ ל. די איבריגע עוואַנגעליסטען דער־צעהלען דערפון בכלל גאָרניסט.

*) לויט דער משנה סנהדרין 5, 7, קומט פאַר גרוף השם און עבודה זרה נאָך סקילה אויך קרייציגונג, אָבער נאָך דעם ווי דער חינגע־ריכטעטער איז שוין געשטאָרבען. אויך יעזוס איז געווים אויף אזא אופן הינגעריכטעט געוואָרען. די עוואַנגעליען דערמאָנען אָבער ניט פון סקילה, נאָר פון קרייציגונג פון דעם לעבעדיגען, און דאָס איז גע־וויס ניט ריכטיג.

ווים איז יעזוס אויף אזא אופן הינגעריכטעט געוואָרען, אָבער ער איז שוין געשטאָרבען פאַר דער קרייציגונג. די קריסטליכע קוועלען דערצעהלען אָבער, דאָס ער איז אום ניין אוהר פאַרמיטאָג לעבעדי־גערהייד געקרייציגט געוואָרען און דאָס ער האָט דריי אוהר נאָכמי־טאג ארויסגעהויכט זיין גייסט. זיין לעצטעס וואָרט איז געווען דער פסוק פון תהלים אין אַראַמעישער שפּראַך: „גאָט מיין גאָט, וואַ־רום האָסט דו מיך פערלאָזען“ (אלי אלי למה שבקתני). כדי איהם צו פערשפּאָטען, האָבען די רוימישע סאָלדאטען אויפגעשריבען אויף דעם קרייץ: „יעזוס פון נאזארעט דער קעניג פון די אידען“. די קרייציגונג און ווארשיינליך אויך די קבורה איז פאָרגעקומען אויי־סערהאלב פון שטאָדט אויף א בית הקברות פאַר פאַר׳משפט׳ע, וועל־כער האָט זיך גערופען ג ל ג ת א (שיידעל־פּלאַטץ). דאָס איז גע־ווען דער סוף פון דעם מאַן, וועלכער האָט געארבייט פאַר די מאָ־ראלישע פערבעסערונג פון זיין פאָלק און איז געוואָרען אפשר דאָס אָפּפער פון א מיספערשטענדניס. זיין טויט איז געוואָרען די אור־זאַכע פון אונצעהליגע ליידען און מארטערען פון די זיהן פון זיין פאָלק. מיליאָנען פון געבראָכענע הערצער און אויגען האָבען נאָך אַלץ ניט בעצאָהלט פאַר זיין טויט. ער איז דער איינציגער געבאָ־רענער פון א פרוי, פון וועלכען מען קען זאָגען: ער האָט מיט זיין טויט מעהר געווירקט, איידער מיט זיין לעבען. דער שיידעל־פּלאַטץ גלגתא איז געוואָרען פאַר די היסטאָרישע וועלט א נייער סיני“. (געשיכטע דער יודען, 3טער טייל, 2טע אויפלאגע, לייפּציג.)

דער אידישער היסטאָריקער בעווייזט, דאָס דורך די אנשליסונג פון דעם אַפּאָסטעל פּאולוס צו דער היידנישער לעבענס־אנשויאונג איז שוין אין דער ערשטער קריסטליכער געמיינדע ענטשטאנען א מחלוקת, וואָס איהרע שפּורען לאָזען זיך דייטליך דערקענען אין די עוואנגעליען, וואָס די עלטעסטע פון זיי זיינען פערפאסט געוואָ־רען אין דער צייט פון בר־כוכבא (132־135.). — כדי צו עראָ־בערן די היידנישע וועלט, האָט די טאָכטער פון יודענטום געמוזט מאַכען אַסוראַט אזוי פיעל הנחות דעם היידענטום, ווי דאָס חיי־רענטום דעם יודענטום.

דאָס קריסטענטום איז געווען אַן אָבפאלונג פון קלאסישען ווע־זען פון יודענטום און היידענטום. — דאָס יודענטום בעטראכטעט

נאָך ביז היינט די וועלט אַלס דאָס הייליגע פּראָדוקט פון אַן איין־איינציגען וועזען. פאַר דאָס היידענטום אָבער, וועלכעס האָט דער־גרייכט אין גריכענלאַנד זיין קלאַסישע ערשיינונג, איז די געטליכע האַרמאָנישע איינהייט געווען אַ פּראָדוקט פון דער מאַניגפאַלטיג־קייט פון דער וועלט, וועלכע איז פאַרגעשטעלט געוואָרען אַלס איי־ביג. — דער שעפּפערישער מהות פון דעם יודענטום איז ניט אונ־טערגעגאַנגען צוזאַמען מיט זיין קלאַסישער שעפּפונג, וואָרום דער אידישער שעפּפער איז נאָך ניט פאַרשוואונדען אין זיין שעפּפונג. דאָס קלאַסישע היידענטום אָבער האָט פערלאָרען זיין געניוס צו־זאַמען מיט זיין קולטור, וואָס איהרע וואורצלען זיינען געלעגען אויף דער איבערפלעכע פון דעם באָדען און זיינען שפּעטער אָראָב־געווישט געוואָרען אין דעם מבול פון דער פעלקערוואַנדערונג. — די היידען, וועלכע האָבען געזעהען ווי זייער אייגענעם שעפּפערישעס וועזען איז פערניכטעט געוואָרען צוזאַמען מיט דעם באָדען, אויף וועלכען עס האָט געלעבט, האָבען מיט אַמאָל אָנגעהויבען צו בע־טראַכטען די אַלס אייביג פאָרגעשטעלטע געטליכע האַרמאָניע פון דער מאַניגפאַלטיגער וועלט פאַר אַ זינדיגע, פון גאָט אָבגעפאַלענע און געשטראָפטע וועלט. דאָס היידענטום איז אַנטלאָפען צו דעם אויסער־וועלטליכען שעפּפערישען גייסט פון יודענטום. פון דער אַנדער זייט האָבען דאָס רעליגיעזע בעדירפניס פון די היידען גע־קענט בעפרידיגען נור אַזעלכע אידען, וועלכע זיינען פאַרפרעמדעט געוואָרען פון זייער אייגענער וועלט, זיינען אָבגעפאַלען פון יודענ־טום און זיינען פערזונקען אין די אָבשטאַרבענדע היידנישע וועלט, כדי זיך פון דיעזער און מיט דיעזער וועלט צו דערהויבען צו דעם גייסט, וועלכער האָט זיי בעזעעלט. מיט אַנדערע ווערטער, נאָר אַזעלכע אידען האָבען געקענט בעפרידיגען דאָס רעליגיעזע בעדירפ־ניס פון די היידען, וועלכע האָבען זיך בעטראַכט שוין ניט אַלס דאָס הייליגע פּראָדוקט פון אַ הייליגען וועזען, נאָר אַלס זינדיגע און אָבגעפאַלענע פון גאָט. — אַזוי איז ענטשטאַנען די דאָפּעלטע אָבפאַלונג פון דעם וועלטליכען פון געטליכען און פון דעם געטלי־כען פון וועלטליכען. אַזוי איז ענטשטאַנען אַ ניט־וועלטליכעס יו־דענטום אין אַ געטערלאָזען היידענטום, עס איז ענטשטאַנען די קריסטליכע וועלט־אַנשויאונג פון אַ אידישען הייליגען, וועלכער איז

געוואָרען אַ היידנישער מענש, כדי צו דערהויבען די פעלקער צום גייסט און זיי פאַרצובערייטען פאַר אַ צוקינפטיגע, בעסערע, געט־ליכע וועלט, וועלכע איז פאַרגעשטעלט געוואָרען אַלס אַ איבערנאַ־טירליכע, אַלס אַ יענזייטיגע.

דיזע יענזייטיגע וועלט איז אָבער אין לויף פון דער היס־טאָרישער ענטוויקלונג, וואָס מעהר די פעלקער האָבען זיך ערהוי־בען צו דער אידישער געשיכטס־רעליגיאָן, געוואָרען אַלץ מעהר אַ ד י ז ע וועלט. און וואָס מעהר די היידנישע וועלט איז גע־וואָרען אידישער, דאָס הייסט הומאַניטערער, אַלץ מעהר האָבען זיך די אידען געקענט בעטייליגען אן דער קולטור פון דיזער וועלט, וועלכע פראָגרעסירט פאַראיינס צום בעסערען. נאָך לאַנגע קעמפ־פען צווישען דער היידנישער וועלט־אַנשויאונג, וועלכע איז געוועזען פערזונקען אין זינדליכקייט און באַרבאַרישע געוואַלט־טעטיגקייט, און דער אידישער וועלט־אנשויאונג, וועלכע האָט זיך אויפגעלעזט אין ספּירימואַליסטישען מיסטיציזם, האָט אין האָללאַנד די מאָר־גען־זון פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציאָן אָנגעהויבען ארויסגי־סען איהרע שטראַהלען איבער אַ בעסערע וועלט. דאמאַלס האָט אַ איד געגעבען דעם סיגנאַל, דאָס עס האָט זיך פאָללענדעט דער גייסטיגער ענטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער וועלט־היסטאָרישער מענשהייט.

3

די גענעטישע וועלט־אנשויאונג *).

נאָכדעם ווי ס פּ י נ אָ ז אַ איז איבערזעצט געוואָרען אויף אין דער העברעאישער שפּראַך, איז געקומען די צייט, דאָס מען זאָל פערטיידיגען דיזען גרויסען אידישען לעהרער פון אידישע מיספערשטענדניסען. — וואָס ל ו צ אַ ט א זאָגט וועגען ספּי־נאָזא, בעווייזט נאָר, דאָס דיזער אויסגעצייכענטער העבראַיסט האָט דאָ בעטרעטען אַ גאַנץ פרעמדעם פעלד. — ביי ספּינאָזא, וועל־

---

*) נאָטע 3.

כער ענטוויקעלט פון דער אידעע פון גאָט, אלס דעם אַלל־אייניגען, דאָס גאַנצע מאָראַליש־גייסטיגע לעבען און שטעלט אַרויס די ערקענטנים פון גאָט אַלס דעם העכסטען און לעצטען רעזולטאַט פון דיזען לעבען, — אין דיזער לעצטער התגלות פון דעם אידי־שען געניוס פערשווינדען אַלע סתירות, וועלכע האָבען אין די פריהערדיגע התגלות׳ן ניט געקענט און ניט געדאַרפט געלעזט ווע־רען, ווארים דער קריטישער פערשטאַנד, וועלכער האָט זיי ערשט שפּעטער אַרויסגעפונען, איז נאָך ניט געוועזען ענטוויקעלט פרי־הער. כדי צו בעגרייפען ספּינאָזאַ אין זיין גאַנצער טיעפקייט און וועלט־היסטאָרישער בעדייטונג, מוז מען בעקאַנט זיין מיט דעם לעצטען פאַזיס פון דעם קולטור־היסטאָרישען אַנטאַגאָניזם אין זיין טעאָרעטישער געשטאַלט, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין אונזער פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט. מיר מיינען דאָ דעם געגענזאַץ צווישען דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע און די נאַטור־וויסענשאַפטען, וועגען וועלכע מיר וועלען ריידען באריכות אין דעם פאָלגענדען פּאַראַגראַף, און דאָס פערהעלטנים פון דיזען גע־גענזאַץ צו פריהעריגע און גלייכצייטיגע פאָרמען פון דעם היסטאָ־רישען אַנטאַגאָניזם. — לוצאַטאָ האָט ניט קיין פאַרשטעלונג פון דער דיאַלעקטיק פון דער וועלט־געשיכטע. ער בלייבט שטעהן ביי דעם בעל־בתישען געגענזאַץ פון פערשטאַנד און געפיהל, און מאַכט די געדאַנקען־בליצען פון ספּינאָזאַ, וועלכע שטאַמען פון דעם שעפּפערישען גייסט, דעם פּאָרוואורף, דאָס זיי זיינען גע־מיטהלאָז, ווארים ער פערוועקסעלט זיי מיט דעם „פערשטאַנד פון די פערשטענדיגע“.

דאָס מאָראַלישע, אדער ריכטיגער, דאָס הייליגע לעבען נעהמט זיך ביי ספּינאָזאַ, אזוי ווי ביי משה׳ן און די נביאים, פון דעמ־זעלביגען אורקוואַל פון דער גאָטעס־אידעע, וועלכע איז דאָס איי־ניגע און איינציגע וועזען, בשעת די גאַנצע וועלט און נאַטור זיי־נען אויגענבליקליך און פאַראיבערגעהענד. דער רעליגיעזער זשעניע פון די אידען האָט ניט נאָר אין אַלטערטום אליין געבראַכט דער וועלט געטליכע התגלות. דער הייליגער גייסט רוהט שטענדיג אויף דאָס פאָלק ישראל, ווי באַלד די מענשהייט שטעהט פאַר א נייער גרויסער, וועלטהיסטאָרישער ענטוויקלונג, פאַר א נייער סאָציאַ־

לער שעפּפונג, וועלכע קען נור ארויספליסען פון דעם אור־קוואַל פון יעדען לעבען, פון דעם שעפּפערישען וועזען. די התגלות פון דער היילינער געשיכטע, וועלכע קען זיך ענדיגען נאָר מיט דיעזער געשיכטע אליין, שטאמט אונמיטעלבאר פון גאָט. דיעזע התגלות איז אָבער ניט אַן אויסנאַהמע פון דעם אויביגען געזעץ, וועלכעם וואלטעט אין דער קאָסמישער און ארגאנישער וועלט. פערקעהרט, דיעזע התגלות ברענגט נאָכאמאָל אויף א דייטליכען אופן ארוים דאס אלגעמיינע געזעץ אין דער סאציאלער מענשענוועלט און מאכט דערקענען די היילינע פון דעם פאָלק ישראל אלס דאס שעפּפערישע וועזען פון דאס גאנצע לעבען. דורך דאס רעליגיעזע זשעניע פון די אידען און זייער התגלות איז ענטשטאַנען די איינהייטליכע, היילינע, היסטאָרישע ענטוויקלונג, וועלכע איז, אקוראט ווי די ענטוויקלונג פון קאָסמישען און ארגאנישען לעבען, דער העכסטער בעווייז פאר די געטליכע הערשאפט אין נאטור און געשיכטע. די התגלות פון דעם גייסט, וועלכער לעבט ביי אידען, נעהמט ניט נאָר אריין די וועלט־געשיכטע, נאָר אויך די געשיכטע פון דער וועלט, די ענטשטעהונג פון דעם קאָסמישען, אָרגאנישען און סאָציאלען לעבען. דיעזע התגלות קאָנסטאַטירט אין אלעם, וואס איז געווארען און וואס עס ווערט, דאס היילינע געזעץ פון גאָט, היינט אויף א וויסענשאפטליכען יסוד, אזוי ווי פריהער דורך די הילף פון דער פאנטאזיע און דעם געפיהל.

מען קען ניט לייקענען די אונמיטעלבארע ווירקונג פון דעם שעפּפער ביי יעדען שעפּפערישען אקט אין דער נאַטור, אזוי ווי אין דער וועלט פון גייסט. עס העלפט אונז גאָר ניט, ווען מיר שטייגען ארויף פון די קינדער צו די עלטערן און סוף כל סוף צו דער אזוי אָנגערופענער מאַטעריע, כדי דעם שעפּפער צו פערלייקענען. ווארום אויך גאנצע דורות, יע גאנצע נאַטור־מלוכות, זיינען אמאָל ניי פון זיך זעלבסט ענטשטאַנען. ניט אונזער היינטיגע וועלט פון פלאנצען און חיות, ניט דאָס ארגאנישע לעבען בכלל איז געוועזען פון אייביג אָן אויף דער ערד. דיעזע ערד זעלבסט, אונזער גאַנצעס פלאנעטען־סיסטעם, אלע שטערען־וועלטען, ווי גרויס עס מעג זיין זייער אויסברייטונג און דויער, זיי זיינען אלע אמאָל ענטשטאַנען אין דעם אונענדליך אויסגעברייטעטען רוים אלס קאָס־

מישע קערענדלעך, אלס שווערפונקטען, און אין דער צוקונפט וועלען זיי ווידער אויפגעלעזט ווערען אלס טויטע, אבגעשטאָרבע־נע, פערשטיינערטע וועלט־קערפּער אין דעם פייער פון נייע, יו־געגדליך־רעאגירענדע וועלט־ספערען, אזוי ווי מיר זעהען דאס אין דעם גרויסארטיגען שוישפּיעל פון די ברענענדע שטערען.

וואָס אנבעטרעפט די אייביגקייט פון דער מאטעריע אדער איהרע אטאָמען, האָט זי זיך ארויסגעוויזען אלס א פּוסטע אויס־טראכטונג. די פיזיק האָט שוין לאנג בעוויזען די פאלשקייט פון דיעזער השערה פון די כעמיקער. צוזאמען מיט די אימפּאנדערא־ביליען פון די מאטעמאטיקער האָבען אויך די אטאָמען פון דער כעמיע געמוזט מאכען פּלאץ פאר די געגעטישע וועלטאנשויאונג, וועלכע ווייס נור פון בעוועגונגען, אבער ניט פון אטאָמען און פון וועלט־עטהער. אויב די מאטעריע וואָלט געווען צוזאמענגעזעצט פון פעסטע, אייביגע, אונפערענדערליכע אטאָמען, וועלכע זיינען ארומגערינגעלט פון אן אונדורכדרינגבארען עטהער, לויט דער בע־קאנטער השערה פון די כעמיקער און מאטעמאטיקער, וואָלט דאָך ביי דער אונענדליכער פערדינונג, צו וועלכער די מאטעריע איז מסוגל שוין אין אונזערע עקספּערימענטען דורך דער הילף פון וואַ־רעמקייט אין דער לופט־פּומפּע, געדארפט פיהלען זיך ווייניגסטענס א שפור פון דער אָנגענומענער פאנאנדערגעטיילטקייט פון די אטאָ־מען. פון דעסטוועגען בעווייזט די פיזיק, דאס די פערדינטעסטע גאזען אונטערשיידען זיך דורך די זעלביגע אייגענשאפטען ווי די געדיכטעסטע גאזען. אין דעם פערדינטעסטען שטיק־שטאָף אק־סידול האָט דער עלעקטרישער פונק שטענדיג זיין רויטע פארב, אזוי ווי אין דער פערדינטעסטער קוילען־זוירע בלייבט שטענדיג די גרינע פארב פון דעם עלעקטרישען פונק. — גאנץ פאלש איז אָבער די השערה, דאָס עס זיינען פאראַן כעמישע אטאָמען אין וועלט־רוים, בשעת אין וועלט־רוים קען מען באמת אָננעהמען די עקזיסטענץ פון איין איינציגען פון די כעמישע עלעמענטען, פון וועלכע די מאטעריע איז צוזאמענגעזעצט אויף דער הארטער אוי־בערפלעכע פון אונזער פּלאנעט. די כעמישע אטאָמען עקזיסטירען ניט אומעדום און ניט פון אייביג אָן, ניט אין אלע צייטען און רוי־מען, אזוי ווי עס עקזיסטירען ניט פון אייביג אָן די ארגאנישע זאַ־

מען. זיי זיינען אלע נאָר ענטשטאַנען און בלייבען אַ מעהר אדער ווייניגער לאַנגע צייט אין עקזיסטענץ, כדי שפּעטער ווידער אויפ־געלעזט צו ווערען. זיי ווערען ענטשטאַנען דורך אַ שעפּפונגס־אַקט, דורך דעמזעלבען אַקט, וועלכער רופט אַלע וועזען צו עקזיסטענץ, דורך אַ ניי־בילדונג פון שווערפּונקטען, וועלכע דריקען זיך אויס אין דער קאָסמישער וועלט אין אַטאָמען, אין דער אָרגאַנישער וועלט אין זאמען, אין דער סאָציאַלער וועלט אין התגלות אָדער גייסטיגע ליכט־זאמען.

יעדע שעפּפונג איז אַ פערבינדונג פון צוויי איינפאַכע אדער קאָמבינירטע בעוועגונגען אין אַ נייע אין זיך געשלאָסענע אדער צוריקלויפענדע קרייז־בעוועגונג. יעדע שעפּפונג איז אַ ר ע װ ו ל ו צ י א ן, וואס איהר אורבילד איז געגעבען געוואָרען אין דער גראַוויטאַציאָן, וואו די אייביגע צענטריפעטאַלע בעוועגונג רופט ארויס שטענדיג איהר געגענזאַץ, די צענטריפוגאַלע בעוועגונג, און וואָס פון זייער קאָמבינאַציאָן ענטשטעהט די ר אָ ט א ט אָ ־ ר י ש ע ב ע װ ע ג ו נ ג, די גראַוויטאַציאָן. — אַזוי איז אויך יעדע גייסטיגע שעפּפונג אַ נייער העכערער סינטעזיס פון צוויי גייסטעס־ריכטונגען, אַ קאָמבינאַציאָן, צו וועלכער עס איז נאָר פּע־היג דאָס שעפּפערישע וועזען פון דעם גייסט, דער אַנאַליטישער פערשטאַנד פאַר זיך אליין איז אבער דערצו אונפעהיג. — יעדע שעפּפונג מוז האָבען דעם אייביגען שעפּפער, יעדע גייסטיגע שעפּ־פונג שטאַמט פון אַ א י נ ס פּ י ר א צ י אָ ן.

קענען די רעליגיעזע שעפּפונגען, וועלכע אָפּענבאַרען דאָס פערהעלטניס פון דעם שעפּפער צו דער וועלט, זיין אַן אויסנאַהמע פון דיעזען אַלגעמיינעם געזעץ, און ניט זיין די אונמיטעלבאַרע ווירקונג פון דעם שעפּפער?

אויב היינט פערלייקענט מען דאָס שעפּפערישע אין אַלע לע־בענס־ספּערען אָדער מען ערקלערט עס אַלס אַן איבערנאַטירליכע אויסנאַהמע פון נאַטור־געזעץ, אין ווידערשפּרוך מיט יעדער ער־פאַהרונג אין וויסענשאַפט, איז עס נור אַ דאַנק אַ ריכטונג פון פערשטאַנד, וועלכע איז אַליין ניט־שעפּפעריש.

די גייסטיגע שעפּפונגען פון דער סאָציאַלער לעבענס־ספּערע ליגען אַקוראַט אַזוי גוט אין דעם פּלאַן פון דער געשיכטע, ווי די

שעפּפונגען פון די אָרגאַנישע אָרטען אין פּלאַן פון דער נאַטור. אזוי ווי די אָרגאַנישע אָרטען זיינען ניט ענטשטאַנען איינמאָל אין איין איינציגער געאָלאָגישער עפּאָכע, נאָר זייער שעפּפונג האָט זיך געצויגען דורך פּיעלע געאָלאָגישע צייט־אַלטער, אזוי האָבען אויך די גייסטיגע שעפּפונגען אין דער וועלט־געשיכטע זייערע פּ אָ ר ה י ס ט אָ ר י ש ע און מ אָ ד ע ר נ ע עפּאָכען. די מאָדערנע עפּאָכען זיינען דאָ אזוי ווי דאָרטען דאָס צייטאַלטער פון רייפקייט, אין וועלכען די ענטוויקלונג קומט צו איהר אבשלוס.

אויב די אידען האָבען א בעזונדערען בערוף צו סאָציאַלער אָפּענבאַרונג, ליגט דאָס אין דער אייגענטימליכקייט פון זייער זשעניע, פון זייער אָרגאַניזאַציאָן, זייער ראַסע. אָבוואָהל דיעזע אָפּענבאַרונגען שטאַמען אונמיטעלבאַר פון דעם שעפּפער, זיינען זיי דאָך ניט וואונדערבאַרער, איידער די אָפּענבאַרונגען פון דעם גריכישען געניוס, וועלכער האָט געהאַט א בעזונדערען בערוף צו קונסט־שעפּפונגען, אזוי ווי דער אידישער געניוס האָט געהאַט א בערוף צו שעפּפונגען פון דער גאָטטעס־ערקענטניס.

משה, די נביאים ראשונים און נביאים אחרונים שטעהען אקו־ראַט אזוי וועניג אין ווידערשפּרוך מיט דער היינטיגער פילאָזאָ־פיע און וויסענשאַפט, ווי האָמער, עסכיל, פּינדאַר און סאָפאָקעל. מיר טראַגען אריין אונזער היינטיגעס וויסען, וועלכעס האָט אין דער צייט פון דער ביבעל נאָך ניט עקזיסטירט, אין די ספרי קודש, אויב מיר ווילען זיי פערשטעהן פון היינטיגען שטאַנדפּונקט פון דער וויסענשאַפט.

די לעהרע פון ספּינאָזא, דער פּראָדוקט פון דעם אידישען געניוס און דער מאָדערנער וויסענשאַפט, שטעהט ניט אין ווי־דערשפּרוך מיט דער אידישער לעהרע פון דער אחדות אלהים, נאָר העכסטענס מיט דער ראַציאָנאַליסטישער און איבערנאַטירליכער אויפפאַסונג פון דיעזער אחדות. די אידישע התגלות פון משה און דער נבואה האָט ניט געלערנט די טראַנסצענדענץ געגען די אימאַנענץ, נאָר די אחדות אין געגענזאַץ צו דעם רבוי פון דעם שעפּפערישען וועזען. — דאָס האָט שוין א לאַנגע צייט פאַר'ן חורבן בית שני אויסגעשפּראָכען דער אידישער פילאָזאָף פּ י ל אָ ן, דאָס האָבען שפּעטער אין מיטעלאַלטער געלערנט די גרויסע אידישע

רעליגיאָנס־פילאָזאָפען, און דאָס האָט אין דער נײַ־צייט אויסגע־דריקט ספינאָזא מיט דער גאנצער שארפקייט און טיעפקייט פון זיין געניאלען גייסט. — עס איז פערשטענדליך, ווען דער ניט־קריטישער האַגמאַטיזם, וועלכער זעהט אין די אריענטאלישע ביל־דער פון דער היילינגער שפראך נאָר דאָגמען, טרעט ארוים געגען דעם ספינאָזיזם מיט די טויטע בוכשטאבען פון דער ביבעל און פערדאמט די אימאנענטע ערקענטנים פון גאָט אלס אפיקורסות. די ראציאנאליסטען אבער, וועלכע טייטשען אוים קינסטליך יעדע הגשמה פון דער תורה, קענען זיך ניט שטיצען אויף קיין פונקט אין דער תורה, כדי צו בעווייזען די סתירה צווישען דער תורה און ספינאָזא. — לויט משה רבינו דארף מען ניט זוכען די גאָטעס־לעהרע אין הימעל אדער אין דער ווייטקייט, נאָר גאָט איז זיך נתגלה אין אונז זעלבסט, אין אונזער גייסט און הארץ. דערפאר שטעהט אין תלמוד: מעולם לא ירדה שכינה למטה ולא עלה משה למרום, „קיינמאָל איז די גאָטהייט ניט אראָבגעגאנגען פון אויבען, און קיינמאָל איז משה ניט ארויפגעשטיגען ארויף“. ווייל גאָט איז אומעדום, איז איבעריג יעדע רוימליכע און צייטליכע בעוועג־גונג פון איהם צו אונז און פון אונז צו איהם. — דאוויד שטראוס פרעגט ביי דער ערצעהלונג וועגען דעם ארויפשטייגען פון יעזוס אויף דעם הימעל: צוליעב וואָס דיעזע נסיעה דורך די לופט? — אויב די הגשמות פון דער תורה איז עפּעס מעהר איידער רעדע־בילדער, אויב זיי זיינען דאָגמען, וואלטען זיי דאָך מבטל געווען דעם גרעסטען עיקר פון דער אידישער גאָטעס־לעהרע, וועלכען מיר חזר'ן איבער צוויי מאָל א טאָג אין שמע ישראל.

אזוי ווי גאָט איז ניט אויף יענער זייט פון דער וועלט, אזוי איז אויך דאָס גייסטינע לעבען ניט אויף יענער זייט. די אייביג־קייט פון גייסט, אזוי האָבען מיר שוין געזאָגט אין די בריעף, הויבט זיך ניט ערשט אָן ווען מיר זיינען געשטאָרבען, נאָר זי איז אזוי ווי גאָט שטענדיג געגענווערטיג. — ווען מיר האָבען זיך אויפ־געהויבען צו דער ערקענטנים פון גאָט, איז די רוימליכע און צייט־ליכע בעוועגונג צום געטליכען לעבען אן איבריגער וועג פאר אונז. אויב די טויערען פון קבר פיהרען צו א ווייטערען לעבען אין דער צייטליכקייט — א נאַטור וויסענשאפטליכע פראגע, וועלכע האָט

מיט רעליגיאָן און פילאָזאָפיע וועניג צו טאָן און קען געלעזט ווערען נאָר פון דער ערפאהרונג, — אויב אזוי, וועט די ערוואכונג פון אונזער טויט־שלאָף זיין נאָר א איבער'חזר'ונג פון אונזער גע־גענוווערטיגען לעבען היינט. — א גאָט אויף יענער זייט פון דער וועלט, וועלכער שטעהט ניט צו דעם מענשען אונמיטעלבאר ווי א שטענדיג גענענווערטיגער שעפפער און אפענבארער, קען ניט זיין ניט דער גאָט פון די אידען, און ניט פון די קריסטען, און ניט פון די מאהאמעדאנער און קען ניט ווערען דער רעליגיעזער יסוד פון די אויפלעבענדע פעלקער, אזוי ווייניג ווי דער היידנישער פאָלי־טעאיזם און פאנטעאיזם, וועלכער איז אויפגעלעזט געוואָרען אין אטאָמיסטיק און מאטעריאליזם. — אן אויסערוועלטליכע גאָט־הייט, פון וועלכער מיר קענען גאָר נישט ניט וויסען, איז, אזוי ווי די וועלטליכע גאָטלאָזיגקייט, נאר א פרוכט פון דעם פער־שטאנד, אָהן איינפלוס אויף אונזער סאָציאלעם, מאָראליש־גייסטי־געס לעבען. אין דיעזער טרויסטלאָזער לעבענס־אנשויאונג שפיע־געלט זיך נאָר אב די אויפלעזונג פון דער אלטער געזעלשאפט, וועלכע געפינט זיך נאָך אין דעם פראָצעס פון צופוילונג פון איה־רע עלעמענטען און אטאָמען. — אזוי ווי אין דעם מאָדערנעם ראַ־ציאנאליזם שפיעגעלט זיך נאָר אב די רעוואָלוציאָן, אזוי איז דער מאָדערנער איבער־נאטוראליזם נאָר די גייסטיגע אבשפיעגלונג פון דער רעאקציאן געגען סאציאלע טענדענצען, וועלכע זיינען נאָך ניט געקומען צום אבשלוס.

4

דער לעצטער אנטאַגאָניזם *).

כדי ריכטיג צו בעאורטיילען די גייסטיגע לעבענס־אנשויאונ־גען, מוז מען אונטערזוכען די סאָציאלע בעוועגונגען, וואָס זיי זיינען זייער פראָדוקט. דער היינטיגער פילאָזאָפישער געזיכטס־פונקט איז א גאַנץ אַנדערער ווי פון פאָריגען יאָהרהונ־

---

*) דיזער קאַפיטעל, וועלכער איז אַ קורצער אויסצוג פון אַנדערע פערעפענטליכטע אַרבייטען מכח נאַטורוויסענשאַפט און געזעלשאַפטס־לעהרע, איז דער רעזולטאַט פון לאַנגיאָהריגע פאָרשונגען.

דערט. די וויסענשאפט האט ניט נאר געמאכט פארט־שריטע; זי איז דורכגעגאנגען די פילאזאפישע קריטיק און ספעקולאציאן, אזוי ווי די אינדוסטריע איז דורכגע־גאנגען די בירגערליכע רעוואלוציאן און קאפיטאל־הערשאפט. — דער שוי־פלאטץ פון דעם קאמפף, דער קאמפף פון די קעמפפער, אלעס האט זיך פערענדערט אין לויף פון דער סאציאלער בעווע־גונג, וועלכע האט זיך אנגעהויבען אין פאריגען יאהרהונדערט, און וועלכע מיר פיהרען היינט נאך ווייטער. דער ספעקולאטיווער פילאזאף פון 19טען יאהרהונדערט איז אזוי ווענינ עהנליך צו דעם רעוואלוציאנערען פילאזאף פון 18טען יאהרהונדערט, ווי דער ליבעראלער בירגער היינט צו דעם רעוואלוציאנערען בירגער פון דאמאלס. די אונטערדריקטע אינדוסטריעלע און וויסענ־שאפטליכע פראדוצענטען פון פאריגען יאהרהונדערט זיינען די ספעקולירענדע הערען פון געגענווערטיגען יאהרהונדערט. צווי־שען די פראדוקטיווע קלאסען זעלבסט איז פארגעקומען א טיעפע פאנאנדערשיידונג. די לעצטע רעוואלוציאן, וואס מיר געפינען זיך נאך אין איהר מיטען, האט ניט געקענט לכתחילה שוין בע־שאפען א נייע ארגאניזאציאן. די אלטע פערגליווערטע אינסטי־טוטען פון דער פעאדאלער געזעלשאפט און די לעצטע טויטע רעסט־לעך פון דעם דאגמאטיזם האבען פריהער געמוזט פערברענט ווע־רען פון דעם פייער פון דער רעוואלוציאן, האבען געמוזט צושני־טען ווערען פון שארפען מעסער פון קריטיק, פון אנאליז, איידער עס האבען זיך געקענט בילדען נייע סאציאלע און גייסטיגע שעפ־פונגען. אין לויף פון דער ענטוויקלונג פון די נייע עלעמענטען איז ארויסגעטרעטען א נייער אנטאגאניזם, וועלכער האט פריהער ניט עקזיסטירט, און וועלכער מוז איצטער אויסגעגליכען ווערען.

די ארבייטס־קראפט און פארשער־קראפט, וועלכע איז בע־פרייט געווארען פון די קייטען פון דעם דאגמאטיזם פון דער פעאדאלער געזעלשאפט, האט ארויסגעבראכט דעם לעצטען אנ־טאגאניזם, דעם אנטאגאניזם פון ארבייט און ספעקולאציאן. אין דער הייסער רעוואלוציאנערער אטמא־ספערע פון דער פרייער קאנקורענץ פון אלע ארבייטס־קרעפטען האבען זיך געבילדעט, ווי בליהונגען אין דער ווארימער פריהי־לינגס־לופט, נייע שווערפונקטען, וועלכע האבען איינגעזויגען די

פּעראייִנצעלטע פּראָדוקטיוו־קרעפטען און זיי אָרגאַניזירט צוליעב זייערע צוועקען. נאָכפאָלגענד נאָך דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון גראַוויטאַציאָן, וועלכעס איז דאָס געזעץ פון יעדעס לעבען, האָבען זיך די אַטאָמיסטישע ארבייטער גרופּירט ארום אינדוסטריעלע צענטרען, די פּעראייִנצעלטע פאָרשער האָבען זיך גרופּירט ארום ספּעקולאַטיווע סיסטעמען, פון וועלכע זיי ווערען בעהערשט און אַנגעפיהרט. — ניט נאָר אויף דעם פעלד פון אינדוסטריע נאָר אויך אויף דעם פעלד פון וויסענשאַפט איז עס ניט גרינג צו שטעהן געגען די אָנציהונגס־קראַפט פון די ספּעקולאַטיווע צענטרען. — מען קען גאָרנישט־ניט דערגרייכען דורך די פּערלייקענונג פון די ספּעקולאַטיווע סיסטעמען, אזוי ווי דורך די צושטערונג פון די בעשטעהענדע קאַפּיטאַלען, ווארים דאָס לעבען האָט די נאַטור־נויטווענדיגע שטרעבונג, זיך צו צענטראַליזירען, צו פעראייניגען און צו אָרגאַניזירען. — אויב די פּראָדוצענטען ווילען זיך בעפרייען פון דער הערשאַפט פון דער עקספּלואַטירענדער ספּעקולאַציאָן, מו־זען זיי, אזוי ווי דאָס האָבען שוין אָנגעהויבען צו טהאָן מיט ערפאָלג די ארבייטער אין ענגלאַנד, זיך פּיעלזייטיג אָרגאַניזירען. זיי מוזען געגען די אָנגעקליבענע ארבייט, וועלכע געפינט זיך אין די הענד פון די אינדוסטריעלע ספּעקולאַנטען און אין די קעפּ פון די פילאָזאָפישע ספּעקולאַנטען, ארויסשטעלען די גרעסערע מאַסע פון זייערע פּעראייִנצעלטע פּראָדוקציאָן, ווי אויך פון דער פאָרשונג אויף דעם וויסענשאַפטליכען געביעט. זיי מוזען זייער אייגענע פּראָדוקציאָן צענטראַליזירען ביי זיך זעלבער און אָנפיה־רען פון א געמיינזאַמען שווערפּונקט, אזוי ווי די ספּעקולאַנטען האָבען צענטראַליזירט און בעהערשט די ארבייטס־פּראָדוקטען. דאָס איז ריכטיג בנוגע צו די וויסענשאַפטליכע מאַטעריאַלען אזוי גוט ווי צו די אינדוסטריעלע. מאַטעריאַלען זיינען טויטע קאַפּיטאַלען, ווען זיי ווערען ניט אָרגאַניזירט פאַר ווייטערע שעפּפונגען. דאָסזעלבע געזעץ פון דער פּראָדוקטיווער לע־בענס־בעוועגונג, פון וועלכער זיי זיינען ארויסגעקומען, ווי די מאַ־טעריע בכלל, טרייבט זיי אויך צו ווייטערע שעפּפונגען. — אויב די אינדוסטריעלע און אינטעלעקטועלע ארבייטער, דיזע פּראָדוק־טיוו־קרעפטען פון דער סאָציאַלער וועלט, פערבלייבען אין זייער צושפּליטערונג, אויב זיי פעראייניגען ניט, צענטראַליזירען ניט

און אָרגאַניזירען ניט זייערע צושטרייטע קרעפטען, און ווערען אויף אַזאַ אופן אַליין ניט ספּעקולאַטיוו, דאַן בלייבט דער געגענזאַץ צווישען ארבייט און ספּעקולאַציאָן (מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם) נויטווענדיגער־הייד אַ שטענדיגער.

דער לעצטער טעאָרעטישער ווידערשפּרוך, דער געגענזאַץ צווישען פילאָזאָפיע און נאַטורוויסענשאַפט, צווישען אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם, איז אייגענטליך דער טעאָרעטישער אויסדרוק פון דעם לעצטען פּראַקטישען ווידערשפּרוך אין סאָציאַלען לעבען.— אזוי ווי אמאָל האָט זיך בעצויגען דער האַר צום שקלאַף און דער כהן צום פּראָסטען מענשען, ווי שפּעטער האָט זיך בעצויגען דער פּריץ צום בויער און דער גייסטליכער צום וועלטליכען מענשען, אזוי שטעלט זיך יעצט דער קאַפּיטאַליסט צום אַרבייטער, דער פילאָזאָף צום פּאָרשער, דאָס הייסט ווי דער אָרגאַניזירער צו דעם אונאָרגאַנישען, ווי דער פּעראייניגענדער צום צושטרייטען, ווי דער שטאַרקער צום שוואַכען, ווי דער לעבעדיגער צום טויטען. — דאָס פּאָלק האָט אין דיזען אנטאַגאָניזם שטענדיג שלעכט אָבגעשניטען, עס האָט פּערטרעטען שטענדיג דעם טויט. — דערפּאַר האָט שוין משה געזאָגט צו אונזער פּאָלק: ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש: איהר זאָלט מיר אָבער זיין אַ נ א נ ־ צ ע מ ל ו כ ה פון כהנים און אַ הייליגעס פ אָ ל ק .

די פילאָזאָפישע אזוי ווי די אינדוסטריעלע ספּעקולאַציאָן איז אַ געשיכטליכע נויטווענדיגקייט. זי איז בערעכטיגט, זאָ לאַנג די פּראָדוקטיווע ארבייטען און פּאָרשונגען זיינען נאָך ניט צענטראַליזירט און אָרגאַניזירט, זאָ לאַנג זיי האָבען נאָך ניט זייער שווער־פּונקט, זייער גלייכגעוויכט אין זיך זעלבסט.

דאָס גלייכגעוויכט, דער אבסאָלוט, איז פּאַר דער רעוואָלוציאָנער־קריטישער עפּאָכע געווען די ר ע ג י ע ר ע נ ד ע מאַכט, יעצט איז עס נאָך אַלץ די פּ ע ר ו ו א ל ט ע נ ד ע מאַכט, וועלכע שטעהט פּרעמד און פיינדזעליג געגען די מאַטעריעלע ארבייט. די שולד דאַראַן ליגט ניט אין דעם בייזען ווילען פון דעם אָדער יענעם קלאַס, נאָר די שולד, דאָס הייסט, די אורזאַכע ליגט אין דער ענטוויקלונגס־געשיכטע פון דער גאַנצער מענשליכער געזעלשאַפט. זאָ לאַנג ווי די מענשליכע גע־

זעלשאפט האט נאך ניט דערגרייכט איהר ציעל, די עפאכע פון רייפקייט, ענטוויקעלט זי זיך דורך דעם ראסענקאמפף און קלאסען־קאמפף, אזוי ווי דער אינדיווידואום ווערט אין דער צייט פון זיין גייסטיגער ענטוויקלונג בעהערשט פון איינזייטיגע פארשטעלונגען און טענדענצען, אדער ווי אין דער ארגאנישער ענטוויקלונג ענטוויקלען זיך אפט איינצעלנע ארגאנען אויף דעם חשבון פון אנדערע, וועלכע בלייבען אבגעשטאנען.

אין לויף פון דער גאנצער ביזהעריגער וועלט־געשיכטע זיינען פארגעקומען נור איינזייטיגע בעוועגונגען אין סאציאלען לעבען, וואס זייער ווירקונג אויף דעם מענשליכען גייסט האט ארויסגערופען איינזייטיגע אנשויאונגען, פארשטעלונגען און בעגריפען. אין דער צייט פון דער ענטוויקלונג קומט אומעדום פאר, אין דער סאציאלער, אזוי ווי אין דער נאטירליכער לעבענס־ספערע, א טיילונג פון ארבייט, וועלכע טרייבט די פאלענדונג נאר אין איין בעשטימטער זייט און בעשאפט איינזייטיגקייט, וועלכע נעהמט אן אין דעם מענשליכען גייסט א קראנקהאפטע פארם. וויבאלד אבער דער פאלענדעטער מענשליכער ארגאניזם פון די וועלט־היסטארישע ראסען וועט פעראייניגען די קרעפטען פון דער נאטור, וועלען אנהויבען ווירקען הארמאניש אין דער פאלקאמענער מענשליכער געזעלשאפט די שטרעבונגען פון דער געשיכטע. אזוי ווי נאך דער פאלענדונג פון דער ארגאנישער לעבענס־ספערע, נאך דער בעשאפונג פון דעם מענשען, האט זיך אנגעהויבען דער נאטור־שבת, אזוי קען זיך דער היסטארישער שבת אנהייבען נאך דער פאלענדונג פון דעם סאציאלען לעבען, נאך דער בעשאפונג פון א הארמאנישער סאציאלער ארגאניזאציאן, אין וועלכער עס וועט זיין א גלייכגעוויכט צווישען פראדוקציאן און פערברויך. — מיר געפינען־זיך ערב דעם היסטארישען שבת, ער איז אבער נאך ניט געקומען. אונזער עפאכע איז די עפאכע פון ספעקולאציאן. די ספעקולאציאן קען לויט איהר נאטור זיין נאר דער טייל פון א מינארידעט. וואס איז דאס וועזען פון דער ספעקולאציאן?

יעדע לעבענס־ספערע, וואס איהר ענטוויקלונג איז פאלענדעט, פראדוצירט איהר לעבען דורך רעפראדוקציאן, דורך דאס גלייכגעוויכט פון פראדוקציאן און פערברויך. אויף די סאציאלע

לעבענס־ספערע טרעט אריין אין דאס צייטאלטער פון רייפקייט מיט דעם אויגענבליק, ווען עס ענטשטעהט א פערשטענדניס פון דער סאציאל־עקאנאמישער בעוועגונג. ווען דיעזעס פערשטענדניס איז ניט פערברייטעט צווישען אלעמען, נאר צווישען איינצעלנע, וועל־כע געברויכען דיעזעס פערשטענדניס פאר פריוואט־צוועקען, דא־מאלס הייבט זיך אן די עפאכע פון ספעקולאציאן. די ספעקולא־ציאן בעשטעהט אין דער אויסבויטונג פון דער רעפראדוקטיווער בעוועגונג פון דעם סאציאלען לעבען צוליעב דאס פריוואט־לעבען.

דאס לעבען איז איבערהויפט א פראדוצירענדע און קאנזו־מירענדע טעטיגקייט. די גאנצע וויסענשאפט איז אן עקאנא־מישע, וועלכע דערפארשט דיזע פראדוקציאן און קאנזומפ־ציאן אין די פערשידענע לעבענס־ספערען. די פיזיאלאגיע איז די עקאנאמישע וויסענשאפט פון דער ארגאנישער לעבענס־ספערע, אזוי ווי די סאציאל־עקאנאמיע איז די פיזיאלאגיע פון דער גע־זעלשאפט. די וויסענשאפט בעווייזט אונז, אז דאס סאציאלע לעבען געפינט זיך נאך היינט אין זיין ערשטען קינדס־אלטער.— צווישען דעם וועג פון דער געזעלשאפט אין דעם אנהויב פון איהר ענטוויקלונג און דעם וועג, אויף וועלכען זי וועט געהן זעלבסט־שטענדיג, ליגט דער טיעפער גראבען, מיר מיינען די רעוואלוציא־נערע, די קריטישע עפאכע, די געבורטס־קאטאסטראפע פון דער מאדערנער געזעלשאפט, וועלכע מאכט אונאבהענגיג דאס קינד פון דער מוטער, די סאציאלע צוקונפט פון איהר פערגאנגענהייט און דערהויבט די געזעלשאפט צו א פאלענדעטער שעפפונג. — וואס די רעוואלוציאן איז פאר דאס לעבען, דאס איז די קריטיק פאר די לעבענסאנשויאונג. זי שניידט איבער די שנור, וועלכע פערבינדעט דאס קינד מיט דער מוטער, זי צוברעכט די קייט פון די טראדיציאנעלע פארשטעלונגען, וועלכע שמידט די געגענווארט צו דער פערגאנגענהייט, זי עפענט דעם וועג צו א נייעם זעלבסט־שטענדיגען לעבען, דאס הייסט צו נייע פרישע שעפפונגען פון גייסט. פאר אן אויגענבליק האלט זי זיך פאר אבגעריסען פון דעם אייניגען שעפפערישען וועזען זעלבסט. ווארים זי האט נאך ניט געפונען דיזעס וועזען, דאס ג ל י י כ ג ע ו ו י כ ט, אין זיך זעלבסט, ווארים די טראדיציאנעלע פארשטעלונגען האבען גע־

האלטען דיזעס וועזען פאַר אַ יענזייטיגעס. — דער גרעסטער טייל פון אונזערע צייט־גענאָסען גלויבען ניט אין דאָס אבסאָלוטע, וועלכעס ווערט פאָרגעשטעלט אַלס יענזייטיגעס וועזען, אָבער זיי קענען ניט קומען צו דעם ווירקליך אבסאָלוטען, צו דעם שעפּפערישען, צום שווערפּונקט פון לעבען, וועלכער ליגט נאָר אין דעם גלייכגעוויכט און גלייכמאָס פון אַלע גייסטיגע קרעפטען. די וויינינגע אָבער, וועלכע מאַכען דיזען ענטשיידענדען שריט, פאַלען אריין אין די ספּעקולאציאָן.

אזוי ווי דער ניי־געבארענער איז נאָך ניט פאָלקאָמען עמאַנציפּירט פון דער מוטער, זאָלאנג ווי ער ליגט נאָך אויף איהר ברוסט, אזוי מוז אויך דאָס סאָציאַלע לעבען אריבערשרייטען דאָס זויגלינגס־אַלטער, כדי פאָלשטענדיג עמאַנציפּירט צו זיין. — נאָכדעם ווי די אינדוסטריעלע און אינטעלעקטועלע ארבייט האָט זיך בעפרייט דורך די רעוואָלוציאָן, האָט זי נאָך געמוזט שטאַרק ווערען דורך די ספּעקולאציאָן, איידער זי האָט זיך געקענט שטעלען אויף זיך זעלבסט. די פילאָזאָפישע און בירגערליכע ספּעקולאציאָן, וועלכע ווערט געמאַכט פון די גייסטיגע און מאטעריעלע קאפּיטאַליסטען און בעהערשט די וויסענשאַפטליכע און אינדוסטריעלע ארבייט, דיזע ביידע ארטען פון ספּעקולאַטיווער טהעטיגקייט זיינען די ביידע ברוסטען, וועלכע בינדען צו דאָס קינד צו דער מוטער, די ארבייט צום קאַפּיטאַל, דעם שעפּפערישען גייסט צו די פריהערדיגע שעפּפונגען, און וועלכע מאַכען נאָך אבהענגיג די נייע נעזעלשאַפט פון דער אַלטער. — ניט די אינדוסטריעלע ארבייט, ניט די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג האָבען זיך ביז יעצט געקענט בעפרייען פון די פאַרמיטלער, וועלכע ערנעהרען זי און בעלעבען זי. עס איז היינט די אויפגאַבע פון דער אינטעלעקטועלער און אינדוסטריעלער ארבייט, זיך צו בעפרייען פון דער ספּעקולאציאָן. נאַטור־פאָרשער און סאָציאַליסטען ארבייטען היינט מיט מעהר אָדער וויינינגער בעוואוסטזיין און ענערגיע פאַר די לעצטע בעפרייאונג פון דער מענשהייט, פאַר די עמאַנציפּאַציאָן פון דער ארבייט פון דער ספּעקולאַציאָן.

די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג איז אין דייטשלאַנד נאָהענט צו איהר ציעל, אזוי ווי די אינדוסטריעלע ארבייט אין ענגלאַנד.

אָבער דאָ אזוי ווי דאָרטען זיינען דיזע שטרעבונגען פעראייניצעלט. דער אנשטויס צו דער פעראייניגונג קען ארויסגעהן נאָר פון דעם לאַנד פון מאָדערנער רעוואָלוציאָן און צענטראליזאציאָן, פון פראַנקרייך, און פון דעם אידישען פאָלק, וועלכעס האָט פון אָנהויב פון דער וועלט־געשיכטע געהאט די מיסיאָן צו פעראייניגען די איינזייטיגע שטרעבונגען פון סאָציאַלען לעבען אין איין ברענפונקט.

ס פּ י נ אָ ז א האָט געלעגט דעם זאָמען פאַר די רעפּעניטי־ווע פעראייניגונג פון דעם געגענזאץ, וועלכער איז ענטשטאַנען מיט דעם אויפטרעטען פון דיביידע וועלטהיסטאָרישע ראַסען און וועלכער האָט דערגרייכט זייער העכסטען פּונקט אין די קלאַסישע שעפּפונגען פון די אידען און גריכען, און וואָס זייער ערשטער אונ־פּאָלקאָמענער פעראייניגונגס פערזוך איז געמאַכט געוואָרען אין קריסטענטום. זייט ס פּ י נ אָ ז א איז עס געוואָרען די אויפ־גאַבע פון דער געשיכטע, צו ענטוויקלען דעם פון איהם געמאַכטען אָנהויב ביז צו דעם העכסטען שלום פון דיזע געגענזעצען אין לעבען פון די פ ע ל ק ע ר.

די דייטשע פילאָזאָפיע האָט געוויס געהאַט דעם פערדיענסט, וואָס זי האָט איבערוועלטיגט דעם געגענזאץ פון טהעאיזם און אַטהעאיזם, וועלכען די רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע האָט בעשאַפען, דורך די אידישע איינהייטס־לעהרע, וועלכע איז ערשט פון ספּינאָ־זא ריכטיג פערשטאַנען געוואָרען. אזוי אָבער ווי דיזער פילאָזאָ־פיע האָט געפעהלט יעדער פּאָזיטיווער יסוד אין סאָציאַלען לעבען און אין די נאַטורוויסענשאפטען, האָט זי געמוזט אריינקומען מיט זיי אין אַ קאָנפליקט. די לעצטע פאָרם פון אנטאַגאָניזם, וועלכע דאַרף נאָך אויסגעגליכען ווערען, טרעט אויף דערפאַר אין דעם לאַנד, וואו דער מאָדערנער קולטור־היסטאָרישער פּראָצעס שפּיעלט זיך אב ניט מעהר ווי מאָנאָטעאיזם און פּאָליטעאיזם, ניט מעהר ווי מוסולמאַנישער מאַניזם און קריסטליכער דואַליזם, ניט מעהר ווי טהעאיזם און אטהעאיזם, זאָנדערן ווי אַ געגענזאַץ פ ו ן ס פּ ע ק ו ל א ט י װ ע ר פּ י ל אָ ז אָ פּ י ע און ע ר פ א ה־ ר ו נ ג ס ־ װ י ס ע נ ש א פ ט ע ן. די דייטשע פאָרשער זיינען דערצו בערופען, צו איבערוועלטיגען דיזע לעצטע פאָרם פון אנטאַ־גאָניזם דורך ארבייטען, וועלכע, ווי מ א ל ע ש א ט זאָגט, מוזען

דערצו פיהרען, דאָס די ערפאהרונג זאָל זיך אויפלעזען אין דער פילאָזאָפיע, און די פילאָזאָפיע אין דער ערפאהרונג. — אין דייטש־לאנד מוזען זיך די ערפאהרונגס־וויסענשאפטען בעפרייען פון דער פילאָזאָפישער ספעקולאציאָן דאדורך, וואָס די אינטעלעקטועלע ארבייטער זאָלען אויפזאמלען די רעזולטאטען פון דער וויסענשאפט און פעראייניגען זיי דורך אן אלגעמיינעם געזיכטס־פונקט, וועלכען מען קען דאָ לייכט געפינען, ווארים ער ליגט שוין אין דער גייס־טיגער אטמאָספערע.

5.

די לעצטע ראַסענהערשאַפט.

וואָס מעהר א פאָלק טוט אויף אויף זיין ספעציעלען געביעט, מיט אלץ וויינינער קנאה אנערקענט עס די לייסטונגען פון אנדערע פעלקער, און אלץ פרייער נעהמט עס איבער פון אנדערע פעלקער, וואָס איהם זעלבסט פעהלט אָדער וואס איהם איז נויטיג צום מאָ־דערנעם לעבען. דאָס איז אן אייגענשאפט, וועלכע מאכט בעזונ־דערס עהרע דעם דייטשען גייסט.

דאָס אידישע פאָלק מוז אין אלעם, וואס אנבעטרעפט די פאָ־ליטיש־סאָציאלע ווידערגעבורט פון די פעלקער און זיין אייגענע אויפערשטעהונג אלס זעלבסטשטענדיגע נאציאָן, זיך אָנשליסען אָן פראנקרייך, אָבער אין אלעס, וואָס האָט א שייכות צום גייס־טיגען לעבען, זיך האלטען אן דייטשלאנד. — נאָר די נארישע רע־אקציאָן קען פאראיבעל האָבען, דאָס מיר סימפאטיזירען מיט פראנקרייך אין פאָליטיש סאָציאלער בעציהונג, און ווארצלען מיט אלע פעדים פון אונזער גייסטיגען לעבען אין דייטשלאנד. פון דייטשלאנד קען מען גאָר נישט ניט האָפען פאר די נ א צ י אָ־נ אָ ל ע ווידערגעבורט פון די פעלקער. דיזעס פראָבלעם, וועלכעס איז שוין געוואָרען א וועלטבעוועגענדע לעבענספראגע זייט דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאָן, אָבער וואס איהר ענדגילטיגע לעזונג פאר אייראפא האָט זיך אָנגעהויבען מיט דעם איטאליענישען קריעג, דיזע פראגע, וועלכע שטעהט אומעדום און אפילו אין

דייטשלאנד אויף דער טאגעס־אָרדנונג, ווערט אין דייטשלאנד אפילו פון דער דעמאָקראטיע פערשפּאָטעט אלס נאציאנאליטעט־שווינדעל. — אויף די אידישע דעמאָקראטען פערדעכטיגען פראנק־רייך און די פעלקער, וועלכע שטיצען זיך אויף פראנקרייך. די פראנצויזען און די פעלקער, וועלכע סימפּאטיזירען מיט זיי און וועלכע נוצען אוים די קייזערליכע דיקטאטור צוליעב פעלקער־בעפרייענדע צוועקען, ווערען זעלבער עקספּלואטירט פון נאפּאָלעאָן צוליעב „פּרייהייטס־מערדערישע" צוועקען, — אזוי זאָגט מען אין דייטשלאנד. די דייטשען אָבער, אזוי טענה'ן אונזערע טיעפע דייטשע פּאָליטיקער, — בענוצען זיך מיט זייערע קיסרים און קעניגען, כדי צו קעמפּפען געגען די פראנצויזישע „הערשאפט". מען פערגעסט אָבער, דאס אויב היינט ווערט דייטשלאנד בעזיעגען פראנקרייך און איטאליען, ווערט מאָרגען דאָס דייטשע פּאָלק זעלבסט שטעהן אונטער פּאָליציי־קאָנטראָל. די אידען אָבער ווערט זיין נאָך ערגער, איידער נאָך דעם דייטשען „בעפרייאונגס־קריעג", אין וועלכען זיי האָבען געקעמפּפט מיט דייטשלאנד געגען פראנקרייך, האָבען געשטיצט די רעאקציאָן געגען די פראנצויזישע רעוואָלוציאָן און זיינען דערפאר צום לוין אויסגעשלאָסען געוואָרען פון שטאאטס־לעבען. די דייטשע אידען און דאָס דייטשע פּאָלק פערדיענען אָבער אויך ניט קיין בעסערען שיקזאל, ווען זיי ווילען זיך נאָך אַלץ נאָכשלעפּען נאָך דער מיטטעלאלטערליכער רעאקציאָן.

וויסענשאפטליכע שטודיען צוזאמען מיט מיינע פערזענליכע ערפאהרונגען האָבען מיינע שטענדיגע פּאָליטישע סימפּאטיען צו פראנקרייך פערשטארקט אין געדאנקען, וועלכע מען קען פאָרמו־לירען אויף פאָלגענדען אופן:

די סאָציאלע לעבענס־אינסטיטוציאנען זיינען, אזוי ווי די גייסטיגע לעבענס־אנשויאונגען, טיפּישע און אָריגינעלע ראסען־שעפּפּענגונגען. די גאנצע ביזהעריגע געשיכטע האָט זיך בעוועגט אין ראסען־קעמפּפען און קלאסען־קעמפּפען. דער ראסענקאמפּף איז דאָס אורשפּרינגליכע, דער קלאסענקאמפּף דאָס סעקונדערע.

די לעצטע הערשענדע ראסע איז געווען די גערמאנישע. — א דאנק דעם פראנצויזישען פּאָלק, וועלכעס האָט ביי זיך זעלבסט איבערוועלטיגט דעם ראסען־אנטאגאָניזם, נאָכדעם ווי עס האָט

געטויטעט די לעצטע הערשענדע ראַסע און איהר קעניג*), א ראַנג דער גרויסער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט אין פראַנקרייך זעלבסט צושטערט יעדע ראַסענהערשאַפט, דערנעהנט זיך יעצט דער ראַסען־אַנטאַגאָניזם צו זיין סוף.

מיט דעם ראַסען־אַנטאַגאָניזם הערט אויף אויף דער קלאַסען־קאַמפף. די גלייכבערעכטיגונג פון אַלע סאָציאַלע קלאַסען קומט נאָך דער גלייכבערעכטיגונג פון אַלע ראַסען און איז נאָר א ווי־סענשאַפטליכע פראַגע פון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיע. נאָך א לעצטער ראַסענקאַמפף איז אָבער אונפערמיידליך. ווען די דייטשע פּאָליטיקער וועלען עס ניט פערשטעהן, ווי צו בעקעמפּפען די געוואַלדיגע רעאַקציאָנערע שטרעמונג, וועלכע ליגט אין דעם קאָנ־פליקט פון דייטשלאַנד מיט די ראָמאַנישע פעלקער און ציהט אויף אריין די דייטשע דעמאָקראַטען אין דעם דעמאַגאָגישען שווינדעל. שוין צוויי מאָל איז עס אין אונזער יאָהרהונדערט געלונגען דער מיטעלאַלטערליכער רעאַקציאָן, — איינמאָל בשעת דער „בעפריי־אונגס קריעג" און דאָ ניט לאַנג בשעת דעם איטאַליענישען קריעג,— ארויסצורוקען די ראַסאַווע הערשאַפטס־אינסטינקטען פון די גער־מאַנישע קריעגס־אַריסטאָקראַטען, וועלכע בעטראַכטען זיך אַלס די הארען פון לאַנד און דאָס פּאָלק אַלס די קנעכט, נעגען די שטרעבונגען פון דעם דייטשען פּאָלק צו פּאָליטישער און סאָציאַ־לער ווידערגעבורט. אין א ווייטערדיגען קאָנפליקט צווישען אי־טאַליען און עסטרייך וועט די דייטשע דעמאָקראַטיע ווידער אריינ־פאַלען אין די חוואַליעס פון רעאַקציאָן, און עס וועט ענטשטעהן א ראַסענקאַמפף, וואָס זיין סוף קען ניט זיין פאַר אונז צווייפעל־האַפט.

פון דעם לעצטען פעלקערקאַמפף, וועלכען פ ע ר ד י נ אַ נ ד פ ר י י ל י ג ר אַ ד האָט אַזוי שעהן געשילדערט אין זיין ליעד „ב י י ם ב י ר ק ע נ ב ו י ם", קען ניט ארויסקומען מעהר קיין נייע ראַסענהערשאַפט, נאָר די גלייכבערעכטיגונג פון אַלע וועלט־היסטאָרישע פעלקער.

*) זעה איבער ראַסען־קאַמפף און רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך: א ו ג ו ס ט י ן ט י ע ר ר י.

6.

א שטיק געשיכטע.

פעלקער אזוי ווי אינדיווידועז האָבען אין זייער ענטוויקלונגס־גאנג בעשטימטע לעבענסאלטער. ניט יעדעס אלטער איז פאסיג פאר יעדע שטופע פון דער ענטוויקלונג. דאָס פערזוימטע איז שווער און אָפטמאָל אונמעגליך אנצויאָגען אין דעם שפּעטערן לע־בענסאלטער פון די פעלקער.

דייטשלאנד איז אין דער צייט פון דער רעפארמאציאָן גע־שטאנען אויף אזא פּאָליטיש־סאָציאַלער הויך, וועלכע האָט גע־וועקט דאָס זעלבסט־בעוואוסטזיין צו פּאָליטיש־סאָציאַלע רעפאר־מען, צו רעוואָלוציאָנען, ווי זיי זיינען שפּעטער פאָרגעקומען אין ענגלאנד און אין פראנקרייך. דאָס 16טע יאָהרהונדערט איז געוועזן די עפּאָכע פאר דייטשלאנד'ס ווידערגעבורט. דייטשלאנד האָט ווירקליך בעשאפען אין יענער עפּאָכע א רעפאָרם, וועלכע האָט אָבער די נאציאָן ניט געאייניגט, נאָר די נאציאָן אינוועניג צושפּאָל־טען. די פּאָליטיש־סאָציאַלע רעוואָלוציאָן אויף דער דייטשער נאציאָנאַלער גרונדלאגע איז דערשטיקט געוואָרען אין בלוט פון די דייטשע בויערן.

אויב די ערהויבונג פון די דייטשע בויערען וואָלט ניט אזוי שענדליך פעררעטען געווארען פון די גדולים פון דער דייטשער קולטור און ציוויליזאציאָן, דאן וואָלט דאָס דייטשע פאָלק שוין דאמאָלס גענומען זיין רעגעלמעסיגען ענטוויקלונגס־גאנג אין מאָ־דערנעם לעבען און וואָלט געבליבען אן דער שפּיץ פון די איבריגע אייראָפּעאישע קולטור־פעלקער. די מאכט פון דעם „דייטשען שווערד" וואָלט זיך פערוואנדעלט אין די איידעלערע און העכערע מאכט פון דעם מאָדערנעם דייטשען גייסט און פליים. דאָס זעלבע פאָלק, וועלכעס האָט געשטירצט די אמאָליגע וועלט־הערשאפט פון רוים, כדי צו פארנעהמען איהר ירושה אלס מיטעל־אַלטערליכע פעאָדאלע מאכט, וואָלט יעצט געגעבען דער וועלט דעם ערשטען סיגנאַל פאר דעם שטורץ פון זיין אייגענער, דער לעצ־טער ראסען־הערשאפט. דער שיקזאל האָט אָבער געוואָלט אנ־

דערש. דאָס לעצטע אויסערוועהלטע פאָלק האָט אזוי ווי דאָס ערשטע געמוזט בעצאָהלען טהייער פאר זיין היסטאָרישעס פּרי־ווילעגיום, איידער עס איז געווארען ווירדיג אריינצוטרעטען אין דעם בונד פון דער מענשהייט, וועלכער שטיצט זיך אויף די גלייכבערעכטיגונג פון אלע פעלקער.

די אויסערליכע און איינצעלנע אורזאכען, דורך וועלכע עס איז צובראכען געווארען די דייטשע רעוואָלוציאָן, זיינען בעקאנט. קארל דער פינפטער, וועלכער האָט געוואָלט פערווירקליכען דעם חלום פון אן אוניווערסאלער דייטש־רוימישער מלוכה, בשעת דאָס נאציאנאלע בעוואוסטזיין האָט אָנגעהויבען צו ערוואכען ביי די וועלט־היסטאָרישע פעלקער, דיזער דייטשער קיסר איז געווען נאָר זעהר ווייניג א דייטשער. צוליעב א פאנטאסטישען חלום האָט ער זיך ענטזאגט פון דער פּאָליטיש־סאָציאלער און רעליגיעזער רעפאָרם, וואָס דורך איהר וואלט ער געקענט אויפהויבען דייטשלאנד צו א מאָדערנעם איינהייטס־שטאַט, וואָלט עס געקענט בעפרייען פון צושפּליטערונג, וואָלט זיך זעלבסט געקענט געבען א פאָלק און דעם פאָלק א קיסר, אין קורצע ווערטער, וועלכער האָט געקענט בעשאפען א מאָדערנעם שטאַט צום וואהל פון אלע מאָדערנע פעלקער, וועלכע האָבען געשטרעבט צו נאַציאָנאלע ווידערגעבורט, און צום שרעק פון זייערע מיטעלאלטערליכע קריעגס־הארען. דער קיסר האָט אבער געפיהרט צו דעם ענטגעגענגעזעצטען רעזולטאַט. דער אדעל האָט זיך געקענט מאכען אונאבהענגיג פון קיסר, ווארים ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אן די רעליגיעזע בעוועגונג, און דער אדעל האָט זיך געמאכט אונאבהענגיג פון פאָלק, ווארים ער האָט צעדריקט די פּאָליטיש־סאָציאלע בעוועגונג. דיזעס אנטי־נאַציאָנאלע ווערק איז געפיהרט געוואָרען ניט נאָר א דאַנק דער פאלשער פּאָליטיק פון דעם דייטשען קיסר, נאָר אויך א דאנק דער פּאָליטישער אונפעהיגקייט פון דעם דייטשען רעפאָרמאַטאָר. לוטער האָט עס געפונען אין זיין בעשרענקטקייט פאר וויניגער געפעהרליך, זיך אָנצושליסען אן דעם אדעל, איידער אן דאס פאָלק, און האָט צום סוף פּערראטען די בויערען, אזוי ווי אונזערע דייטשע דאָקטרינערען פעררראטען דאָס פאָלק, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אן ערנסטער דעמאָקראַטישער בעוועגונג. פון דעסטוועגען וואָלט די דייטשע רעוואָלוציאָן געזיעגט, ווען ניט די שטעדט, וואָס זייערע

איינוואהנער, די בירגער, האָבען דאָך איינענטליך געראַפט זיין פעראינטערעסירט אין דעם שטורץ פון דער פעאָדאַלער הערשאַפט, וואָלטען ניט געוועזען אזוי ענג־הערציג און דערשראָקען און וואָלטען פערשטאַנען די גרויסע נאציאנאַלע בעדייטונג פון דעם בויערען־קריעג און וואָלטען אויסגעקעמפּפט זייער אייגענעם נוצען. אַנ־שטאט דעם האָבען זיי פערראַטען די בויערען צו דעם אדעל. נאָכ־דעם אבער ווי די בירגער האָבען פערראַטען די בויערען צו זייערע שונאים, נאָכדעם ווי דער דייטשער רעפאָרמאַטאָר האָט די בויערען בעשימפּפט, דער קיסר האָט זיי פערלאָזען, זייערע קריעגס־הארען האָבען זיי אויסגעשלאַכטעט, האָבען די דייטשע בויערען זיך געמוזט אבזאגען פון זייער ווערק. און די ווידערגעבורט פון דייטש־לאַנד איז דערשטיקט געוואָרען אין איהר אָנהויב. דאָס דייטשע פאָלק איז באלד אראבגעפאלען פון זיין הויך. לוטער האָט דאָס געזעהן און האָט עס וויינינגסטענס אויסגעשפּראָכען. פערשטאַנד האָט די דייטשע דאָקטרינערען איינענטליך קיינמאָל ניט געפעהלט.

אין דעם דרייסיג יאָהריגען קריעג האָבען די בעסטע עלעמענ־טען פון דייטשען פאָלק געמוזט אויספּיהרען איבער זיך זעלבסט דעם טויט־אורטייל, וועלכען זיי האָבען אויסגעשפּראכען געגען זיך זעלבסט דורך די אבפאַלונג פון דער דייטשער רעוואָלוציאָן. זיי האָבען שפּעטער אפשר נאָך געקענט טעאָרעטיש פערשטעהן, דאָס די וועלט־געשיכטע איז דאָס וועלט־געריכט. אָבער זיי האָבען ניט געקענט מעהר אבווענדען דאָס געריכט פון זיך זעלבסט. אין דער צייט פון דער ענגלישער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט אויפגעהויבען אונזער שטאָלצעס נאכבאר־פאָלק אויף די הויך פון דער קולטור און ציוויליזאציאָן און איז געוואָרען די אורזאכע פון זיין הייגטי־גער וועלט־מאכט, איז דייטשלאַנד צו גרונד געגאַנגען אין בלוט און קייט. אויך די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט אלע איירָאָפּעאישע פעלקער געלערנט דעם קאמפּף פאר פרייהייט, האָט געבראַכט דייטשלאַנד נאָר די שטונדע פון פרעמד־הערשאַפט און רעאקציאָן, וועלכע האָט ניט געקענט געשטירצט ווערען אפילו דורך די רעוואָלוציאָנען פון 1830 און 1848. אזוי ווי אין דער צייט פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן האָבען די דייטשע ליטעראטור און פילאָזאָפיע, וועלכע זיינען דאמאָלס געשטאַנען אין זייער בליטע, ניט פערמאָגט צו בעשיצען דעם שאַטען

פון דער דייטשער מלוכה פון פּאָלשטענדיגער פערניכטונג, אזוי קענען נאָך היינט ניט אלע אונזערע רעדנער, שרייבער און זינגער עלעקטריזירען דעם פּאָליטישען מת, וואָס זיין נשמה איז אויסגע־הויכט געווארען אין דעם אונגליקליכען בויערען־קריעג. פּאָפּולערע גייסטער און פּאטריאָטישע האראַקטערען פאלען ניט אראב פון הימעל ווי א רעגען, זיי האָבען זייערע ווארצלען אין די טיעפענישען פון פאָלק און זיין געשיכטע. ווען די געשיכטע פון א פּאָלק ווערט געשטערט אין איהר ענטוויקלונג, ווען דאָס פּאָלק זעלבסט ווערט צודריקט אין זיין גרויסארטיגער פּאָרווערטס־שטרעבונג, דאן ווערט אויסגעלאָשען דער פּאָליטישער גניוס פון פּאָלק. דאָס איז יעצט די לאַגע פון דייטשלאַנד. אין דער צייט פון דעם בויערן־קריעג וואָלט דאָס דייטשע פּאָלק געקענט ארויסברייננגען שטאאטס־מענער, וועלכע וואָלטען אין זיך פעראייניגט מאָדערנעם גייסט און פּאט־ריאָטיזם. היינט פעהלט דעם דייטשען פּאָלק דער געמיינזאמער באדען און דער טראדיציאָנעלער שטאָף. אלע זכרונות פון דייטש־לאנד׳ס גרויסקייט געהערען צו דעם מיטעלאלטער און צו די אור־וועלדער. זיין גאנצער היינטיגער פאטריאָטיזם איז רעאקציאָנער און האָט ניט קיין באדען אין פּאָלק. א מאָדערנעם דייטשעם פּאָלק עקסיסטירט נאָך ניט, ווארים עס האָט נאָך ניט געקענט דורכגע־פיהרט ווערען קיין מאָדערנע דייטשע בעוועגונג. אָהן ווידער־אויפלעבונג איז ניטאָ קיין פּאָלק, אָהן פאָלק איז ניטאָ קיין פּאט־ריאטיזם אין מאָדערנעם זין. דער היינטיגער דייטשער פּאטריאָ־טיזם, וועלכער דריקט זיך אויס אין זידלען די אלע דייטשע שכנים, ווארים ער האָט ניט קיין מוטה און קיין טאלאנט צו פערווירקליכען די אייגענע רעגענעראציאָן, איז פּאָלשטענדיגער שווינדעל. דייטש־לאנד זיפצט ניט אונטער דעם דרוק פון א פרעמדהערשאפט, וועלכע מען וואָלט געוואָלט בעשאפען, כדי צו געפינען אן אורזאכע פאר א פּאָלקס־ערהויבונג אָהן די אינווענדיגע ארבייט פון דער אייגענער ווידעראויפלעבונג. דייטשלאנד איז קראנק פון זיין ערמאָרדעטער רעוואלוציאן, עס קען ניט מאכען היינט ביי זיך, אָהן די הילף פון די פּאָרטגעשריטענע אייראָפּייאישע פעלקער, אן אייגענע רעוואָלו־ציאָנערע בעוועגונג, וועלכע עס האָט צו שאנדע געמאכט אין דער צייט פון דער רעפארמאציאָן, און געגען וועלכע עס האָט געקעמפפט אין דער צייט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציאָן. אויב די

דייטשען זיינען צו שטאָלץ, צו געהן האנד אין האנד מיט יענע פעלקער, וועלכע האָבען זיך בעפרייט אָדער ווילען זיך בעפרייען פון דער קריסטליך־גערמאנישער, מיטעלאלטערליך־פעאָדאלער הערר־שאפט, מוזען זיי זיין אונטערגעווארפען אונטער די מיטעלאלטער־ליכע רעאקציאָן, וועלכע זיי האָבען ניט געקענט אראבווארפען אין דער ריכטיגער צייט. די לעצטע געלעגענהייט פאר א פאָלקס־ער־הויבונג אין נאציאָנאלען זין האָט נאָר געהאלפען דעם זיעג פון דער רעאקציאָן, ווארים דער קריעג געגען פראנקרייך איז שוין לכתחילה געווען א קאמפף פון דעם רעאקציאָנערען אייראפא געגען די פראנצויזישע רעוואלוציאָן. אויב היינט וואָלט דייטשלאנד וויע־דער פערוויקעלט געווארען אין א קריעג מיט דעם אויסלאנד, וואָלט א זיעג פון דער דייטשער ארמעע געווען געוויס א זיעג פון דער רעאקציאָן, בפרט נאָך וואס ניט די דייטשען וואלטען געקעמפפט פאר אונאבהענגיגקייט. אזוי טיעף זיינען מיר געזונקען, דאָס מיר מוזען בעגריסען דאָס אונגליק פון אונזער ארמעע אלס א גליק. — „די וועלט־געשיכטע איז דאָס וועלט־געריכט“. פאר אונזער פער־ברעכען אין 16־טען יאָהרהונדערט מוזען מיר נאָך היינט בעצאהלען. ווער קען פאָראויסזאגען די קאטאסטראפען פון אונזער צוקונפט, ווייל אונזער מאָדערנע ענטוויקלונג איז דערשטיקט געווארען אין איהר אָנהויב? געוויס וועט יעדער פעלקער־קאמפף, וועלכער וועט זיך היינט פאנאנדערברענגען פאר די נאציאנאלע אונאבהענגיגקייט, ענדיגען מיט דער גלייכבערעכטיגונג פון אלע פעלקער און אפילו פון די פעלקער, וועלכע ווילען קעמפפען דאגעגען. אבער דורך וועלכע מיטעל וועט דערגרייכט ווערען דיזעס ציעל, וועלכער פריעדליכער אָדער קריעגליכער דייטשער פאטריאט וואגט עס נאָר צו קלערען מכח דעם?

די צייטען פון דער ראסען־הערשאפט זיינען פעראיבערגעגאנגען. אויך דאָס קלענסטע פאָלק, מעג עס געהערען צו דער גערמאנישער אָדער ראמאנישער, צו דער סלאווישער אָדער פינישער, צו דער קעלטישער אָדער סעמיטישער ראסע, ווי באלד עס פאָדערט זיינע רעכטע אויף א פלאַץ צווישען די קולטור־היסטאָרישע פעלקער, קען עס רעכענען אויף די סימפאטיען פון די אלמעכטיגע וועסט־ליכע קולטור־פעלקער, וועלכע האָבען היינט געפונען אין דעם ווידער־אויפגעלעבטען איטאליענישען פאָלק א טרייען בונדעס־גענאָסען.

אזוי ווי די פאטריאטען פון אלע אנדערע אונגליקליכע פעלקער, קענען אויך די דייטשע פאטריאטען נאָר אין א אויפריכטיגען בונד מיט דיזע פאָרטגעשריטענע און מעכטיגע פעלקער פון דער ערד דערגרייכען דאָס ציעל פון זייערע שטרעבונגען. אויב זיי וועלען אָבער זיך זעלבסט און דעם דייטשען פאָלק איינרעדען די פאלשע חלומות וועגען דער מאכט און הערליכקייט פון דעם „דייטשען שווערד", — דאן וועלען זיי פערגרעסערען די אלטע זינד מיט נאָך א נייער זינד, זיי וועלען ארבייטען פאר די רעאקציאָן און וועלען ארייַנציהען אין איהר פערדערבען גאנץ דייטשלאנד.

נאָטע 1.

אין תלמוד אזוי ווי אין מדרש ווערט די גאולה פון דעם אידישען פאָלק צונעשריבען צו דער ריינקייט און טרייקייט פון די אידישע פרויען, וועלכע האָבען זייער נאציאָן ניט פערלייקענט. עס ווערט בעזונדערס אונטערשטריכען, דאָס די אידען האָבען אין מצרים ניט געביטען זייערע נעמען און זייער שפראך און זיינען דערפאר מעהר ראוי געווען, אויסגעלעזט צו ווערען. איידער אין שפעטערע צייטען: מ"ר במדבר פ'כ', שה"ש, ויקר' פ' ל"ב. לא שנו את שמן, ראובן ושמעון נחתון ראובן ושמעון סלקין, לא קורין ליהודה רופס, ולא לראובן לוליאני, ולא ליוסף לוסטום ולא לבנימין אלכסנדר וכו'.

אפילו אונזער גרעסטער נביא און מחוקק ווערט געטאדעלט דערפאר, וואס ער האָט זיך ביי יתרו אין מצרים ניט ארויסגעגעבען פאר א איד. דערפאר איז ניט דערפילט געוואָרען זיין בקשה מקובר צו ווערען אין היילינגען לאנד. פערקעהרט אָבער זיינען די ביינער פון יוסף, וועלכער האָט ניט פערלייקענט זיין אידישע אבשטאמונג, נעבראכט געוואָרען אין ארץ ישראל און דאָרט מקובר געוואָרען.

מ"ר ואתחנן: אמר לפניו רבש"ע עצמותיו של יוסף נכנסו לארץ ישראל ואני איני נכנס לארץ, אמר לו הק"בה, מי שהודה בארצו, נקבר בארצו, ומי שלא הודה בארצו, אינו נקבר בארצו. יוסף הודה בארצו, מנין? גבירתו אומרת: ראו הביאו לנו איש עברי וגו', ולא כפר, אלא גנב גנבתי מארץ העברים, ונקבר בארצו וכו'. אתה שלא הודית בארצך, אין אתה נקבר בארצך, כיצד? בנות

יתרו אומרות, איש מצרי הצילנו מיד הרועים והוא שומע ושותק, לפיכך לא נקבר בארצו.

נאָטע 2.

דער שטיין־פּונקט אויסערהאלב פון דער וועלט, וועלכער איז פאראן אין דער אידישער געשיכטס־רעליגיאָן אזוי ווי אין דער אלט־אינדישער נאַטור־רעליגיאָן, איז דער פערבינדונגס־פּונקט פון דער אידישער און היידנישער, פון דער סעמיטישער און אינדאָ־גערמאנישער וועלט־אנשויאונג, די זריעה, פון וועלכער עס איז שפּעטער ארויסגעוואקסען די מיטעלאַלטערליך־קריסטליכע און די מאָדערן־וויסענשאפטליכע לעבענס אנשויאונג. — אין דיזען פּונקט פאלען צוזאמען דיביידע גרויסארטיגע גייסטעסריכטונגען פון די צוויי וועלט־היסטאָרישע מענשען־ראַסען. דאָ טרעט אויך ארויס זייער עהנליכקייט און זייער אונטערשיעד. זיי ביידע האָבען פון אָנהויב אָן דערקענט און האָבען עס אויסגעשפּראָכען אין זייער עלטעסטער ליטעראטור, דאָס די לעבענס־פערהעלטניסע, אין וועלכע דער מענש געפינט זיך, זיינען אונווירדיג און בעדארפען די ערלעזונג, ווי באלד נאָר דער מענשליכער גייסט איז ערוואַכט. זיי חלום׳ען ביידע פון א גאָלדענעם צייטאַלטער, וועלכען זיי טראָגען אריבער אין די פערגאנגענהייט, פון א פערלאָרענעם גן־ערן, וועלכען זיי ווילען נאָכאמאָל געפינען. דער קאמפף פון דיווילדע קרעפטען, מיט וועלכען עס הויבט זיך אָן די געשיכטע פון דער מענשהייט, איז להיפך צו דעם הומאנעם וועזען, וועלכעס ענטהאלט שוין אין זיך דעם זאָמען צו דער האַרמאָנישער איינהייט פון דעם לעבען, צו דעם לעצטען ציעל פון דער סאָציאַלער ענטוויקלונגס־געשיכטע. אין דער ענטהאלטזאמקייט פון די פערגניגונגען פון לעבען, וועלכע מען קען בעקומען נור דורך דאָס עלענד און דעם טויט פון די אונז נאָהענטע ברואים, זעהען די הייליגע שריפטען פון די ביידע וועלט־היסטאָרישע מענשען־ראַסען דעם מיטעל צו הייליגקייט, צו ערלעזונג. פאראן אָבער אַן אונטערשיעד צווישען דיזע ביידע וועלט־אנשויאונגען. ביי דער אינדאָ־גערמאנישער ראַסע, וואָס איהר פּאַסיווער גייסט איז ניט געאייגנעט פאַר די זעלבסטשטענדיגע ארייני־מישונג אין די געשיכטע פון דער מענשהייט, האָט זיך דיזע ענט־

האלטזאמקייט פערוואנדעלט אין א פּאַלשטענדיגע אבזאגונג און פערלייקענונג פון לעבען (בראמיזמוס און בודיזמוס). די אידען אָבער האָבען פון אָנהויב אָן און דורך דעם שטורם פון זייער גע־שיכטע דערקענט זייער בערוף דארין, וואָס זיי האָבען געהאַלטען הייליג ניט נאָר דאס א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע, פון דער נ א ט ו ר געגעבענע, דאָס הייסט ניט נאָר דאָס אָ ר ג אַ נ י ש ע, נאָר אויך דאָס ס אָ צ י א ל ע לעבען פון דער מענשהייט. זיי האָבען געוואלט אקטיוו העלפען די ענטוויקלונג פון דער מענש־הייט און זי פּאַרבערייטען פאר דעם מ ל כ ו ת ה מ ש י ח, וועלכער איז אין הארמאָניע מיט דעם געטליכען ווען, וואָס האָט זיך נתגלה געווען צו זייער גייסט.

די אלט־אינדישע ווייזהייט האָט אין אונזער יאָהרהונדערט געפונען איהר ריינסטען אויסדרוק אין אַן עכטען דייטש, אין ש אָ־פּ ע נ ה א ו י ע ר. אין דער קריסטליך־גערמאנישער וועלט איז שאָפּענהויער דער פּאַלשטענדיגער היפּך פון ה ע ג ע ל. העגעל האָט ארויסגעבראכט די געשיכטליכע, גענעטישע וועלט־אנשויאונג, דאָס מיינט די אידישע. העגעל זעהט אָבער נאָר אין ק ר י ס ט־ל י כ ע ן זין די ענטוויקלונג פון דעם ג י י ס ט, און דערמיט האָט ער וועניגסטענס די קאָנקרעטע אידישע געשיכטס־רעליגיאָן דערהויבען צו אַן אבסטראקטער גייסטעס־פילאָזאָפיע. שאָפּענהויער אָבער האָט געלייקענט אין די גאנצע געשיכטס־רעליגיאָן און דערמיט אויך אין די גאנצע געשיכטליכע ענטוויקלונג און אין דאָס גאַנצע לעבען, אין זיין אידעאַלער זייט אזוי ווי אין זיין רעאַלער. דורך דיזען ניהיליזם, וועלכער איז געווען דער יסוד פון דער גאנצער אינדא־גערמאנישער וועלט, און האָט געשטאָמט פון זייער ראסע, איז שפּעטער די נ א ט ו ר־רעליגיאן צושטערט געווארען. פּער־קעהרט, די געשיכטליכע לעבענס־אנשויאונג פון יודענטום, וועלכע איז ארויסגעגאנגען פון דעם ניהיליזם פון דער נאַטירליכער וועלט, אָבער האָט ניט פערלייקענט דעם הומאנעם שעפּפער אין דער גע־שיכטע, האָט פערמאָגט ארייננצובריינגען א טרייסטפולע לעבענס אנשויאונג אין די חורבות פון דער זיך זעלבסט פערניכטענדער וועלט דורך די האָפנונג אויף די צוקונפטיגע ווידערגעבורט.

ווען מען נעהמט אָן צוזאמען מיט שאָפּענהויער און די אינדא־גערמאנען, אז דאָס שעפּפערישע ווזען איז נאָר אַן עלעמענטאַר־

קראפט, און ניט דער שעפפערישער געניוס פון דער גאנצער געשיכטליכער ענטוויקלונג אין דער נאטור און דער מענשענוועלט, דאן איז די וועלט נאר דער פראָדוקט פון א קראפט, וועלכע איז זיך זעלבסט סותר און וואס איהר שטרעבונג אָהן א ציעל. איהר „ווילען צום לעבען“, ווי שאָפּענהויער זאָגט, קען דעם מאָראלישען און גייסטיגען מענשען ניט ברייננען קיין שום בעפרידיגונג. נאר די געשיכטס־רעליגיאָן, וועלכע זעהט אין דעם קאמפף פון די נאטור־קרעפטען, אזוי ווי פון די אינדיווידועז און די פעלקער, ע נ ט וו י ק ־ ל ו נ ג ס ־ ש ט א פ ע ן און טראגט אין זיך די זיכערקייט פון דעם נצחון פון דער געטליכקייט, נאר די געשיכטס־רעליגיאָן האָט עס ניט נויטיג, זיך אבצוזאגען פון לעבען, כדי צו דערגרייכען א הייליגקייט, וועלכע איז אליין אייגענטליך ניט מעהר ווי דער קאנטעמפּלאטיווער (בעשויענדער) עגאָאיזם. יעדע שטרעבונג צו א בעסערען לעבען, מעג עס אויפגעפאסט ווערען אלס א רעאלעס אָדער אידעאלעס, אלס א ד י ע ס ז י י ט י ג ע ס אָדער י ע נ ז י י ־ ט י ג ע ס, קומט פאר דעם קאנטעמפּלאטיווען עגאָאיזם ווי א ריינער שטות. דורך די שטרעבונג בכלל ווערט, לויט דיזער וועלט אנשויאונג, נאָר פעראייביגט דער ווילדער, עלעמענטארער, ניט־אָרגאנישער גייסטלאָזער קאמפף. דיזע מאטעריאליסטישע אנטי־היסטאָרישע אנשויאונג איז אין אלע סאָציאלע בעוועגונגען קאָנסערוואטיוו אָדער רעאקציאָנער. שאָפּענהויער האָט איבערגעלאָזען זיין פערמעגען צו די בערלינער סאלדאטען, וועלכע האבען געקעמפפט געגען דאָס פאָלק אין 1848. ער איז אין הסכם נאר מיט דער נ ע ג א ט י וו ע ר זייט פון קריסטענטום, מיט דער קריסטליכער פעראכטונג פון דעם „געגענווערטיגען“ לעבען, וואס דערמיט אונטערשיידעט זיך דאָס קריסטענטום פון יודענטום. אָבער ער איז ניט אין הסכם מיט דער קריסטליכער פערהערליכונג פון דער צוקינפטיגער ווידערגעבורט, וואָס דערמיט האָט דאָס קריסטענטום צוגעצויגען דאָס היידענטום צו דער אידישער געשיכטס־רעליגיאָן און האָט שלום געמאכט מיט דעם לעבען.

איברינגענס פערשטעהען מיר, דאָס יענעס קאָנטעמפּלאטיווע (בעשויענדע) וועזען, וועלכעס לייקענט דעם ווילען צום לעבען, מאכט דעם מענשען אין א הויכער מדרגה פעהיג צו קינסטלערישע שעפּפונגען און צו דעם גענוס פון דיזע שעפּפונגען. פערקעהרט

אָבער איז דער וועג פון די מענשען, וועלכע האָבען אויף זיך גענו־מען דעם עול מלכות שמים, דאָס הייסט דעם בערוף איבערצואַנ־דערשען דאָס סאָציאַלע לעבען נאָך דעם געטליכען פּלאַן, דער וועג פון דיזע מענשען איז ניט אויסגעבעט מיט רויזען.

נאָטע 3.

אין יאָהר 1858 איז ביי אָ ט ט אָ ו ו י ג א נ ד אין לייפּציג ערשיענען אַ שריפט אונטער דעם נאָמען: „צוויי געשפּרעכען מכח דעם ארויסטריט פון יורענטום, ארויסגערופען דורך דעם בריעף־וועקסעל פון דאָקטאָר א ב ר ה ם ג י י ג ר מכח דיזער פראַ־גע“. דער פּערפאסער בעמיהט זיך צו בעווייזען, דאָס די ראיות פון דאָקטאָר גייגר זיינען ניט ריכטיג, ניט פון פילאָזאָפישען און ניט פון סאָציאַלען שטאנדפּונקט. דאָס זיינען זיינע „ס אָ צ י אַ ל ע“ ארגומענטען:

”מיין פריינד, עס זיינען פאראן זאכען, וועלכע מען קען ניט גלאַט אריבער געהן. עס קען זיין, דאָס די בירגערליכע פרייהייט האָט אראבגענומען פון די אידישע געשטאַלטען דעם שטעמפּעל פון קנעכטשאפט, וועלכען די יאָהרהונדערטען פון דרוק האָבען אויף זיי ארויפגעלעגט. עס קען זיין, דאָס זייער גאנג האָט זיך שוין דורך דעם זיעג און שוין אין קאמפף פאר דער פרייהייט אויסגעגליכען און איז געוואָרען שטאָלצער, דאָס זייער שטערען האָט אָנגעהויבען ליכטיגער צו שטראהלען. עס קען זיין, דאָס דער אלגעמיינער גייס־טיגער אויפשוואונג האָט אויך ארויסגעבראכט צווישען די אידען, וועלכע האָבען פריהער קוים נאָך געקענט רעדען פערשטענדליך דייטש, פּאָעטען און שריפטשטעלער, וועלכע די דייטשע נאציאָן האָט באלד געמוזט צורעכענען צו די בעסטע, אַ ב ו ו א ה ל מ י ט א ג ע ו ו י ס ע ן ג ע פ י ה ל פ ו ן ג ע ג ע נ ש ט ר ע־ב ו נ ג א ו ן ע ר ש ט ו י נ ע ן. דאָס אלץ איז פאָרגעקומען אונטער דער פערוואונדערונג פון דעם יעצטיגען דור. פון דעסטט־וועגען שטעהט נאָך אלץ פעסט די אלטע שיידע־מויער, און די טויע־רען זיינען געבליבען פערשלאָסען עד היום מיט קייטען און ריגעל. ווארים דער שומר, וועלכער האָט זיי געהיט, האָט ניט געקענט לייכט איינגעשלעפערט ווערען. דאָס איז די ר א ס ע ן ־ פערשיעדענהייט

צווישען דער אידישער און דער קריסטליכער (דייטשער) בעפעלקערונג. אויב מיין בעהויפטונג וועט אייך פערוואונדערען, בעט איך אייך א קלעהר טאָן מכח דעם, דאס ראסענפערשיעדענהייטען רופען אומעדום (ביי די גערמאנען) ארויס געגענזעצען, געגען וועלכע פילאַנטראָפּישע דעקלאמאציאָנען זיינען מאכטלאָז. צווישען דער דייטשער און סלאווישער בעפעלקערונג אין בעהמען, אין אונגארן און זיעבענבירגען, צווישען דער דייטשער און דער דענישער בעפעלקערונג אין שלעזוויג, צווישען דער אלט־אירלענדישער בעפעלקערונג פון אירלאנד און די אנגלא־זאקסען, זיינען נאָך ביז צום היינטיגען טאָג די נאציאנאלע און די ראסאווע געגענזעצען אזוי לעבהאפט און שטארק, דאָס מען קען גאָר ניט קלעהרען מכח דער סאָציאלער פעראייניגונג פון דיזע ענטגעגענגעזעצטע עלעמענטען. די ראסען־פערשיעדענהייט צווישען גערמאנען און סלאווען איז דאָך אבער א קליינינקייט, פערגליכען מיט דער פערשיעדענהייט צווישען די קינדער פון די בני יעקב, וועלכע זיינען געקומען פון וויטען אזיען, און די קינדער פון טייט און הערמאן דעם חערוסקער, וועלכע לעבען שוין זייט אונענדליכע צייטען אין דעם הארץ פון איירופא. עס איז דאָך א גרויסער אונטערשיעד צווישען די שטאָלץ־בליקענדע הויכע מענער־געשטאלטען מיט בלאָנדע האָר און די בעוועגליכע קליין־געוואקסענע מענשען מיט שווארצע האָר און מיט אזיאטישע פנים'ער. ראסען, וועלכע זיינען אויף אזא אופן פערשיעדען צווישען זיך, האָבען א אינסטינקטיווע אבשטויסונג צו איינאנדער, וואס אלע שכל'דיגע טענות זיינען מאכטלאָז געגען איהר."

דאָס איז וועניגסטענס אן אויפריכטיגע שפראך. זי בעווייזט אפילו ניט, וואס דער פערפאסער וויל בעווייזען, ווארים די קריסטליכע טויפע מאכט דאָך ניט פון דעם דייטשען א איד. אָבער זי גיט צו, דאָס דער אינסטינקטיווער ראסען־אנטאגאָניזם איז אין דייטשלאנד נאָך שטארקער, איידער יעדע שכל'דיגע חקירה. די „ריין־מענשליכע נאטור" איז דאָ פערוואנדעלט געווארען אין די נאטור פון דעם ריינעם גערמאניזם. די „בלאָנדע הויכע געשטאלטען" קוקען אראָב אויף די ווידער־אויפלעבונג פון די בעוועגליכע קליין געוואקסענע און מיט שווארצע האָר מיט א געפיהל פון

„געגענשטרעבונג און ערשטווינען". בשעת די וועסטליכע קולטור־פעלקער דערמאנען נאָר מיט פּעראכטונג דעם שענדליכען דרוק, אונטער וועלכען אידען האָבען אמאָל געלעבט צווישען זיי, רעדט דער דייטש נאָר פון דעם „שטעמפּעל פון קנעכטשאפט", וועלכען ער האָט אמאָל ארויפגעלעגט אויף די „אידישע געשטאלטען".

אין א פעליעטאן, וועלכער איז ניט לאנג צוריק ערשיענען אין דער באננער צייטונג: "באָנן מיט אכציג יאָהר צוריק", ווערט געשריבען מכח די אידען, דאָס זיי האָבען געלעבט אין א בעזונדערער גאַס און האָבען זיך אומעדום ערנעהרט פון שאכער. — איך גלויב, דאָס מען דארף זיך וויינינגער וואונדערן, דאָס די אידען האָבען דאמאָלס געלעבט פון שאכער, איידער דאָס זיי האָבען איבערהויפּט געקענט לעבען אין יענע יאָהרהונדערטען פון דרוק. — אלע עקסיסטענץ־מיטלען און אפילו דאָס וואהנרעכט זיינען ביי זיי גערויבט געוואָרען. דורך שוץ־געלדער האָט זיך יעדע אידישע גענעראציאָן און געמיינדע געמוזט שטענדיג אויפ'ס ניי קויפען דאָס „פּריווילעגיום", ניט צו פערטריבען ווערען פון איהר וואהנרעכט. זי איז געווען גליקליך, ווען זי איז, ניט קוקענדיג אויף דעם פערטראַג, ניט בערויבט אָדער פערטריבען געוואָרען אָדער פון דעם פאנאטישען פאָלק ניט גע'הרג'עט און געמאָרדעט געוואָרען. — אויך איך וויים א מעשה פון „פאר אכציג יאָהרען". — א איד האָט גושא חן געווען ביים קורפירסט פון באָנן. מען האָט איהם ערלויבט זיך אויסבעטען א גנאָד, און ער האָט זיך אויסגעבעטען פאר זיך און זיינע קינדער די ערלויבנים צו וואָהנען אין ענדענוק (ענדענוק אין א דאָרף לעבען באָן).

נאָטע 4.

גבריאל ריססער איז, אויף וויפיעל איך קען מיר דערמאָנען, אין זיין צייטשריפט „דער יודע", קיינמאָל ניט ארייגעפאלען אין דעם טעות פון די מאָדערנע דייטשע אידען, וועלכע זעהען א סתירה צווישען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג און דעם קולט פון דער אידישער נאציאָנאליטעט. ער האָט געפאָדערט די אידישע גלייכבערעכטיגונג נאָר פאר די פּאָליטישע און

בירגערליכע פליכטען, וועלכע די פּאָליטישע און בירגערליכע רעכט פערלאַנגען.

נעהמען מיר אָן דעם פאַל, דאָס די אידען האָבען ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלען קולט, נאָר ווירקליך אַ לאַנד און אַ שטאַאַט, און דאָס פיעלע מיטגליעדער פון זייער נאַציאָן, אַזוי ווי דאָס איז דער פאַל מיט פיעלע אַנדערע פעלקער, האָבען זיך זייט יאהרהונ־דערטען בעזעצט אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליען; וואָלטען דיזע לענדער אָבגעזאָגט זיי די פולע בירגערליכע רעכט, די גרויסע נאַטוראַליזאַציאָן, ווען זיי וואָלטען פאַר זייערע בירגערליכע און פּאָליטישע פליכטען געפּאָדערט די פולע בירגערליכע רעכט? — איז דען ניט גענוג אין אַ לאַנד געבאָרען צו זיין, אָדער אפילו אויסדריקען דעם וואונש צו ווערען אַ בירגער, כדי אין אייניגע יאָהר צו בעקומען דאָס בירגער־רעכט? — אין הויך־ציוויליזירטע לענדער איז דאָס אַ זעלבסטפערשטענדליכע זאַך. אין דייטשלאַנד נאַטירליך ניט. אין דייטשלאַנד מוז דער זייט יאהרהונדערטען איינגעזעסענער איד פערלייקענען זיין ראַסע, זיין נאַציאָן, זיין געשיכטע, זיין טיפ, זיין טעמפּעראַמענט, זיין כאַראַקטער, כדי אריינגענומען צו ווערען אין שטאַאַט. ניין, ניט אין אַ שטאַאַט, נאָר אין אַ פאָלק, וועלכעס וועט זיך קיינמאָל ניט אויפהויבען צו אַ מאָדערנעם שטאַאַט, זאָלאַנג עס וועט ניט איבערוועלטיגען זיינע ראַסאָווע פאָראורטיילען! — אַזעלכע פאָראורטיילען און ראַסאָווע הערשאַפטסגעפיהלען האָבען די אידען קיינמאָל ניט געהאַט. די תורה גיט אַלעמען גלייכבערעכטיגונג, דעם אידען אקוראַט ווי דעם גר, וועלכער וואָהנט אין דעם אידישען לאַנד.

נאָטע 5.

אין דער צייט ווען מ ע נ ד ע ל ס אָ ן האָט געלעבט אין ד י י ט ש ל א נ ד, איז אין פּ ו י ל ע ן אויפגעטרעטען ר׳ י ש ר א ל ב ע ל ש ם. ער האָט אַזוי וועניג ווי מענדעלסאָן געוואָלט גרינדען אַ סעקטע, אָבער אַזוי ווי דורך מענדעלסאָן זיינען אין דייטשלאַנד ענטשטאַנען די ר ע פּ אָ ר מ א ט אָ ר ע ן, זיינען אין די סלאַווישע לענדער דורך ר׳ ישראל בעל שם ענטש־

שטאַנען די חסידים. — אַ חסיד מיינט אַ זעהר פרו־מער איד. חסידים זיינען שטענדיג געווען אין יודענטום. אַזוי ווי נאָך פאַר ר׳ ישראל זיינען געווען בעל שם טוב׳ס, דאָס רייסט אידען, וועלכע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט קבלה און האָ־בען געהאַט פיעלע אַנהייגנגער. — די אידען האָבען זיך בעטייליגט אין דער קולטור פון די פעלקער, צווישען וועלכע זיי האָבען גע־לעבט, ווי למשל אין שפּאַניען, און זיינען דאָך ניט געווען קיין רעפאָרמאַטאָרען; נאָר די דייטשע אידען זיינען דאָס געוואָרען נאָך מענדעלסאָן, בשעת זיי האָבען זיך אַנגעהויבען צו בעטייליגען אין דער דייטשער קולטור. אויב נאָך מענדעלסאָן און ר׳ ישראל בעל שם טוב האָבען דער ראַציאָנאַליזם און חסידיזם ביי די דייטשע און סלאַווישע אידען ארויסגערופען ערנסטע שפּאַל־טונגען, איז די אורזאַכע דערפון געלעגען אין די אייגענטימליכ־קייטען פון דער נייער צייט, וועלכע אונטערשיידעט זיך פאָל־שטענדיג פון אַלע פריהעריגע צייטען.

אַקוראַט ווי די איסיים אין די לעצטע צייטען פון אַלטערטום און די פּראָטעסטאַנטישע פרומע קריסטען אין דעם סוף פון מי־טעלאַלטער, שטעלען מיט זיך פאָר די חסידים דעם אינווענדיגען אידישען גייסט אין געגענזאַץ צו די פערגליווערטע בוכשטאַבען פון דער תורה. — די חסידים היטען ניט אָב פעדאַנטיש די פאָרשריפטען פון דעם אידישען געזעץ, אָבוואָהל זיי זאָגען זיך נאַטירליך ניט אָב פּרינציפּיעל ניט פון דער תורה שבכתב און ניט פון דער תורה שבעל פה. אָבער די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה איז פאַר זיי נאָר אַן אויסדרוק פון גייסט. ניט די פאָרם נור דער גייסט, וועלכער האָט די פאָרם געשאַפען, איז פאַר זיי הייליג. זיי זיינען ניט קיינע אַסקעטען, היטען אָבער אָב שטרענג די מאָראַלישע ריינקייט. צו די מתנגדים, וועלכע וואַרפען זיי פאָר, דאָס זיי זיינען עובר אויף געוויסע מצוות און דינים, ענטפערען זיי: מיר שטעהען ניט אונטער דעם מדת הדין, נאָר אונטער דעם מדת הרחמים. אין דעם ספר תניא האָט ר׳ שמואל פון ווילנא ענטוויקעלט די פילאָזאָפישע זייט פון חסידיזם פון שטאַנדפונקט פון קבלה. די תלמידים פון דיזען פילאָזאָף רופען זיך חב״ד (חכמה, בינה, דעת). אויף אין ירושלים איז פאַראַן דיזע סעקטע.

אויף ווי ווייט דער חסידיזם האָט זיך פערברייטעט אין פוי־לען, אין די סלאווישע לענדער, אין אונגארען צווישען דער פאָלקס־מאַסע, איז ער, פערשטעהט זיך, ניט געבליבען פריי פון ווילדקיי־טען און לעכערליכען אבערגלויבען. די קריטיק האָט אבער ניט פערשטאַנען דאָס אייגענטליכע וועזען און די היסטאָרישע בע־דייטונג פון דעם חסידיזם. — די מתנגדים, אקוראַט ווי די ראַ־ציאָנאַליסטען האָבען ערקלערט דעם חסידיזם פאַר אפיקורסות. אָבער זייער מחרים זיין פון דעם חסידיזם האָט ניט געקענט אָב־האַלטען אַ גייסטעס־ריכטונג, וועלכע איז אקוראַט אזא נויטיגער פּראָדוקט פון דער צייט, ווי די רעפאָרם, און האָט אפשר נאָך אַ גרעסערע בעדייטונג, אָבוואָהל זי איז געווען אַן אונבעוואוסט־זיניגע ערשיינונג, אָדער דוקא דערפאַר ווייל זי איז געווען אונ־בעוואוסטזיניג. — די רעפאָרם איז ערשט דאַן געקומען, נאָכדעם ווי דאָס מאָדערנע לעבען האָט שוין אונטערגעגראָבען דאָס מיטעל־אַלטערליכע יודענטום. די רעפאָרם האָט נאָך געקענט בענוצען דעם אידישען בוים, וועלכער איז אָבגעהאַקט געוואָרען פון זיין וואָרצעל, כדי אויסצושמיקען איהרע טעמפּלען, וועלכע האָבען אין זיך גאָר נישט מעהר אידישעס. — דער חסידיזם אָבער בילדעט אין דעם לעבעדיגען אידישען גייסט זעלבסט, וועלכער איז אינ־סטינקטיוו אָנגעכאַפּט געוואָרען פון דער מאָדערנער צייט, דעם איבערגאַנג פון דעם מיטעלאַלטערליכען יודענטום צו אַ בענייטען און ווידער־אויפגעלעבטען יודענטום. מען קען גאָר ניט בערעכענען די פאָלגען פון דעם חסידיזם, ווי באַלד עס וועט צוקומען צו איהם די נאַציאָנאַלע בעוועגונג. — אין די גרויסע אידישע צענטרען פון מזרח געפינט זיך דער חסידיזם אַלץ מעהר און מעהר פער־ברייטונג. די מתנגדים, וועלכע האָבען פריהער געגען איהם גע־קעמפּפט, הויבען אָן צו פערשטעהן, דאָס היינט איז פאַר די אידישע פאָלקסמאַסע פון מזרח־אייראָפּאַ פאַראַן נאָר די וואַהל: אָדער זיי מוזען צוזאַמען מיט די רעפאָרמאַטאָרען אָבפאַלען פון יודענטום דורך די מאָדערנע קולטור, אָדער זיי מוזען פערהיטען דיזע אָב־פאַלען דורך די ווידער־אויפלעבונג, וואָס דער חסידיזם איז דער ערשטער אָנזאָגער.

אין זייער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן לעבען די חסידים אין אַ געוויסען מאָס סאָציאַליסטיש, און דאָס הויז פון דעם רייכען

איז שטענדיג אָפען פאר דעם אָרעמאַן. זיי האַלטען זיך אַן דעם אויסשפרוך פון פרקי אבות: שלי שלך ושלך שלך חסיד*), — אַ סעקטע, וועלכע איז פעהיג צו אַזאַ מאָראַל און אַזאַ בעגייסטערונג, איז אויפגעבויט אויף עפּעס אַנדערעס, איידער ווילדקייט און אונ־וויסענהייט.

נאָטע 6.

די גריכען האָבען אין זייער קולט הייליג געהאַלטען די פּאָל־ענדעטע האַרמאָנישע נאַטור, אָבער ניט דאָס ווערדען, די ענט־שטעהונג. אויך דער מענש איז ביי די גריכען פערגעטערט גע־וואָרען אַלס די פּאָלענדעטע אָרגאַניזאַציאָן, אַלס די שפּיץ פון דעם אָ ר ג אַ נ י ש ע ן לעבען, ניט אָבער אַלס דער טרעגער פון אַ נייער לעבענס־ספערע, ניט אַלס אַ נייעס זיך ענטוויקלענדעס, גייסטיגעס, מאָראַלישעס, ס אָ צ י אַ ל ע ס וועזען, אַזוי ווי דאָס איז געשעהען שפּעטער אין דעם פון יודענטום ענטשטאַנענעם קריסטענטום. — די אידען פערקערט האָבען הייליג געהאַלטען די געשיכטע, דאָס ווערדען, דעם קולט פון דעם גאָט יהוה, וועלכער דריקט שוין אויס אין זיין נאָמען „פערגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט". — אפילו די קאָסמישע און אָרגאַנישע לעבענס־ספערען, וועלכע זיינען פּאָלענדעט אין דעם געגענווערטיגען וועלט־אַלטער, זיינען אין די ביבעל אריינגענומען געוואָרען ניט אַלס אַן אייביגער, אָבגעשלאָסענער קרייז־לויף, נאָר אַלס נ ע נ ע ז י ס, ענשטעהונג, וועלכע הויבט זיך אָן מיט דער וועלט־שעפּפונג און דעם נאַטור־שבת, כדי ארומצונעהמען פּראָפּעטיש די גאַנצע גע־

---

*) עס זיינען פאראַן פיער מדות וועגען מיין און דיין, אזוי שטעהט אין פּרקי אבות. די ערשטע מדה וועגען אייגענטהומס־רעכט האָבען מיר שוין דערמאָהנט אין דריטען בריעף. דאָס איז די געוועהנליכע בירגערליכע מאָראַל, יעדער פאַר זיך, שלי שלי ושלך שלך. די צווייטע מדה איז פון די אייגענטהומס־טהיילער, פון דעם פּעבעל, פון דעם מאָב, פון דעם עם הארץ, וועלכער וויל זיך צוטהיילען מיט די רייכע, כדי איבערצובייטען די ראָ־לען: שלי שלך, ושלך שלי. די דריטע מדה איז פון דעם ח ס י ד, וועלכער זאָגט: שלי שלך, אָבער פערלאַנגט ניט קיין פרעמדען אייגענטום. די ענט־געגענגעזעצטע מאָראַל איז פון דעם רשע.

שיכטליכע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט ביז צו דעם היסטאָ־רישען שבת. — די טענדענץ, צו דערקענען גאָט אין דער געשיכ־טע, און נים נאָר אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דעם קאָסמישען און אָרגאַנישען לע־בען, איז אַ אידישע גייסטעס־ריכטונג. — ביי דעם געשיכטס־שטודיום איז דיזע שטרעבונג צו דער ערקענטנים פון דעם ווער־דען, פון גאָט, אַ זעלבסט־פערשטענדליכע זאַך. ביי דעם שטודיום פון דער נאַטור אָבער איז דיזע שטרעבונג להיפך צו דער גייסטעס־ריכטונג פון די מאָדערנע נאַטור־פאָרשער. ג ע ט ה ע און ה ו מ־ב אָ ל ד ט זיינען בעוואוסטזיניג געוועזען געגנער פון דער גייס־טעס־ריכטונג, וועלכע הענגט צוזאַמען זעהר ענג מיט דער אידישער גאָטטעס־אידעע. — די גריכען האָבען הייליג געהאַלטען די גאַנצע נאַטור מיט איינשליסונג פון דעם מענשען, אַלס פּאַלענדעטען נאַ־טור־פּראָדוקט. ד י א י ד ע ן האָבען הייליג געהאַלטען די גאַנצע געשיכטע מיט איינשליסונג פון דער געשיכטע פון דעם קאָסמישען און אָרגאַנישען לעבען; די ק ר י ס ט ע ן האָבען פערגעטערט דאָס איינצעלנע מענשליכע אינדיווידואום אַלס געט־ליכע פּערזאָן. ערשט דורך דאָס קריסטענטום איז די אינדיווי־דואליטעט אויפגעטרעטען אין דער וועלט. —

דער איינצעלנער מענש, מאַן אָדער ווייב, אָהן פאַמיליע און אָהן פאַטערלאַנד, איז ערקלערט געוואָרען פון דעם קריסטענטום פאַר הייליג. דאָס איז די וועלט־היסטאָרישע בעדייטונג און אויך דער טעות פון קריסטענטום. כדי אויסצודריקען דאָס רעכט פון דעם אינדיווידיאום, האָט דאָס קריסטענטום געמוזט אויפפאַסען דעם מענשען אַבסטראַקט, ניט ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט, נים אין צוזאַמענהאַנג מיט נאַטור און געשיכטע, מיט פאַמיליע און פאַטערלאַנד. — דער אונטערגאַנג פון דעם אַנטיקען לעבען און דאָס אויפטרעטען פון די גערמאַנישע ראַסען האָבען ווידער אַרויסגעבראַכט דאָס רעכט פון דעם אינדיווידואום, אָבער אויך די איינזייטיגקייט פון דער אינדיווידואַליסטישער ריכטונג. דיזע העכערע איינהייט פון די היסטאָרישע קולטען איז מעגליך געוואָ־רען נאָר אין דעם אידישען געשיכטס־קולט, וועלכער דערהויבט זיך צו דער מדרגה פון אַ וויסענשאַפט. דער אידישער געשיכטס־קולט, וועלכער דערהויבט זיך צו וויסענשאַפט, איז די ביבעל־

רעליגיאָן, וועלכע דערהויבט זיך צו דער וויסענשאַפטליכער ג ע־נ ע ז י ס פ ו ן ד ע ם ק אָ ס מ י ש ע ן, אָ ר ג אַ־נ י ש ע ן א ו ן ס אָ צ י אַ ל ע ן ל ע ב ע ן. ווען דאָס יודענ־טום וועט ווידער אויפלעבן אַלס זעלבסטשטענדיגע נאַציאָן, וועט דער אידישער געניוס ווייטער אויסבילדען די ביבעל־רעליגיאָן.

נאָטע 7.

בשעת די פאַר־היסטאָרישע מענשען־ראַסען זיינען געשטאַנען אויף דעם גרעניץ צווישען דעם אָרגאַנישען נאַטור־לעבען און דעם סאָציאַלען לעבען, זיינען זיי, לויט דער ערצעהלונג פון דער תורה, פערניכטעט געוואָרען. אין דעם פסוק שטעהען די ביז יעצט אונ־פערשטאַנענע ווערטער: לא ידין רוחי באדם לעולם בשגם הוא בשר — מיין גייסט זאָל ניט אייביג ווײלען ביי דעם מענשען, ווארים ער איז פלייש *). וואָס ענטשטעהט, איז ווערט, דאָס עס צו גרונדע געהט. — גאָרנישט איז אייביג אין דער עקזיסטענץ, ניט דער אטאָם, ניט דער וועלט־קערפער, ניט דער זאמען, פון וועלכען עס ענטוויקלען זיך גאַנצע דורות, ניט דער העכסטער יציר פון דער ערד, „ווארים ער איז פלייש" און מוז זיך בענייען דורך טויט און ווידערגעבורט, און מוז געהן דעם "וועג פון פלייש".

אַלע פעלקער האָבען געהאַט מעשיות וועגען דער לעצטער קאטאַסטראָפע, וועגען דער אָרגאַנישער לעבענס־ספערע. אָבער נאָר אונזער תורה האָט פון אָנהויב אָן אריינגעוואָרפען אַ טיעפען בליק אין די שעפּפונג, האָט בעגריפען דאָס זיין אַלס דאָס ווערדען, וועלכעס ענטהאַלט אין זיך דעם געזעץ פון לעבען און טויט. און וואָס איהר אמת און איהר ווירקליכקייט איז די אייביגע געבורט און ווידערגעבורט.

די אַנטי־גענעטישע, היידנישע וועלט־אַנשויאונג פון דעם אַ י י ב י ג ע ן ז י י ן, ליעבט עס ניט צו קוקען דער פראַגע פון ו ו ע ר ד ע ן גלייך אין פנים. זי דרעהט זיך ארוים פון

*) די מאָדערנע ביבעל קריטיקער מיינען, דאָס די ווערטער „ידון" און „בשגם" זיינען פער'טעות'ט פון י ל י ן און ב ע ב ו ר.

דער פראגע, וואו זי קען נאר. אבער די מאדערנע וויסענשאפט האָט ארויסגעדרענגט ביסלעכווייז יענע וועלט־אנשויאונג פון איי־בּיגען זיין פון אלע איהרע פּאָזיציאָנען.

נאָטע 8.

ל ו צ א ט א רעדט אָהן פאָראורטייל מכח דעם קרבנות־קולט. ער בעטראכטעט איהם פאר פאר־ביבליש, פאר־היסטאָריש.— דאָס וואָרט קרש, וועלכער איז יעדענפאלס עלטער איידער די תורה, שטאמט, לויט לוצאטא, פון „יקוד אש“, פון בראנד־אָפּפער. — לוצאטא איז געווים אן אויטאָריטעט אלס שפראך־קעננער, און אלס אָרטאָדאָקסישער איד. — נאך זיין מיינונג זיינען די קרבנות געוועזן א הנחה, וועלכע די תורה האָט געמאכט דעם פאָלק, כדי עס צו פערהיטען פון עבודה זרה. די קרבנות האָבען אָבער אויך געהאט דעם צוועק צו פערבינדען נאך פעסטער די אידישע נאַ־ציאָן נאך דעם געבאָט, דאָס מען זאָל די קרבנות ברייננגען נאָר אין בית המקדש. מיט די קרבנות איז נאך געוועזן פערבונדען וואָהלטעטיגקייט. — ווי ביים קרבן פסח האָט מען אויך ביי יעדען קרבן זיך געמוזט טיילען מיט די אָרעמע און אויף אזא אופן פערווירקליכען דעם „כל ישראל ערבים זה בזה“.

דער ר מ ב“ם זעהט אין דער בעשרענקונג פון די קרבנות די טענדענץ, די קרבנות איבערהויפּט ווי ווייט מעגליך אָבצושאַ־פען. די קרבנות זיינען לויט דעם רמב“ם א הנחה צו די מנהגים פון די גוים, כדי דערמיט די מענשליכע קרבנות אונמעגליך צו מאכען. — דער אברבנאל בעמערקט אין זיין פירוש צו שמות, דאָס דער קרבן פסח איז איינגעפיהרט געוואָרען געגען די פער־געטערונג פון אמאָן.

געווים זיינען אין אלטערטום די מענשליכע קרבנות ביסלעכ־ווייז פערביטען געוואָרען דורך קרבנות פון חיות. די גאנצע פאר־צייטיגע געשיכטע, די ביבלישע אזוי ווי די היידנישע, בעווייזט דאָס. — אין דער תורה בעווייזט זיך גלייך נאך דעם מלאך, וועל־כער האָט ניט צוגעלאָזען די שעכטונג פון יצחק'ן, דער „איל משולש“. — ווען איירופידעס אין גריכענלאנד שילדערט, ווי צר־

טעמים איז מציל די איפיגעניע פון דעם שלאכט־מעסער פאר א קרבן, געפינט זיך אויף א געקוילעטער הירש אויף איהר פלאץ. — אבער אין דער תורה אזוי ווי אין גריכענלאנד בלייבען נאך שפורען פון מענשליכע קרבנות. — אפילו איפיגעניע, וועלכע איז ענטפערנט געוואָרען פון אולים, טרעט אויף אין טאורים אלס די פריסטערין פון ארטעמיס, מיט דעם אויפטראג צו שעכטען אלס קרבן יעדען גריך, וועלכער וועט קומען אהין. — ביי די איבריגע פארציייטיגע פעלקער האבען זיך נאטירליך די מענשליכע קרבנות א סך לענגער געהאלטען, איידער ביי די אידען און גריכען. — אין אינדיען, אין מצרים, ביי די אלטע גערמאנען, אזוי ווי ביי די סעמיטישע פעלקער זיינען די מענשליכע קרבנות געווען אלגעמיין פערברייטעט. די פראנקען, וועלכע זיינען געקומען אין איטאליען אונטער דער פיהרונג פון דעם קעניג טעאָדאבערט, האָבען געבראכט פאר א קרבן די פרויען און קינדער פון די גאָטהען און האָבען אריינגעוואָרפען אין דעם טייך פאָ זייערע קערפערס, אלס די ערשטע פרוכט פון זיעג. די מיינונג, דאָס מענשליכע קרבנות זיינען נויטיג, כדי צו געפינען געפעליגקייט ביי גאָט, האָט געהערשט אויך אין דער שפעטערער אידישער און קריסטליכער וועלט. די קריסטליכע וועלט האָט אויפגעפאסט דעם טויט פון דעם געקרייציגטען ווי א קרבן. „אויך דער פון זינדען ריינער מענש“, אזוי שטעהט אין ז ו ה ר, „איז א קרבן. די צדיקים זיינען דער קרבן פון דער וועלט“ (זוהר פרשת נח). כפרות ערב יום כפור זיינען נאך א רעסט פון קרבנות. דאָס איז קענטיג אויך אין דער תפילה צו כפרות: זה כפרתי, זה חליפתי, זה התרנגול ילך למיתה ואני אלך לחיים טובים ארוכים ושלום. — אזוי ווי קרבנות האָבען פערביטען מענשליכע קרבנות, אזוי האָבען תפילות שפעטער פערביטען קרבנות בכלל. די נביאים און די הייליגע זינגער האָבען דאָס ניט אויפגעהערט אָנצוזאָגען. די נביאים, וועלכע האָבען געקעמפפט נעגען עבודה זרה, האָבען אויך געקעמפפט געגען די קרבנות, וועלכע זיי האָבען בעטראכט אזוי ווי עבודה זרה. — די אומקערונג צו דעם אלטען אידישען קולט פון קרבנות וואָלט היינט געווען אקוראט אזא ריקשריט, ווי אמאָל די אומקעהרונג פון קרבנות מיט בהמות צו מענשליכע קרבנות. נאָך דער אויפלעבונג פון דער אידישער נאציאָן וועט דער אידישער

קולט אויך ניט בלייבען שטעהן ביי די תפילות, ווארים די אידישע תפילות דרעהען זיך גור ארום חורבן ירושלים און די תקות המשיח. — דער אידישער קולט וועט זיך ענטוויקלען פּאַרווערטס צוזאַמען מיט דער אידישער נאַציאָן.

נאָטע 9.

קאָלאָניזאַציאָנען ענטשטעהען ניט נאָר אויס בעגייסטערונג פאר א אידעע, נאָר אויס דעם בעדירפניס פון לעבען. זיי קומען ארויס פון לענדער, וואו דאָס לעבען איז שווער, און ציהען זיך אין אזעלכע לענדער, וואו עס איז לייכטער צו געפינען פרנסה. — דאָס איז א פריעדליכע פעלקער־וואנדערונג, וועלכע זוכט א בעסערען באָדען פאר די ארבייט און א גרעסערען שוטץ פאר די רעכטע פון דער ארבייט. — ווען אין פראנקרייך הערט זיך א שטימע, דאָס די אידען פון אלע לענדער זאָלען אונטערשטיצען די אידישע קאָלאָניזאציאָן אין אָריענט, מיינט עס, דאָס די אידישע קאָלאָניסטען אין אָריענט קענען מאכען א לייכטערען לעבען, און דאָס די אידישע ארבייט קען דאָרט געפינען וועניגסטענס אזוי פיעל שוץ, ווי אין איירָאפּאַ. עס פרעגט זיך, אויב אין אָריענט עקזיסטירט דיזע ערשטע בעדינגונג פאר אידישע קאָלאָניזאציאָן. ביז היינט איז דאָס נאָך אויף קיין אופן ניט דער פאַל. עס קען דערפאר נאָך ניט זיין קיין רייד פון א מאסען־אויסוואנדערונג פון אידען אין דאָס הייליגע לאנד. אָבער דער אָריענט ענדערט זיך א דאנק דער ציוויליזאציאָן. א דאנק די אייזענבאהנען פערשווינדען היינטיגע צייטען די געאָגראפישע ענט־פערנונגען און דער געגענזאץ צווישען דער איירָאפּעאישער ציווי־ליזאציאָן און דער אָריענטאַלישער בארבאריי. די קולטור, וועלכע האָט זיך אין לויף פון דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט פערברייטעט פון מזרח צו מערב, האָט זיך יעצט, זייט דער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן אָנגעהויבען צו פערברייטען צוריק אין דעם אָריענט. — דער געאָגראפישער צענטער פון דער קולטור, וועלכער איז זייט טויזענדער יאָהרען געווען פערגליווערט, לעבט ווידער אויף. די פראַנצויזישע פּאָהן פלאַטערט איצטער

אין עגיפטען און סיריען, און די ווערטער, וועלכע דער פראנצוי־זישער דיכטער האט צוגערופען צו דער סירישער עקספעדיציאן, זיינען ניט נאר פאעטישע נאר נביאישע ווערטער.

דער אלטער נאפאלעאן שוין, וועלכער האט אונטערנומען א מלחמה געגען עגיפטען, און די סען סימאניסטען, וואס איינער פון זיי שטעהט יעצט אן דער שפיץ פון דער סועץ־אונטערנעהמונג, האבען שוין אנערקענט די גרויסע בעדייטונג פון דער ציוויליזא־ציאן פון דעם אריענט פאר דאס מאדערנע פראנקרייך. די פראנ־צויזישע מלחמות אין קרים און אין איטאליען זיינען געווען נאר פארבערייטונגען פאר די לעזונג פון דער אריענטאלישער פראגע. די לעזונג ליגט אין דער פעראייניגונג פון דער היינטיגער איירא־פעאישער קולטור מיט דער אלטער אריענטאלישער קולטור פון די סעמיטען. די סעמיטען זיינען ביז היינט געווען יענער אור־אלטער, וועלט־היסטארישער, טיפישער געגענזאץ געגען די אינדא־גערמאנען, וועלכען ערנעסט ר ע נ א ן אונטערשטרייכט אזוי שארף און זאגט דערביי, דאס די סעמיטען האבען א גרעסערע פעהיגקייט צו ערוואכען פון טויט צו לעבען, איידער די אינדא־גערמאנען.

ווען דער סועץ־קאנאל וועט פארטיג ווערען, וועלען די אינ־טערעסען פון דעם וועלט־האנדעל און דער פאליטיק נויטיג מא־בען די גרינדונג פון קאנטארען און קאלאניען אויף דעם וועג צו אינדיען און כינא. די אבגעלאזענקייט און אנארכיע פון די לענ־דער, וועלכע ליגען אויף דיזען וועג, וועט מוזען אויפהערען. דאס קען נאר געשעהן אונטער דעם מיליטערישען שוץ פון די איירא־פעאישע מעכטע. די פראנצויזישע פאליטיק ארבייט שוין לאנג אויף דעם וועג. די קנאה וועט נאטירליך ניט פערגינען פראנקרייך איהר אריענטאלישע פאליטיק. אבער די פראנצויזען האבען זייט דער גרויסער רעוואלוציאן איבערוועלטיגט דעם דואליזם פון גייס־טיגעס און מאטעריעלעס אין סאציאלען לעבען, אזוי ווי דאס בע־ווייזט דייטליך די פון אונז ציטירטע פראנצויזישע שריפט. דער מאטעריעלער נוצען שליעסט אבער דא ניט אויס דעם אידעאל. דער אידעאל שוועבט ניט אין דער לופט, נאר ער האט א מאטע־ריעלען יסוד. ווער עס אפעלירט צו אידעאלען, איז דאך דערפאר ניט א צבוע׳ק, ווען ער פערבינדעט מיט דעם אידעאל אויך א

נוצען. און א מענש אז ניט קיין פאנטאזיאר, ווען ער זעהט אין דער ערדישער וואורצעל פון אלעם מענשליכע די העכערע בליטע פון גייסט.

עס פערשטעהט זיך, דאס דערוויל רעדט זיך נאך ניט פון אן אלגעמיינער אויסוואנדערונג פון די אייראפעאישע אידען אין ארץ ישראל. ווען עס וועט אפילו בעשטעהן א אידישע מלוכה, וועלען די וועניגע אידען פון די מערב־אייראפעאישע אידען בלייבען וואהנען אין זייערע לענדער. — די מערב־אייראפעאישע אידען, וועלכע האבען זיך ניט לאנג ערשט געעפענט דעם וועג צו קולטור און האבען זיך אויסגעקעמפפט אן עהרענפולע בירגערליכע שטעלע, וועלען זיך דערפון ניט אבזאגען. ווען א אידישע מלוכה זאל אפילו ווערען רעאל. אזעלכעס אבזאגען זיך פון ערווארבענע רעכט ליגט ניט אין דער מענשליכער נאטור און מען קען זיי אפילו ניט ערווארטען פון די פאטריאטישע אידען. היינט בפרט שוין פון אונזערע אויפגעקומענע „געבילדעטע", וועלכע האבען איבערגעריסען די פערבינדונג מיט זייער אלטער אידישער פאמיליע און מיט זייער נאציאן און וועלכע שטאלצירען דערמיט, וואס זיי זיינען אנטלאפען פון דער נויט פון „פאלק". פאר די אייראפעאישע אידען פון מערב־אייראפא וועט עס אבער ניט זיין קיין מניעה צו שענקען אויפמערקזאמקייט צו זייער פאלק, וועלכען זיי קענען אפילו באמת ניט, און וועלען איהם העלפען אין זיין וועלטהיסטארישער מיסיאן צו פאדערן זיין פאטערלאנד ניט נאר פון גאט, נאר אויך פון די מענשען.

אין אלע צייטען האבען די אידען פון דער גאנצער וועלט געפיהלט זייער סאלידאריטעט מיט די אידישע צענטרען. אפילו אין אלטערטום האט דער ברייטער גלות ניט געקענט שטערען דאס מערקווירדיגע אידישע פאלק, אנטייל צו נעהמען אין יעדער נאציאנאלער אונטערנעהמונג, זיך געגענזייטיג צו העלפען אין גליק און אונגליק, צו טראגען דעם שיקזאל בשותפות און ניט צו פערלאזען דאס לעצטע פון די אידישע קינדער. היינט איז עס פאר א אידישע מלוכה פאלשטענדיג גלייכגילטיג, ווי פיעל מיטגליעדער פון אידישען פאלק וועלען לעבען אין ארץ ישראל אדער אין אויסלאנד. בשעת דער אמאליגער אידישער מלוכה האבען אויך פיעלע אידען געלעבט אין אויסלאנד. המן הרשע אין דער צייט פון בית שני

רעדט שוין די שפראך פון אונזערע היינטיגע אידען־פיינד: "ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין כל העמים". עס איז אבער ניטא קיין ציוויליזירטע נאציאן, וואס פיעלע פון איהרע מיטגליעדער זאלען ניט לעבען צווישען אנדערע נאציאנען אלס אויסלענדער־ אדער נאטוראליזירטע. זא לאנג ווי עס איז נאך ניטא קיין זעלבסטשטענדיגע אידישע מלוכה, מוזען דאך יערענפאלס די אידען פון גלות פערלאנגען נאטוראליזאציאן און גלייכבערעכטיגונג, דאס הייסט „עמאנציפאציאן", אבוואהל זיי זאגען זיך ניט אב פון דער האפנונג אויף א אידישער מלוכה. — די פרייע נאציאנען זאגען דערפאר ניט אב די אידען די גלייכבערעכטיגונג, ווייל זיי בלייבען טריי זייער נאציאנאליטעט, ווארים גראדע דיזע טרייקייט פערדיענט די אכטונג אין דעם העכסטען גראד.

נאטע 10.

די העברעאישע צייטונג „המגיד" ברייננט אין איהר נומער פון 26טען מערץ א בעריכט וועגען א מיטינג אין מ ע ל ב ו ר ן (אויסטראליען) אין דעצעמבער 1861, אין וועלכען עס האבען זיך בעטייליגט בעדייטענדע קריסטען און אידען. — דער פארזי־צענדער ל א י ע נ ס האט מיטגעטיילט דער פערזאמלונג, דאס די אידען פון ירושלים האבען געקויפט לאנד אויף דעם בארג ציון, וואס דערמיט וועט געמאכט ווערען דער אנהויב פון א אידישער קאלאניזאציאן אין ארץ־ישראל. — נאך איהם האט גערעדט א אידישער געלעהרטער, און א איבערזעצער האט איבערזעצט זיינע רייד פון העברעאיש אין ענגליש. זיין פאטריאטישע רעדע איז שטורעמדיג אפלאדירט געווארען. — דערנאך האט גערעדט א קריסטליכער גייסטליכער פאר דעם ווידער־אויפבוי פון דער אי־דישער מלוכה: „צו וועלכער מלוכה", האט ער גערעדט, „קען אנקומען ארץ ישראל בירושה? צו דער טערקיי? זי שטארבט אב און איהרע טעג זיינען געצעהלט. — צו פראנקרייך? — רוס־לאנד און ענגלאנד וועלען עס ניט צולאזען, און דיזע דריי מלוכות וועלען עס איינע די אנדערע ניט פערגינען. נאר די אידען קענען בעקומען ארץ ישראל, אזוי ווי זייערע עלטערן האבען ערוואר־

בען דיזעס לאנד מיט דער הילף פון גאָט". — דערנאָך האָט גע־רעדט דער ד י ע ן אָ ף מ ע ל ב ו ר ן, און האָט ערקלערט דאָס ער האָט שוין לאַנג געזאָגט צו זיינע לאַנדסלייט, דאָס די אידען וועלען באַלד ווערען די הארען פון דעם לאַנד, וועלכעס איז זיי צוגעזאָגט געוואָרען. זיין פרייד איז גרויס, דאָס ער האָט עס ערלעבט, דאָס דער ערשטער שריט איז געשעהן. דער אָנהויב איז אפילו קליין, אָבער ער וועט פיהרען צום ציעל. אזוי ווי די ערשטע און צווייטע ערלעזונג פון גלות מוז אויך די דריטע ער־לעזונג פאָרקומען אויף אַ נאַטירליכען אופן, אָבער דורך די הילף פון גאָט, און עס איז דערפאַר אַ הייליגע פליכט פון די קריסטען צו אונטערשטיצען די אידען אין זייער ווערק.

דערנאָך איז בעשלאָסען געוואָרען צו בילדען אַ קאָמיטע און צו זאַמלען געלד אין גאַנץ אויסטראַליען, כדי צו ערווערבען לאַנד אין ארץ ישראל פאַר די אידען.

אָבער נאָך איידער דיזע נאַכריכט איז בעקאַנט געוואָרען, האָט רבי צ ב י ה י ר ש ק א ל י ש ע ר ארויסגעגעבען דעם דריטען חלק פון זיין ווערק „אמונה ישרה", פון וועלכען עס האָט זיך שוין געדעדט אין 12טען בריעף. — די מיינונגען פון רבי קאַלישער זיינען איינשטימיג מיט דעם דיען אָף מעלבורן, דאָס די גאולה פון דעם דריטען גלות דאַרף פאָרקומען דערוויי־ל פאַמעליך אונטער דעם שוץ פון די אייראָפּעאישע מעכטע און מיט דער הילף פון אונזערע איינפלוסרייכע ברידער, וועלכע האָ־בען זיך ערוואָרבען אזוי פיעל רייכטום און הויכע שטעלונגען. ער שרייבט אזוי: מאמר ראשון, גאולת ישראל, 11: וכעת יושבים קרוב למלכות כבית ראָטהשילד, פולד ודומיהן. — כי ראשית הגאולה ע"י התעוררות רוח נדיבים וע"י רצון המלכיות לקבץ מעט מיני פזורי ישראל לאדמת קודש".

קדם כל מוז מען, נאָך דער מיינונג פון דעם פּערפאַסער, גרינדען אַ געזעלשאַפט פאַר די אונטערשטיצונג פון אידישע קאָלאָניסטען אין פּאַלעסטינא. פאַר דעם פרומען אידען איז ני־טאָ קיין גרעסערע מצוה, ווי צו קולטיווירען דאָס הייליגע לאַנד דורך אַרבייט.

דער שלום־וואָרט פון דעם פערפאַסער, וועלכער איז אין 12טען בריעף איבערזעצט געוואָרען אין דייטש, לויטעט ווי פאָלגט:

ועתה אם עוד לא בא עת לחננה לבקש תחבולות, אשר מזבח ד' בציון נכון, אם עוד רחוק הרשיון מן השולטן לזה, זאת אפוא עצה היעוצה לעת כזאת, אשר גדלו והצליחו בעזרת גואל ישראל ית"ש גדולי נדיבי עם בישראל, רוזנים ופרתמים, שרים נכבדים, אשר מימות החורבן לא נמצאו כאלו, אשר יש להם שבט מושלים ע"י שרביט הזהב בריצי כסף כמו בית רוזני ראטהשילד, מאָנטי־פיורי, פולד, אלבערט קאָהן והדומיהן, שרי ארץ מעם בני ישראל ד' עליהם יחוס, המה יחלו להקים חברת ארץ נושבת, ועמם יתחברו הרבה עשירי ישראל, נכבדי עם, נדיבי לב, אוהבי ד' ואוהבי קדושת ארצו, ושוחרי משכנות יעקב, וזאת פעולתם אשר יפעלון בעים רוחם:

א.) יזלו הרבה כסף מכיסם לקנות בארץ ישראל הרבה ערים חרבות, ושדות, וכרמים, ופלחי אדמה, והיה המדבר ללבנון, והרכסים למישור, וארץ נשמה מבלי עובד תפרח כחבצלת ותצמח פרי לתרופה, בשרה אשר יברכהו ד' י"ש. יד על יד יקובצו הרים וגבעות, כפרים וערים נשמות תחת יד ממשלתם, אשר בכסף בני החברה יקנו (או עפ"י אקציען, כי בלי ספק בהמשך זמן יוצמח מזה פרי בריות, כי יצוה ד' את הברכה בצמחי השדות, וכרמים ושמן זית ודומיהן).

ב.) יתקבצו להם אנשים יהודים רבים מרוסיא, פולין ואשכנז, אשר יקחו שכרם מהחברה לפעול עבודת הארץ, אשר יפקדו עלימו מהחברה, ומי שיבין בעצמו עבודת אדמה, יותן לו כברת ארץ על זמן, לעבדה ולשמרה ולאכול מפריה בחנם, עד אשר יעלה השבח כפי ראות עיני הפקידים עליה, ואם יחסר לו די מחייתו בעוד האדמה לא זרועה, יותן לו מהחברה די מחייתו עד עת הקציר ובציר אשר עוד לא יחסר לו טרף לביתו.

ג.) להכין שם שומרי מלומדי מלחמה, למען לא יבואו הערבים, אשר ישליו אוהלים לשודדים לשחת הזרע וממטעי כרמים, ויעשו פאָליציי־אָרדנונג להשמידם.

ד.) שיוקבע מהחברה בית מדרש ללימוד חכמת הארץ (עקאָ־נאָמיע), לחנך נערי בנ"י, ללמדם עבודת שדה וכרם עם שארי למודים הנלוה עם תורה ויראה, ובית הלימוד ההוא יהיה בארץ ישראל או בחוץ לארץ, במדינה אשר היין והשמן מצוי, למען

ילמדו היות כרמים ויוגבים מלבד עבודת שדה. כי ארץ הקדושה ארץ זית, שמן, גפן, תאנה ורמון, והאל יתברך יעזרנו בחסד עולם, כי מעט מעט ותרבה עשות מקנה וקנין בארץ ישראל, כנבואת יחזקאל ע"ה, אשר בלי ספק יצרך אתערותא מצדינו כראיות מספרי, ומדרש, ודומה שהבאתנו לעיל *).

נאָך אַ וואָרט פון פּערפאַסער.

אין לעצטען אויגענבליק, פאַר דער פּערעפּענטליכונג פון די־זען ווערק, לעז איך אין דער קרייץ־צייטונג מכח אַ אידען־פיינד־ליכע שריפט אונטער דעם נאָמען: „די אידען און דער דייטשער שטאַאט". וועלכע איז ערשינען אין בערלין און האָט שוין דער־לעבט פינף אויפלאַגען.

איך וואָלט געווינשט, דאָס איך וואָלט זיך געקאָנט דערוויסען פריהער מכח דיזען קריסטליך־גערמאַנישען פּראָדוקט. ניט, פער־שטעהט זיך, כדי דאַגעגען צו פּאָלעמיזירען, נאָר כדי צו קאָנסטאַ־טירען דעם „געשמאַק" פון איהרע לעזער. נאָכדעם אָבער ווי איך האָב אַריינגעבליקט אין דיזעס בוך, האָב איך גלייך דערזעהען, דאָס דער אַנאָנימער פערפאַסער איז אַ „ספּעקולאַטיווער" אַטהע־איסט און רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז איבערגעלאָפען צו דער פּאַרטיי פון דער קרייץ־צייטונג, און ווען דאָס דייטשע פּוב־ליקום וועט מיט עמפּערונג אָבזאָגען אין יעדע סאָלידאַריטעט.

ענדע.

---

*) זעה די איבערזעצונג אויבען.

2188 13

BP

OMNIVM LVX CIVIVM

MDCCCLII

MDCCCLXXVIII

BOSTON
PUBLIC
LIBRARY